STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01518

# ZIKHROYNES FUN A FOLKS-KOMISAR

Isaac Nachman Steinberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. נ. שטיינבערג

# זכרונות
# פון א פאלקס-קאמיסאַר

פאַרלאג ח. בזשאָזאַ
וואַרשע 1931

Printed in Poland
Pamiętniki komisarza ludowego
Wydawnictwo Ch. Brzoza
Warszawa, 1931.

Druk. Lewi Lewin-Epstein
Warszawa, Pawia 38.



י. נ. שטיינבערג אין י. 1917

# אינהאלט:

זייט


אריינפיר

**ערשטעס קאַפּיטל: לענין און דזיערזשינסקי ביי דער ארבעט.**

פארזאמלונג פון די קאָמיסארן. לענין און די פּינען. דזיערזשינסקי ביי דער ארבעט. די טשעקא פארטיידיקט זיך. די קאָמיסארן דעבאטירן. לענין שרייבט נאָטן. וועגן „וויכטיקע" ארעסטן. 5

**צווייטעס קאַפּיטל: דער חלום פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג**

די קאָנסטיטואַנטע קעגן די סאָוויעטן. דריי פּאָליטישע ליניעס ביי די סאָציאַליסטן. לענין און נאַטאַנסאָן. אוריצקי גרייט צו א קבלת-פּנים. דאָס זוכן א מערהייט. דאָס אויסארבעטן די דעקלאראַציע. שפּאַנונג און צוזאמענשטויסן אויף די גאַסן. די קאָנסטיטואַנטע ווייזט זיך דעם פאָלק. די לעצטע שעהן. 36

**דריטעס קאַפּיטל: אין שאָטן פון טעראָר.**

די אָקטאָבער-רעוואָלוציע און די טשעקא. אַלעקסאַנדראָוויטש. די רוסישע באַסטיליע. 79

**פערטעס קאַפּיטל: מעשה רוטקאָווסקי** 90

**פינפטעס קאַפּיטל: דער פאַל אנטאָנאָוו.**

לענין און זיין העלד פּראָשיאַן. Et tu, Brute! — לענין געווינט, אָבער פארלירט. 98

**זעקסטעס קאַפּיטל: מעשה קאָזלאָווסקי**

קראַסיקאָוו און קאָזלאָווסקי. דאָס הילצערנע ווענטל אין לענינס אר-בעטס-צימער. דאָס פארטיידיקן פון די מלאכים. רעאַל-פּאָליטיק: 112

**זיבעטעס קאַפּיטל: דער מאָרד פון שינגאַרעוו און קאָקאָשקין**

פרייהייט און שפלות. שינגאַרעוו און קאָקאָשקין. לענין און דיבענקאָ. אין שפּיטאָל. אין סמאָלני-אינסטיטוט. 126

**אכטעס קאַפּיטל: פּרוי שטשעגלאָוויטאָוו.**

היסטאָרישע סימבאָלן. די לעצטע שאַנס. 149

**ניינטעס קאַפּיטל: די באַראָנען.**

רעוועל גיט ארויס א באַפעל. פּעטראָגראַד באַקעמפט אים. הומאַניזם און פּאָליטיק. 158

**צענטעס קאַפּיטל: ברעסט-ליטאָווסק**

טראָצקי קעגן לענינען, טראָצקי פאר לענינען. די אַנטשיידנדיקע נאַכט-זיצונג. דייטשישער מאַרש אויף פּסקאָוו. „דאָס סאָציאַליסטישע פאָטערלאַנד אין געפאַר!" דער שלום איז אונטערגעשריבן, די מלחמה פאַנגט זיך אָן. 171

# אַרייַנפיר

מיטן אונטערגאַנג פון רוסישן צאַריזם איז אין פרילינג 1917 פאַרניכטעט געוואָרן די אוממענטשלעכסטע אויטאָקראַטיע, וואָס די געשיכטע האָט ווען-עס-איז געזען. לאַנגע יאָרהונדערטער זענען מיליאָנען פויערים באַהאַנדלט געוואָרן אונטער דאָזיקן רעזשים אַלס קנעכט, שטאָט-פּראָלעטאַריער זענען געהאַלטן געוואָרן אונטערן אינדוסטריעלן יאָך, יעדער אָטעם פון פרייהייט, פון סאָציאַלער, פּאָליטישער, עקאָנאָמישער און גייסטיקער פרייהייט איז אומברחמנותדיק דערשטיקט געוואָרן. טויזנטער מענער און פרויען, וואָס האָבן געהאַט דעם מוט צו לאָזן הערן אַ שטימע פון קריטיק קעגן דאָזיקן רעזשים, האָבן דערפאַר באַצאָלט מיט פאַרשיקונג אין סיביר, מיט תפיסה-און קאַטאָרגע-שטראָפן און נישט זעלטן מיט פייניקונגען און טויט. דאָס איז געווען אַן אויטאָקראַטיע, וואָס האָט זיך געבאָדן אין בלוט און וואָס איר קברים-שטילקייט איז געשטערט געוואָרן בלויז דורך האָפענונגסלאָזע מרידות.

דער קאַמף קעגן צאַריזם איז געפירט געוואָרן אויף צווייערליי אופנים: דורך ליבעראַלע און סאָציאַליסטישע קרייזן. די טאָנגעבנדיקע בירגערלעכע פאַרטיי פון די ליבעראַלן איז געווען די קאַדעטישע (פון די קאָנסטיטוציאָנעלע דעמאָקראַטן), אָנגעפירט דורך פּראָפעסאָר מיליוקאָוו, וואָס האָט זיך געשטעלט אַלס ציל אַריינצופירן אַ קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע לויטן ענגלישן מוסטער אָדער אַ רעפּובליק. דידאָזיקע פאַרטיי איז געפירט געוואָרן דורך ליבעראַלע קאַפּיטאַליסטן און גוטבאַזיצערס און איז אונטערגעשטיצט געוואָרן דורך אַ טייל פון די קרייזן פון דער פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענץ.

דעם רעוואָלוציאָנערן הויפּט-קאַמף קעגן דעם צאַריזם האָבן אין רוסלאַנד געפירט צוויי סאָציאַליסטישע פאַרטייען: די סאָציאַל-דעמאָקראַטן און סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן. די סאָ-

ציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז לויט איר אידעאָלאָגיע גע-
ווען דורך און דורך מאַרקסיסטיש און זי האָט זיך געשטיצט
אין איר טעטיקייט אויף די פּראָלעטאַרישע שיכטן פון פאָלק.
אין יאָר 1903 האָט זי זיך געשפּאָלטן אויף צוויי פראַקציעס,
די מענשעוויקעס (די מינדערהייט) און די באָלשעוויקעס (די
מערהייט), וועלכע האָבן זיך געפילט אַלס איינהייט אין זייער
פּראָלעטאַריש-מאַרקסיסטישער אידעאָלאָגיע, זענען זיך אָבער
פונאַנדערגעגאַנגען אין זייערע קאַמפּס-מעטאָדעס און אין זייע-
רע אָנשויאונגען וועגן רוסלאַנדס ווייטערדיקער אַנטוויקלונג.
די מענשעוויקעס האָבן באַטראַכט פאַר אומפאַרמיידלעך
די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג פון לאַנד און זענען געווען
אָנהענגער פון א קאָאַליציע-אַרבעט מיט דער ליבעראַלער
בורזשואַזיע. אויך די באָלשעוויקעס האָבן אָנערקענט אַלס נויט-
ווענדיק רוסלאַנדס קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג, זיי האָבן אָבער
געפאָדערט אַ זעלבשטענדיקע קלאַסנפּאָליטיק פון פּראָלעטאַריאַט
אין דעם פּעריאָד, וואָס וועט אַנטשטיין נאָך דער רעוואָלוציע.
די טעאָרעטיקער פון רוסישן מענשעוויזם זענען געווען פּלע-
כאַנאָוו, אַקסעלראָד, מאַרטאָוו. די פירער פון די באָלשעוויקעס
זענען געווען לענין, זינאָוויעוו, קאַמעניעוו.

די ס אָ צ י אַ ל - ר ע וו אָ ל ו צ י אָ נ ע ר ע פּאַרטיי האָט
זיך פּרינציפּיעל אונטערשיידט פון דידאָזיקעביידע סאָציאַל-
דעמאָקראַטישע פראַקציעס. זי איז נישט געווען מאַרקסיסטיש,
זי האָט פאַרטראָטן די איבערצייגונג, אַז אין דער געשיכטע
פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט ווירקן מיט גלייכער קראַפט
די ביידע גלייכווערטיקע פאַקטאָרן: סיי די מאַטעריעל-עקאָנאָ-
מישע אינטערעסן, סיי די גייסטיק-עטישע אידעאַלן. אין איר
טעטיקייט האָט זי זיך געשטיצט אויף די אַרבעטנדיקע פאָלקס-
מאַסן, אָרגאַניזירנדיק דעם צוזאַמענשלוס פון אַרבעטער, האָרע-
פּאַשנע פּויערים און גייסטיקע אַרבעטער. אַלס הויפּט-פאָדערונג
פון איר פּראָגראַם האָט זי דערקלערט די סאָציאַליזירונג פון
באָדן און דעם פעדעראַטיוון אויפבוי פון דער רעפּובליק. אין
משך פון א סך יאָרן האָט זי געפירט א פאַרביסענעם טעראָ-
ריסטישן קאַמף קעגן צאַריזם. אין אירע רייען האָבן זיך גע-
פונען די בעסטע און העלדישסטע נעמען פון דער רוסישער
רעוואָלוציאָנערער געשיכטע: קאַליאַיעוו, סאַזאָנאָוו, גערשוני,

אַגץ, ברעשקאָ-ברעשקאָווסקאַיאַ, ספּירידאָנאָוואַ.

דער קריג פון 1914 האָט געפירט דאָס לאַנד מיט נויטווענדיקייט צו רעוואָלוציע. דריטהאַלבן קריגס-יאָרן האָבן אויסגעזויגן דאָס פאָלק ביז גאָר; מיליאָנען פון זיינע זין, נישט געגנוג באַוואָפנט און שלעכט דערנערט, האָבן געמוזט איינהאַלטן די גיגאַנטישע פראָנטן. שלום, ערד און פרייהייט! איז אַלץ מער געוואָרן דער אויסלייזנדיקער געשריי פון די מאַסן. אַפילו די מלוכהשע דומאַ, דער געפעלשטער צאַריסטישער פּאַרלאַמענט, וואָס איז באַזעצט געוואָרן דורך רעאַקציאָנערן, האָט געפאָדערט פון צאַר אַ גרינטלעכע ענדערונג פון דער פּאָליטיק. עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט! דעם 12-טן מערץ 1917 איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז געשאַפן געוואָרן אַ מיניסטאָרן-קאַבינעט, אין וועלכן מיליוקאָוו האָט געפירט די אויסערלעכע פּאָליטיק און קערענסקי איז געווען דער יוסטיץ-מיניסטער.

אָבער באַלד האָבן זיך אַרויסגעוויזן די טיפסטע קעגנזאַצן צווישן דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג און די פאָלקסמאַסן, וואָס האָבן זיך געריסן צו רעוואָלוציאָנערער באַנייאונג. די רעגירונג האָט נישט געוואָלט אַריבערשפּרייזן איבער די פּאָליטיש-דעמאָקראַטישע ראַמען פון דער אָנהויב-רעוואָלוציע און זי איז צוגעטרעטן אויפצובויען אַ בירגערלעך-נאַציאָנאַלע מלוכה. קעגן דערדאָזיקער רעגירונג זענען אַנטשטאַנען און האָבן כסדר באַקומען מער קראַפט און באַדייטונג די ר אַ ט ן פון די אַרבעטער, פּויערים און זעלנער.

אין דער ערשטער העלפט פון רעוואָלוציאָנערן יאָר 1917 האָבן די סאָציאַל-דעמאָקראַטן (די מענשעוויקעס) און די סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן געהאַט אַ מערהייט אין די ראַטן. אַ דאַנק איר הערויִשן קאַמף קעגן צאַריזם און די פאָדערונגען פון איר פּראָגראַם, איז די סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי (מיט די פירערס טשערנאָוו און גאָץ) געווען טאָנגעבנדיק אין לאַנד. אויך קערענסקי איז אַרויסגעטראָטן אין איר נאָמען. אָבער אין משך פון די אַנטשיידנדיקע חדשים האָט זי זיך אַלץ מער דערווייטערט פון איר אורשפּרינגלעכער פּראָגראַם. איר צוזאַמענאַרבעט מיט דעם בירגערטום אין די קאָאַליציע-רעגירונגען, דער פּאַטריאָטישער המשך פון קריג, דאָס אָפּלייגן

די פאַרווירקלעכונג פון איר פּראָגראַם או יקאַן אומבאַשטימטער צייט, — דאָס אַלץ האָט צוריקגעשטויסן די אַקטיווסטע עלע-מענטן פון לאַנד פון דער סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. אין דער פּאַרטיי גופא האָט זיך אויסגעבילדעט אַ לינקער פליגל מיט נאַטאַנסאָנען, קאַמקאָוון און ספּירידאָנאָוואַן בראש, וועלכער האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו פירן די רעוואָלוציע אויפן וועג פון סאָציאַליסטישן איבערבוי פון לאַנד.

אין דערזעלבער צייט האָט די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי, מיט לענין און טראָצקי בראש, אַנטוויקלט אַ זייער ענערגישע פּראָפּאַגאַנדע און האָט געוווּנען אַ גרויסע השפּעה אויף די אַרבעטער-און זעלנער-מאַסן דורך פאָדערן תיכפדיקן שלום, ערד און פרייהייט. אונטער דער ווירקונג פון וועלט-קריג און פון וועלט-קריזיס האָבן די באָלשעוויקעס פּראָקלאַמירט אַ נייע פּראָגראַם אַנשטאָט דער אַלטער, אַ פּראָגראַם פון תיכפדיקן שלום און פון רוסלאַנדס סאָציאַליסטישן איבערבוי און פון איבערגעבן די גאַנצע מלוכה-מאַכט די ראַטן.

דער קאַמף פון די סאָציאַלע כּוחות און פּאַרטייען האָט זיך אין דער רעוואָלוציע פאַרשאַרפט פון חודש צו חודש. דער פּעטראָגראַדער ראַט, וואָס האָט געהאַט הינטער זיך די מעכ-טיקע אונטערשטיצונג פון דער אַרבעטערשאַפט און דעם גאַר-ניזאָן, האָט שאַרף קאָנטראָלירט די טעטיקייט פון דער רעגירונג. אין מאַי 1917 האָט ער אויסגעקעמפט די דעמיסיע פון מיליו-קאָוון. אין יולי זענען פאָרגעקומען גאַסן-דעמאָנסטראַציעס, וואָס האָבן געהאַט דעם רעזולטאַט, וואָס קערענסקי איז געוואָרן פּרעמיער-מיניסטער. אין סעפּטעמבער האָבן די באָלשעוויקעס באַקומען אַ מערהייט אין פּעטראָגראַדער ראַט. די אַרבעטנדיקע מאַסן האָבן זיך אין זייער מערהייט קאָנטיק אַ רוק געטאָן אויף לינקס, צו די באָלשעוויקעס און די לינקע סאָציאַל-רעוואָלוצ-יאָנערן, וועלכע זענען אַרויסגעטראָטן פון דער געמיינזאַמער פּאַרטיי און האָבן געגרינדעט אַ זעלבשטענדיקע פּאַרטיי פון לינקע סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן. דעם 7-טן נאָוועמבער 1917 האָט די רעוואָלוציע אָפּגעהאַלטן אַ נצחון איבער דער בירגערלעך-דעמאָקראַטישער רעגירונג. דער פּאָליטי-שער רעזולטאַט פון דער נייער רעוואָלוציע-פאַזע איז געווען

דער איבערגאַנג פון דער מלוכה-מאַכט צו די ראַטן און דער אין דעצעמבער 1917 געבילדעטער קאָאַליציע-רעגירונג פון די באָלשעוויקעס און די לינקע סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן.

די ערשטע דריי חדשים האָבן די ביידע פּאַרטייען געאַרבעט אין אַ געוויסער סאָלידאַרישקייט. זיי זענען פאַרבונדן דורך דעם געמיינזאַמען קאַמף פאַרן אינטערנאַציאָנאַלן שלום און דורך דאָס געמיינזאַמע שטרעבן צו שאַפן די יסודות פאַר רוסלאַנדס ראַדיקאַלער סאָציאַליסטישער אומבילדונג. שפּעטער אָבער האָבן זיך צווישן זיי אויסגעבילדעט חלוקי-דעות. באַזונדערס בולט זענען זיי געקומען צום אויסדרוק אין די פראַגן וועגן דער באַציאונג צום פּויערטום, וועגן אָנווענדן רעוואָלוציאָנערע געוואַלט-מיטלען און וועגן שליסן דעם שלום אין בריסק-דליטא. די לינקע סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן האָבן געפאָדערט די ענגסטע סאָציאַלע און גייסטיקע צוזאַמענאַרבעט פון פּראָלעטאַריאַט מיט דעם האַרעפּאַשנעם פּויערטום און זיי האָבן באַקעמפט יעדע אויסבילדונג פון אַ אויסשליסלעך-פּראָלעטאַרישער מלוכה אויפן חשבון פונם אַרבעטנדיקן דאָרף. די לינקע סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן האָבן נישט געהאַלטן פאַר נויטווענדיק צו פאַרוואַנדלען אין אַ סיסטעם פון שטענדיקן מלוכה-טעראָר די רעפּרעסיעס, וועלכע זענען אומפאַרמיידלעך בעת אַ רעוואָלוציע. די לינקע סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן האָבן נישט געוואָלט אונטערשרייבן אַ שלום-אָפּמאַך מיט דער דייטשישער מלוכה, וואָס האָט אַנולירט די אינטערנאַציאָנאַלע אידעען פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע און האָט געמוזט שטאַרקן דעם וועלט-קאַפּיטאַל.

אין מיטן מערץ 1918 זענען דעריבער אַרויסגעטרעטן פון דער צענטראַלער ראַטן-רעגירונג די לינקע סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערע פאָלקס-קאָמיסאַרן. זייט יולי פון זעלבן יאָר פירן די לינקע סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן אַ קאַמף קעגן די מעטאָדן פון באָלשעוויזם אין נאָמען פון דער אומגעפעלשטער ראַטן-רעפּובליק און פון וועלט-סאָציאַליזם. דערדאָזיקער קאַמף ווערט זייט צען יאָר באַקעמפט מצד דער באָלשעוויסטישער רעגירונג דורך שאַרפע פאַרפאָלגונגען, וואָס זייערע קרבנות זענען געווען און זענען טויזנטער פון אָקטאָבער-רעוואָלוציאָנערן.

## דאָס ערשטע קאַפּיטל

# לענין און דזערזשינסקי ביי דער אַרבעט

### 1.

...היינטיקן אָוונט איז דער ראַט פון די פאָלקס-קאָמיסאַרן געזעסן אין זייער אַ צופרידענער שטימונג. אמת, ס'איז טאַקע געווען ענג אין דעם קליינינקן קאַמערל פון לענינס פאַר צימערן. ס'איז טאַקע געווען ענדע דעצעמבער פון 1917, בשעת די סאָוויעטן-רעגירונג האָט געזעסן קעגן זיך אַלץ נייע און גרעסערע שוועריקייטן. ס'איז טאַקע געשטאַנען דרויסן פון סמאָלני-אינסטיטוט דער אומבאַקאַנטער אורח — די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, וואָס האָט מיט אומגעדולד געקלאַפּט אין אונזערע פענסטער. דער אינסטיטוט גופא, דאָס שווערע געביי, וואָס מען האָט אַמאָל אויסגעבויט פאַר די איידעלע פריילינס, און וואָס האָט היינט אַריינגעזאַפּט אין זיך דעם קאָך און דעם ברען פון אָקטאָבער, דער אינסטיטוט איז ווי פאַרכישופט אין שוואַרצן געשטאַנען צווישן די בלאַנקענדיק-ווייסע קופּעס שניי אין דעם פירשטלעכן גאָרטן. אַ קאַלטע און אַ פאַרבאַהאַלטן-טונקעלע נאַכט האָט אַרויסגעקוקט פון די אייננאַמע גאַסן אויף דער קליינער צאָל קאָמיסאַרן, וואָס זענען דאָ אין דעם אָוונט געזעסן. און דאָך זענען זיי געווען אויפגעלייגט ווי נאָך קיינמאָל נישט.

מען האָט געזעסן און געפילט, אַז עס גייט און עס רירט זיך אַ וועלט. טאַקע ביי לענינען אין קאַבינעט. אָבער נישט באָלשעוויקעס אַליין זענען געזעסן; עס זענען מיט איינוקע טעג פריער

אין דער רעגירונג אריינגעטרעטן אויך די לינקע ס"ר'ן. און דאָס איז געווען מער ווי אַ שידוך פון צוויי נאָענטע פּאַרטייען. דאָס האָט באַטייט, אַז צו די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער און מאַטראָסן פון די גרויסע שטעט איז בּאַוואוסט צוגעשטאַנען אויך דער אַקטיווער טייל פון די פּויערים. דאָס האָט באַטייט, אַז דאָס ניי־געבוירענע קינד — די סאָוויעט־רעפּובּליק — האָט געקריגן נישט נאָר אַ טאַטן, נאָר אויך אַ מאַמען: זיין וויגל וועלן פון איצט אָן וויגן צוזאַמען אי לענין אי ספּירידאָנאָווע. — די באָלשעוויקעס, וואָס זענען געווען כּמעט איזאָלירט אין פּאָליטישן לעבן פון לאַנד, האָבן געקריגן צו זיך שותּפים אַזעלכע, וואָס זענען אַליין דורך דורכן פייער פון דער רעוואָלוציע. און די לינקע עס־ערן האָבן מיט זיך געבראַכט די פרישע אמונה פון יוגנט, דעם אָפענעם בליק פון פּאָליטישער נאַנצקייט, די אומפּאַרפעלשטע קנאת רעוואָלוציע. ביידע צדדים האָבן מיט צוטרוי געקוקט אין דעם אַרומיקן חושך פון נאַכט. מען האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעקוקט; מען האָט אומבאַמערקט מיט די אויגן געמאָסטן איינער דעם אַנדערן, און מען האָט געזוכט אַנטקעגנצוקומען איינער דעם אַנדערן. מען האָט דאָך געהאַט אין האַנט די אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן צו שאַפן. און דער העלדישער רצון האָט געשפּרייזט איבּער טאָלן און בערג...

אין דעם ענגן שטח אויפן פינפטן עטאַזש, אין אַ חדרל, אָפּגעצוימט מיט אַ ברעטערן ווענטל, איז נישט געווען וואו אַ קער צו טון זיך. צום טישל האָט זיך קוים צוגעזעצט לענין מיט אַ פּאָר חברים. אַנדערע זענען געזעסן אויפן ברעג פון פענסטער. אָבער די געשעפטן פון דער גרויסער מלוכה האָט מען מיושבדיק און לעבעדיק באַטראַכט. מן הצד וואָלט איינער געזאָגט, אַז דאָס איז אַ קרייזל פון פּאַרטיי־אינטעליגענטן, וואָס אַרבעטן אויס רעזאָלוציעס, בשעת מען איז נאָך ווייט־ווייט פון אַ מלוכה־מאַשין... אָט שטייט אָנגעשפּאַרט אָן דעם פענסטער דער פון מאָסקווע געקומענער גאַסט, ריקאָוו. מיט אַ פּאַרוואַקסענער באָרד פון אַ פּאַרהאָרעוועטן זעמסקי דאָקטאָר פון דער פּראָווינץ, מיט אַ לייכט־שטאַמלענדער שטימע דערציילט ער: די קאָמיסיע פאַר צעטיילונג פון ברען־מאַטעריאַל פאַרן מאָסקווער ראַיאָן קאָן נישט אַרבעטן

פּוליב דעם סאַבאָטאַזש פון די באַאַמטע. זיי שטייען ביי דער אַרבעט, אָבער די אַרבעט רירט זיך נישט פון אָרט. וואָס זאָל מען טון? — נו, און וואָס טוט דער פּאָזיצנדער זייערער, דער פּראָפעסאָר קירש? — פרעגט עמעצער.

— ער וו י ל מיט אונז אַרבעטן, — זאָגט ריקאָוו — אים איז נישט קיין נפקא מינה, וואָס פאַר אַ רעזשים. נאָר ער קאָן נישט אָן די באַאַמטע. אויב מען זאָל אים פאַרטרייבן, קאָן אַרויס־קומען אַ צרה...

מען וואַרפט זיך דורך מיט באַמערקונגען, און מען באַ־שליסט: די מאָסקווער קאָמיסיע פּונאַנדערצולאָזן, אָן אייגענע סאָוויעטן־קאָמיסיע פון אַרבעטער פאַר ברען־מאַטעריאַלן צו בילדן, אויף דער שפּיץ פון איר אַרעקשטעלן טאָקע דעם פּראָפ. קירש... דאַרטן, אין לעבן וועט דאָס באַדייטן אַ מהפכה, דאָ, אין דעם קעמערל באַשליסט מען דאָס אין אַ רגע. מען טרויט די באַהאַלטענע כוחות, וואָס ליגן אין אַרבעטער־פאָלק.

...אויפן טיש לייגט מען אַרויף אַ גרויסן, פון דיקן קאַרטאָן, מיט געריבן און עמבלעמען פאַרצירטן דאָקומענט. עס עפענען זיך פאַרחידושט די אויגן. וואָס איז דאָס? דאָס איז דער דעקרעט וועגן פריילאָזן פינלאַנד! הונדערט יאָר האָט פינלאַנד געקעמפט פאַר איר אומאָפּהענגיקייט; סיי די קייסרים, סיי די קערענסקי־רעגירונג האָבן איר געלייגט שטיינער אין וועג. די תלמידי חכמים פון דער שטאַט־וויסנשאַפט האָבן געטענהט, אַז נאָר די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון רוסלאַנד קאָן דידאָזיקע אומאָפּהענ־גיקייט פּראָקלאַמירן. די פינלענדער האָבן זיך געשטיצט אויף זייער אייגענעם נאַציאָנאַלן רעכט. איצט קומט זייער רעוואָלוצ־יאָנערע רעגירונג צו אונז און פרעגט, צי מיר לאָזן זיי אָפּ. וואָס פאַר אַ שאלה? — געהיס. און טאָקע באַלד אויפן שטעל. אָט לייענט דעם דעקרעט, וואָס איז אָנגענומען פון „ציק” (אויספיר־קאָמיטעט פון די ראַטן): „אין ענטפער אויף דער ווענדונג פון דער פינלענדישער רעגירונג וועגן אָנערקענען די אומאָפּהענגיקייט פון דער פינלענדישער רעפובליק, באַשטימט דער ראַט פון די קאָמיסאַרן, אין פולן הסכם מיט דעם פּרינציפּ פון רעכט פון די

נאַציעס אויף זעלבסטבאַשטימונג, פאָלגנדעס: מלוכה=אומאָפּהענ-
גיקייט פון דער פינלענדישער רעפּובליק".

קורצע און קלאָרע דבורים! איצט דאַרף מען זיך אונטער-
שרייבן אויפן דעקרעט. מיר שטייען אויף איינער נאָכן אַנדערן
און מיר לייגן מיט אַ משונהדיקער הנאה אונזערע חתימות. מיר
ווייסן גאַנץ גוט, אַז דער היינטיקער העלד פון פינלאַנד, סווינ-
הוווד, וואָס איז געזעסן פון צאַרן פאַרשיקט, איז אונזער אָפּע-
נער סאָציאַליסטישער שונא, אַז מאָרגן וועט ער אונזער איינעם נישט
שאַנעווען. אָבער מיר לאָזן דאָך אָפּ דאָס פינישע פאָלק פון דער
רוסישער פּעטליע. מיט איין היסטאָרישער אומגערעכטיקייט וועט
זיין ווייניקער אין דער גרויסער וועלט.

בשעת לענין וויל אָבער דעם דעקרעט אָפּרוקן אָן אַ זייט,
קומט אַריין דער סעקרעטאַר באָנטש-ברויעוויטש און זאָגט אַ ביסל
מטושטש: זיי ווילן איצט אָפּדאַנקען אייך פאַר דעם דעקרעט...
מען מוז אַרויסגיין צו זיי...

דאָס איז טאַקע סווינהוווד אַליין מיט אַ קליינער דעלע-
גאַציע, וואָס האָבן וועגן דעם ענין פאַרהאַנדלט אין פּעטראָגראַד.
באַם געזעגענען זיך מיט דער שטאָט ווילן זיי פּערזענלעך באַ-
גריסן די רעגירונג. אָבער ווער זאָל אַרויסגיין צו זיי? לענין
קוועטשט מיט די פּלייצעס, ער לאַכט אַ ביסל פאַרשעמט און
זאָגט זיך קאַטעגאָריש אָפּ. „וואָס וועל איך זאָגן די בורזשויעס?"

מען קוקט זיך אַרום. מען בעט טראָצקין אַרויסגיין משלח
זיין די טייערע געסט. ער זאָגט זיך אָפּ מיט אַן ענערגישער קאָפּ-
באַוועגונג. מען פאַלט אויף אַ המצאה. דער יוסטיץ-מיניסטער זאָל
גיין, ער האָט דאָך געחתמעט פאָרמעל דעם דעקרעט. „וואָס קאָן
איך זיי זאָגן?" דריי איך זיך אַרויס לאַכנדיק. „איך קאָן זיי
לויט מיין פונקציע נאָר אַרעסטירן!" „נו", זאָגט טראָצקי מיט
אַ האַלב-ציפּטיקן שמייכל, „וויפיל איר וועט שוין אַרעסטירן..."

„אָבער עס פּאַסט דאָך נישט", פּילדערט באָנטש-ברויעוויטש,
„זיי וואַרטן אויף אייך". און אין דעם אָפּגעטראָגענעם רעקל, מיט
אַ געבויגענעם קאָפּ לויפט פאָרט אַרויס לענין. מען לאַכט און
מען ווילצלט זיך, און אין אַ ווײַלע אַרום לויפט ער אַריין ווי פאַר-

שעמט צוריק: „נו, זעט איר, איך האָב אייך געזאָגט, אַז איך קאָן נישט... איך האָב אים טאַקע אַריינגעבוישעט: טאַ־וואַרישטש!"...

„נישקשה", באַרויקט לאַכנדיק טראַצקי, „ווען עס איז, אַז מיר וועלן אַריינפאַלן צו זיי אין די הענט, וועט מען דאָס אייך פאַררעכענען צום גוטן..."

שפּעטער. שוין, אַז די באָלשעוויקעס זענען געוואָרן אמתע „שטאַטסמענער", האָט מען שוין פאַרלוירן דידאַזיקע ערלעכע בושה. מען האָט זיך גלענצנד אויסגעלערנט די שיינע קונסט פון דיפּלאָמאַטישער מליצה, צביעות און שווינדל. ווי ערלעך איז אָבער דאָס מאָל געווען די בושה!... שוין אין דריי חדשים אַרום האָט אין פינלאַנד געפלאַקערט דער אויפשטאַנד פון אַרבעטער. איינער פון זייערע פירער, דער סאָציאַליסט טאָקאָי, איז געזעסן מיט אונז אין קאָמיסאַרן־ראַט ווי אַן אייגענער און מען האָט באַ־טראַכט די באַציונגען פון צוויי שכנישע סאָציאַליסטישע מלוכות. און מיט בלוט און מיט פייער האָט דעם אויפשטאַנד געשטיקט אַן רחמנות טאַקע דער זעלבער סווינהוווד... אַזוי איז די אַרבעט פון דער רעוואָלוציע תמיד געגאַנגען: פון אידילישן צום טראַגישן...

מען האָט זיך גענומען צו אַנדערע פראַגן. און אויפן טיש האָט באַשיידן שטיל אַ קלונג געגעבן דער טעלעפאָן. לענין האָט גענומען דעם הערער אין האַנט און האָט זיך צוגעהערט. זיין קיילעכדיק־געלבלעך פּנים האָט גענומען שמייכלען און אין די אויגן האָבן זיך באַוויזן פריילעכע פייערלעך. „אוודאי, אוודאי", האָט ער לעבעדיק גערעדט אין טעלעפאָן, „פאַרהאַלט זיי אַלעמען... איר זאָגט זיי זענען אַ סך?... וויפיל זענען זיי? נו, איז וואָס... וואַרט אַ ווייל..."

און ער האָט זיך געווענדט צו אונז: די „טשעקאַ" האָט דערווישט אַ גרויסע פאַרזאַמלונג פון די חברה „אוטשרעדילאָוו־צעס"... אַ פּאָר הונדערט מענטשן... צווישן זיי איז דאָ אויך טשערנאָוו און צערעטעלי... זיי באַראַטן זיך צוזאַמען ווי צו באַ־שיצן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג... ס'קאָן זיין, אַז דאָס איז טאַקע די מערצאָל פון דער „אוטשרעדילקע"... מען פרעגט מיך, צי



פּ. פּראָשיאַן
אין קליידער פון א קאטאָרזשניק



ב. קאַמקאָוו

מען זאָל זיי אַלעמען אַרעסטירן... איך זאָג זיי, אַז יאָ"... עפּעס אַ פרייַלעכקייט פּאַרמישט מיט לצנות האָט אַרומגעכאַפּט די באָלשעוויקעס.

— געוויס, זאָל מען זיי פאַרהאַלטן! — האָט טראָצקי געענטפערט, און אַלע האָבן בקול רם אונטערגעכאַפּט. לענין האָט נאָך געהאַלטן דעם הערער אין האַנט.

— שאַ, שאַ, — דאָ האָבן מיר זיך אַריינגעמישט, — וואָס איז די שמחה אַזוי גרויס? צו וואָס זאָל מען פאַרהאַלטן הונדערט מענטשן? און בפרט נאָך, אַז דאָס קאָן זיין טאַקע די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג?... אויב דאָס איז אַ פּאָליציילעכער אַקט פון דער "טשעקאַ", טאָ מוז זי האָבן פּאַרמעלע אָרדערס, אויסגעשטעלט אויף באַשטימטע פּערזאָנען וואָס זי זוכט זיי... אָבער פאַרהאַלטן אַלעמען, דאָס איז שוין אַ פּאָליטישער אַקט... און מיר האָבן דאָס גאָרנישט באַשלאָסן...

...די וואַרעמע געמיטלעכקייט פון פריער איז אַ ביסל קאַליע געוואָרן. די פּנימער ביי אונזערע שותּפים האָבן זיך אַ ביסל אויסגעצויגן: מען האָט זיי פאַרדאַרבן אַ שפּיל. לענין איז שוין געוואָרן ערנסט און האָט טרוקן אַריינגעוואָרפן אין הערער: "מען זאָל וואַרטן, מען וועט אָננעמען אַ באַשלוס".

דאָס זענען געווען די אַנטשיידענדע וואָכן פאַר דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. מיר האָבן געפּאָדערט, אַריינגייענדיק אין דעם קאָמיסאַרן־ראַט, אַז זי זאָל אָן וועלכע נישט איז קונצן צונויפגערופן ווערן, אַז מען זאָל קיינעם נישט אויסשליסן פון איר לכתחילה, אפילו "קאַדעטן". אַנטון אַזאַ בזיון די דעפּוטאַטן, אַז מען זאָל זיי ווי שעפּסן פאַרטרייבן אין אַ שטאַל פון אַ טורמע, וואָלט געהייסן מאַכן זיי פאַר קדושים, און נאָך מער: אַרונטעררייסן אונזער פּלאַן. דער פּלאַן איז באַשטאַנען אין דעם, אַז דאָס פאָלק זאָל זעען באַשיינפּערלעך די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. זי פאַרגלייכן מיט דער סאָוויעט־מאַכט און זי צווינגען צו ווערן אַ שותּף צו די סאָוויעטן.

...איך האָב פאָרגעשלאָגן, אַז איך וועל פאָרן אַהין און וועל זעען וואָס עס טוט זיך. מען האָט מודה געווען, אַז דאָס איז טאַקע

גוגע צו מיר, אָבער מען האָט צו מיר צוגעגעבן נאָך איינעם: מיין פּאַרטיי-חבר קאַרעלין. איך בין געווען צופרידן. דער יונגער, 26-יעריקער, שלאַנקער, מיט אַ מיידעלש פּנים קאַרעלין, וואָס איז נאָר-וואָס געקומען פון כאַרקאָוו, וואו ער איז געווען אַ פאָרזיצער פון שטאָט-דומע, האָט געהאַט אַ רויק און געלאַסן געמיט. ער איז געווען גרייט צו יעדן אויסערגעוויינלעכן שפּרונג פון דער רעוואָלוציע. ער איז אָבער דעמאָלט געווען דורכאויס אַ שונא דעם „צו-להכעיס-טעראָר”, מיט וועלכן אַ סך באָלשעוויקעס האָבן געליבט זיך צו שפּילן.

2.

בשעת מיר זענען צוגעפאָרן צום באַקאַנטן געביי פון דער „פרייער עקאָנאָמישער געזעלשאַפט”, זענען אַלע זיינע פענסטער געווען העל באַלויכטן אזוי ווי אויף אַ חתונה. דאָס איז אָבער געווען די באַלייכטונג נישט פון אַ פריילעכער שמחה, נאָר פון אַ גרויסער צערודערונג און מהומה. דיזאָזיקע געזעלשאַפט, וואָס האָט אין משך פון הונדערט יאָר דורך עקאָנאָמיש-וויסנשאַפטלעכע פאָרטראַגן אונטערגעגראָבן דעם צאַרישן בנין, האָט שוין נישט איינמאָל געזען אַזעלכע מהומות. די ברייטע טרעפּ, אויף וועלכע מיר האָבן זיך איצט איילנדיק געהויבן, זענען געווען פאַרנומען מיט צענדליקער מאַטראַסן, וואָס האָבן בנעימותדיק געהאַלטן אָנגעשטעלטע באַגנעטן און זיך אַרומגעגאַרטלט פון אויבן ביז אַראָפּ מיט קוילן-וואַרפער-לענטעס. זייערע פּנימער זענען געווען ערנסט און די פּנימער פון זייערע קאָמיסאַרן נאָך ערנסטער און אַ ביסל צעטומלט. מיר האָבן באַלד פאַרשטאַנען פאַרוואָס. בשעת מיר זענען אַריין אין דעם מיט עלעקטרישן ליכט פאַרגאָסענעם זאַל, האָבן מיר דערזען אַ נישקשהדיק בילד. אפשר הונדערט מענטשן זענען געזעסן, ווי אין אַ נאָרמאַלער פאַרזאַמלונג, ביי די טישן. ביי די ווענט זענען געשטאַנען מיט זייער געווער די הויכע פיגורן פון די מאַטראָסן. די פאַרזאַמלונג איז דאָך געווען דער

קלערט פאר ארעסטירט. אבער זי האט זיך פונקציאנירט ווייטער. עס איז געזעסן אויסערלעך-רויק דאס פרעזידיום. און אויף דער טריבונע האט מיט אן אויפגערעגטער שטימע גערעדט דער לינקער סאציאל-דעמאקראט אסטראוו. אין מאמענט, וואס איך מיט קארעלינען זענען אריין אין דעם זאל, איז אויף א מינוט געווארן טויט-שטיל. אבער נאר אויף א מינוט. דער פארזיצער האט אנגעקלונגען און אסטראוו האט ווייטער געווארפן מיט א הייזעריק קול זיינע באשולדיקונגען קעגן דעם געוואלטזאמען רעזשים פון די סאוויעטן. ער איז פון זיין שטאנדפונקט אפשר דעמאלט געווען גערעכט. אבער צי האט ער, דער ערלעכער ביז גאר רעוואלוציאנער, וואס האט שפעטער זיין לעבן אין קאמף אוועקגעלייגט, בשעת די „טשעקא" האט אים קראנקערהייט געשלעפט צום פארשיקן, — צי האט אסטראוו דעמאלט קלאר געזעען די שווערע לאגע? צי האט ער פארשטאנען, אז דאס, וואס האט אים אזוי אויפגערעגט, איז געווען נאר א שפילעכל קעגן די שרעקן, וואס האבן אונז אלעמען געטראפן שפעטער שוין? צי האט ער געקאנט פארויסזען, אז דער היינטיקער פארזיצער פון זיין פארזאמלונג, דער ס. ר. פיליפאווסקי, וועט זיך שפעטער משדך זיין צו די באלשעוויקעס, און אז די היינטיקע טרעגער פון געוואלט, די לינקע עס-ערן, וועלן מיט אים אין דעם זעלבן „טשעקא"-צוג, אלס געפאנגענע, זיך שלעפן אין גלות?

די פארזאמלונג האט געוואלט אונז, די פאלקס-קאמיסארן, אויסדריקן די פולסטע מאס פון פאראכטונג, און זי האט דערפאר נישט אונטערבראכן איר ארבעט. אבער הונדערטער ברענענדע אויגן פון „אוטשרעדילאוועצעס" און פון די מאטראסן האבן זיך אריינגעזאפט אין אונזערע געזיכטער. עס איז נישט לייכט געווען צו האלטן דעם קאפ אין דער הייך. א גליק אמאל, וואס מען איז א ביסל קורצזיכטיק. איין דורכלויפנדער בליק האט מיר גלייך עדות געזאגט, אז „זיי", טשערנאוו. צערעטעלי, דאן, גאץ, זענען נישטא אין דער פארזאמלונג. אונזער סטראטעגישע אויפגאבע האט זיך גלייך פארלייכטערט.

נאך אויף די טרעפ האב איך ביים פארטרעטער פון „טשע-

קאָ״ גענומען דעם אָרדער און געזעען, אַז עס איז דאָרטן, מיט דער חתימה פון דזערזשינסקין, געווען פאַראָרדנט: „אַרעסטירן וואָיטינסקין, בינאַסיקן, טשערנאָוון, צערעטעלין און אַלעמען וואָס וועלן זיך געפינען אין דער פאַרזאַמלונג״. אין אַזאַ פאָרם פון „כל הנערים״ איז דער אָרדער געווען צוזאַמענגעשטעלט נישט געזוצלעך, ווייל נאָך מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט דער פאָלקס-קאָמיסאַר פאַר יוסטיץ אָפיציעל פאַראָרדנט, אַז די געפענגנישן זאָלן נישט אָננעמען קיין אַרעסטירטע, אויב עס וועט נישט זיין אויסגעשטעלט אויף יעדן פערזענלעך די פאַראָרדנונג. דאָס זעלבע האָבן מיר אָקאָרשט דערקלערט אין קאָמיסאַרן-ראָט. און דערפאַר האָב איך איצט אויף דעם רוקן פון דעם „טשעקאַ״-אָרדער אָנגעשריבן דעם באַפעל פון דער רעגירונג: „מען זאָל באַפרייען אַלעמען אויסער די, אויף וועלכע ס'איז דאָ פערזענלעכע אָרדערס״. האַלטנדיק אין האַנט דעם אָרדער, האָב איך זיך געווענדט צום פּאָרזיצער און געבעטן דאָס וואָרט.

מען האָט מיר עס געגעבן, און איך האָב גענומען דערקלערן דעם עולם די לאַגע... זיי זענען פאַרהאַלטן פון אַן אָפיציעלן רעגירונגס-אַנשטאַלט און מיר קאָנען זיין האַנדלונג נישט פּשוט מבטל מאַכן. אָבער מען וויל גאָרנישט פאַרהאַלטן די גאַנצע פאַרזאַמלונג... מען זוכט נאָר איינצלנע מענטשן, וואָס זענען אויסגערעכנט אין אָרדער... צי וואָלט נישט געווען ריכטיק, אַז די מענטשן, וואָס איך וועל באַלד אויסרופן, זאָלן זיך אַליין מעלדן, ארויסגיין און לאָזן די פאַרזאַמלונג גיין ווייטער ?...

איך האָב דערהערט אַ לאַכן, אַ שיפען, אַ קאָכן לעבן זיך. דאָס פּרעזידיום האָט דערזעען, אַז די דיקטאַטאָרישע מאַכט לאָזט זיך רעדן און עס איז געוואָרן ביי זיך תקיפער. געוויס האָט מיין פאָרשלאַג געקאָנט אויסזעען דער פאַרזאַמלונג אין העכסטן זין נאַיוו, ווייל מען האָט דאָך נישט געקאָנט דענקען, אַז אַזאַ אסיפה פון סאָציאַליסטן וועט ארויסגעבן דעם פּאָליטישן קעגנער אירע אייגענע חברים אָן יעטוועדער סאָלידאַריטעט. אָבער איך האָב אַנדערש נישט געקאָנט האַנדלען, ווייל מען האָט דאָך גע-

דאַרפט אָפּהיטן דעם כבוד און די סאָלידאַריטעט פון די רעגירונגס־אָרגאַנען.

— ניין, — האָט מיט אַ גרויסער, אַ ביסל צו גרויסער שטאַרקייט דערקלערט בקול רם פיליפּאָווסקי, — ניין, מיר וועלן נישט אַרויסגעבן אונזערע חברים... מיר זענען מיט זיי צוזאַמען פאַרבונדן... מיר ווילן מען זאָל אונז אַלעמען אַרעסטירן... זאָל דאָס פאָלק טאַקע זען...

מיר האָט שוין אָנגעהויבן צו געפעלן דער עסק. אַבי די גרויסע העכטן זענען נישט אַריינגעפאַלן, פאַר די קלענערע פלאָט־וויצעס וועלן מיר שוין געפינען אַן אויכוועג. זיי ווילן דווקא אַריינפאַלן, אום צו מאַכן פּראָפּאַגאַנדע; מיר וועלן זיי דווקא נישט לאָזן אַריינפאַלן. בעת קאַרעלין איז אַרויף אויף דער טריבונע און האָט אָנגעהויבן אַ לענגערן דרוש מכּוח „די פליכטן פון אַ רעגירונג", בעת אין דעם צעהיצטן זאַל האָבן געבלישטשעט די עלעקטרישע לאָמפּן, די ברענענדע אויגן, די שטאָלענע שטיקעס, בעת דער עולם האָט זיך געפילט אויפן זיבעטן הימל פאַר דעם אייגענעם רעוואָלוציאָנערן עזות — בין איך שטילערהייט אַרויס און אויפגעזוכט אַ טעלעפאָן. איך האָב אָנגעקלונגען דזערזשינסקין — איך האָב מיט אים גערעדט דאָס ערשטע מאָל — און געזאָגט, אַז אויף דעם סמך פון כּל־הנערים־אָרדער קאָן איך נישט דערלאָזן קיינע אַרעסטן, אַז דאָס באַווייזט מיר, אַז קיין באַשטימטע באַשולדיקונגען האָט די „טשעקאַ" קעגן קיינעם נישט, אַז בפרט קאָן מען נישט פאַרהאַלטן אויף אַזאַ אופן מענטשן ווי צערעטעלי אָדער טשערנאָוו. איך האָב נישט באַוויזן נאָך צו ענדיקן מיין זאַץ, און איך האָב דערהערט אויפן שטעל אַ תשובה פון אַן אייליקער לעבהאַפטער שטים: „נו, גוט, וועל איך אייך באַלד צושיקן מיט אַ קוריער ספּעציעלע אָרדערס אויף יעדן באַזונדער!"... אין זיין שטים מיט אַ קוויטש האָט אָפּגעהילכט אַ ביסל פאַרדראָס, אַ ביסל לצנות איבער אונזער יוריסטעריי. „איר וועט באַלד קריגן אַן אָרדער אויף טשערנאָוון, אַן אָרדער אויף צערעטעלין, אַן אָרדער אויף דאַנען מיט גאַנץ קאָנקרעטע באַשולדיקונגען אין קאָנטר־רעוואָלוציע"...

— קאָנסט שיקן וואָס דו ווילסט, — האָב איך מיר געטראַכט. — עס וועט דיר נישט העלפן... איך פאַרגין אייך ביידע נישט דאָס פאַרגעניגן, נישט די באָלשעוויקעס, נישט די „אוטשרעדילאָווצעס"...

איך האָב אַן עצה געהאַלטן מיט קאַרעלינען. אין זאַל און אין די קאָרידאָרן האָט שוין געהערשט אַ געפּערלעכע אויפרעגונג. די מאַטראָסן, די קאָמיסאַרן האָבן זיך געפונען געקרענקט און באַליידיקט פון דעם געלעכטער פון די „אַרעסטירטע". זיי האָבן גאָרנישט פאַרשטאַנען, וואָס עס טוט זיך. זיי האָבן נישט געוואוסט וועמען צו פאָלגן: דער „טשעקאַ" אָדער דעם פאָלקסקאָמיסאַר. וואָס צערעמאָניעט מען זיך מיט אַ חברה „אוטשרעדילאָווצעס"? וואָס טרעטן אָפּ פאַר זיי די שלוחים פון קאָמיסאַרןראַט?... מען האָט זיך גענומען טשעפּען צו די „קאָנטר-רעוואָלוציאָנערן", עס האָבן זיך אָנגעצונדן אין די אויגן בייזע פייערלעך... מען האָט געמוזט מאַכן אַן עק. מיר האָבן באַשלאָסן אַזוי: די, וואָס מען זוכט דורך דעם אַלגעמיינעם אָרדער, רופן זיך נישט אָפּ אין דער פאַרזאַמלונג. הייסט עס, מן הסתם, אַז זיי זענען דאָ קיינער נישטאָ. מיר וועלן דאָך נישט נעמען חוקר ודורש זיין יעטוועדן פון דער אסיפה... אויב ס'איז טאַקע אַזוי, איז דאָך ממילא פאַר די רעגירונגס-אָרגאַנען גאָרנישט נישטאָ וואָס צו טון ביי דער פאַרזאַמלונג. מען מוז נאָר, הייסט עס, פאָרמעל פעסטשטעלן דעם פאַקט, אַז זיי זענען דאָ קיינער נישטאָ. און די מחנה וועט קאָנען דעמאָלט רויק און על פי רעוואָלוציאָנערן געזעץ אָפּטרעטן...

די המצאה איז אונז זייער געפעלן. מיר זענען ווידער אַריין אין דעם געוועלטיקן זאַל און זיך געווענדט מיט אונזער פאָרשלאַג אין אַ גאַנץ אָפיציעלער פאָרם צום פּרעזידיום. היות ווי קיינער פון די אויסגערעכנטע אין אָרדער לאָזט זיך נישט הערן, ווייזט אויס, אַז זיי זענען נישטאָ אין דעם זאַל. די פאַרטרעטער פון „טשעקאַ" מוזן אָבער האָבן באַשטעטיקט פאָרמעל דעמדאָזיקן פאַקט אום אָוועקצוגיין. מיר בעטן, אַלזאָ, דעם פאָרזיצער, אַז

ער זאָל דאָס באַשטעטיקן — און מען וועט אים שוין גלויבן. . .

די מאַטראָסן האָבן אָנגעשטעלט אויגן און אויערן. אָבער די פאַרזאַמלונג איז געווען שוין עלעקטריזירט. זי האָט נישט גע-וואָלט אָנכאַפּן זיך אָן דעם דיפּלאָמאַטישן שטריקל, וואָס מען האָט איר צוגעוואָרפן. דער פאָרזיצער האָט קאַלטבלוטיק און וואָרט ביי וואָרט געלאָזט אָלעמען הערן: „מיר האַלטן נישט פאַר ביישטיק מיט וואָס עס איז צו העלפן דער „טשעקאַ"... איר האָט פאַרקאָכט אַ קאַשע, לעפּלט זי אַליין אויס... מיר פּראָטעסטירן פייערלעך קעגן דער גוואַלט"...

עפּעס ווי אַ כמאַרע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער פאַר-זאַמלונג. בעת מיר, די פאַרטרעטער פון דער ממשלה, האָבן דעם ענין געהאַלטן פאַר נישטיק און נאָר געזוכט אַ פּאַסנדן אויסוועג, זענען די מאַטראָסן דערגאַנגען ביז צו דער העכסטער מדרגה פון כּעס. אין זאַל האָבן זיך געגאָסן פון איין עק ביז צום אַנדערן כוואַליעס פון אַ דומפּן הוהאַ. אויף דער טריבונע איז ווידער אויסגעוואַקסן די הויכע פיגור פון אַסטראַווין. פון אַ ווינקל האָט זיך דערהערט אַ געוואַלטיקער רעש, אַ טומל. מען האָט זיך צענד-ליקערווייז אויפגעכאַפּט פון די ערטער. אַ שפּיציקער שטיק האָט אַ בליץ געטון אין דעם ליכט, מאַטראָסקע שינעלן האָבן זיך גע-וואָרפן צו דער טריבונע אַראָפּצושלעפּן דעם רעדנער. איך וואָרף זיך אַריין אין דער קאָכעדיקער מאַסע פון מאַטראָסן. אַ קרעפּטיק געשריי, אָן ענערגיש וואָרעניש דערמאָנט זיי, אַז זיי האָבן פאַר זיך די פאָלקס-קאָמיסאַרן. די שטים פון באַפעל קילט אָפּ די גע-מיטער. פון אַלע זייטן טייטלען אויף אונז מיט אַ בייזער שמחה צעבושעוועטע מענטשן: „אַהאַ, איר קאָנט זיך נישט ספּראַווען אפילו מיט זיי!... דאָס איז אַ מאַכט..."

איצט מוז מען מאַכן אַ סוף צו דעם שפּיל. איך רוף אַרויס אין קאָרידאָר דעם קאָמיסאַר פון „טשעקאַ", פּאָמין, און זאָג אים אָן, אַז ווי נאָר איך וועל זיי באַלד הייסן אַפּציען, זאָלן זיי אַפּ-ציען. די פאָרמעלע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זייער אומקערן זיך אין „טשעקאַ" מיט ליידיקע הענט, נעם איך איבער אויף זיך.

איך בין אריין צוריק אין זאל, געשטעלט זיך לעבן פרעזידיום און געווענדט זיך צום קאָמיסאַר פון די מאַטראָסן מיט אַ דער־קלערונג אין אַ געהויבענער שטים: „חבר קאָמיסאַר, די מענטשן, וואָס איר זוכט דאָ לויטן אָרדער, זענען נישטאָ אין דער פאַר־זאַמלונג... איך, דער פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר יוסטיץ, דערקלער אייך דאָס... מיר האָבן דאָ נישט מער וואָס צו טון... קלויבט צוזאַמען אייער אָטריאַד און קערט זיך אום צוריק... אייער מיסיע האָט איר דערפילט". כדי צו פאַרשטאַרקן דעם איינדרוק, האָב איך נאָך דאָס אָנגעשריבן אויפן רוקן פון דעם אָרדער־פּאַפּירל און פאַר אַלעמען אין די אויגן איבערגעגעבן עס צו פאָמין. חברה מאַטראָסן איז געוואָרן אַ ביסל געפּלעפט, אָבער מען האָט זיך גענומען קלויבן. קארעלין און איך זענען אַרויסגעגאַנגען די ערשטע.

אָט אַזוי האָבן מיר פאַרשטערט אַ שמחהביידע צדדים. וואָס האָבן געהאַט שטאַרק חשק צו פאַרדינען אַ ביסל ביי דעם געשעפט. אהיים זענען מיר געפאָרן צופרידענערהייט. אויף מאָרגן האָבן די רעכטע סאָציאַליסטישע צייטונגען געוועשט און גע־פּילדערט. אין טשערנאָווס צייטונג „דיעלאָ נאַראָדאַ" האָט מען אפילו אָפּגעדרוקט דעם סאַמע אָרדער מיט אונזערע חתימות (דאָס גיפטיקע פרעזידיום האָט אין דער מהומה זיך געקליגט אי־בערצושרייבן אים ביי מיר פון דער האַנט). און כאָטש די צײ־טונג האָט „געזאָגט עדות", אַז דאָס האָבן מיר געחתמעט טאַקע דעם אַרעסט פון טשערנאָוון און האָט פאַרגאָסן טרערן איבער דעם עזות פון די תלמידים, וואָס שאַנעווען נישט דעם כבוד פון זייער גייסטיקן פאָטער, פונדעסטוועגן זענען מיר געווען רויק. ווייל אין דער אמתן איז דאָך געווען פונקט פאַרקערט. אַ שטו־רעם האָבן מיר געוואָרט גאָר פון אַן אַנדערער זייט.

3.

און דער שטורעם איז טאַקע געקומען שוין אויף מאָרגן.
איך בין רויק אַריין, פאַרביי די לעטישע שומרים, אין דעם זי-
צונגס-צימער פון דער רעגירונג. היינטיקס מאָל אין אַן אַנדער
ווינקל פון סמאָלניס פינפטן עטאַזש. אַלץ נאָך פּראָוויזאָרישע
ביידלעך. אַ לענגער צימער, אָפּגעצוימט פון צוויי זייטן מיט די-
נינקע ברעטערנע ווענטלעך. אַ לאַנגער הילצענער טיש אָן אַ טיש-
טוך, בענקלעך אַרום און עלעקטריע אַ סך. אויפן טיש — דער
פּראָגראַם פון דער זיצונג. צווישן צענדליקער טעמען האָב איך
באַמערקט אויך אַזאַ: „וועגן אָפּגרענעצונגען פון די פולמאַכטן פון
פאַרשידענע אָרגאַנען״. מילא, ווען קאָן אויפרעגן אַזאַ סטיליס-
טיש-קינסטלערישע באַצייכנונג ווי די? פון דער אָנשטרענגנדער
אַרבעט פון אַ גאַנצן טאָג איז צום אָוונט דער קאָפּ שוין פאַרמאַ-
טערט געווען. מען פלעגט אָוועקפאָרן פון אייגענעם קאָמיסאַריאַט
נישט פריער ווי 5-4 אַ זייגער ביטאָג, און שוין אַ זייגער 8
פלעגן זיך אָנהייבן טאָג-טעגלעך די געמיינזאַמע זיצונגען פון אַלע
קאָמיסאַרן, וואָס פלעגן זיך פאַרציען ביז 1-2 אין דער נאַכט. אַז
מען קומט שוין אין אָוונט אין סמאָלני, וויל מען זיך אָפּפרישן
דורך לייכטע שמועסן מיט די אַנדערע חברים. דאָס גלעקל פון
לעגינען וועט סיי-ווי-סיי רופן צו אַרבעט. מען לייגט אַוועק אויפן
טיש דעם פאָרטפעל מיט אַלע „סודות המלוכה״, וואָס ליגן אין
אים, און מען כאַפּט זיך אַריבער אין „בופעט״ פון דעם קאָמי-
סאַרן-ראַט. דעמדאָזיקן גרויסאַרטיקן אַנשטאַלט האָט זיך געלוינט
טאַקע אָנקוקן. ביי אַ ווייניקער פאַרשמירטן טיש זענען געזעסן די
מקורבים למלכות און האָבן נישט געקאָנט אָנקוקן זיך פון דעם
איבערבייסן. ביי די צוויי לעטישע פרייליכס האָט יעדער געקאָנט
קריגן אַ וויעטשערע מיט דער באַרימטער סמאָלנער שיטערער
זופּ, וואָס האָט געהאַט דעם זעלבן טעם סיי בשעת די געמעסיקטע
מענשעוויקעס האָבן געקיניגט אין סמאָלני, סיי בשעת די אָקטאָבער-

רעוואָלוציאָנערן האָבן גענומען באַלעבאַטעווען. די ביידע פריילינס האָבן מיט אַ רויקן שמייכל געגעבן אונז אויך טיי מיט איין שטיקעלע צוקער און צו צוויי הארטע, אָבער גרויסע שטיקער ברויט, אָנגעשמירט מיט פוטער. די דיקטאַטור פון אַרבעטער-פאָלק האָט זיך גלענצנד אויסגעדריקט אין דער פוטער. אָבער מער פון צוויי, אַמאָל דריי שטיקער ברויט האָט די דיקטאַטור נישט פאַרמאָגט פאַר אונז, דאָס איז געווען אַן ערלעכע צייט, אַ צייט, וואָס מען האָט פאַרגליכן מיט דער פאַריזער קאָמונע. די שטאָט האָט געשטעקט נאָך אין געוואַלטיקע אוצרות פון די רייכע, און די פאָלקס-קאָמיסאַרן האָבן דערהאַלטן אַלס לוין פאַר דער אַרבעט אַזוי פיל, וויפיל אַ קוואַליפיצירטער אַרבעטער. דאָס איז געווען 500 רובל אַ חודש דעמאָלט...

מיר האָבן דערהערט באַלד אַ גלעקל און אָט מיט דעם גלאָז טיי און דעם לחם משנה האָבן מיר זיך גענומען קלייבן אין צימער. אין דער רייע פון באַקאַנטע באָלשעוויקעס, צווישן דעם מגושמדיקן שפּייזער פון לאַנד, שליכטער, דעם פלינקן און דינינקן האַנדלס-קאָמיסאַר בראָנסקי, דעם ברייטפּלייציקן מיט טונקל-רויטער פנים-פאַרב שליאַפּניקאָוו, דעם שטילינקן, אין זיך איינגעגראָבענעם סטאַלינען, דעם קויל-שוואַרצן, טעמפּן פּעטראָווסקין, — האָב איך באַמערקט אַ נייע פיגור. אַ הויכער, אַן אויסגעמאַטערטער, מיט אַ מעפיסטאָפּליש בערדל, מיט אַ נערוועז, לענגלעך געזיכט, האָט ער נישט געקאָנט איינרוען אויף זיין אָרט. איך האָב פּלוצלינג געכאַפּט אויף אויף זיך זיין בליק. אַהאַ! — דאָס מוז זיין טאַקע דזשערזשינסקי. מיר זענען נאָך אייגנטלעך גאָרנישט באַקאַנט. אָבער דער נעכטיקער שמועס אין טעלעפאָן האָט אונז שוין ביידן פאַרבונדן מיט גרויס „סימפּאַטיע“. קוים האָט לענין געעפנט די זיצונג, און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער שיינער פונקט פון „אָפּגרענעצונג פון פולמאַכטן א. אַז. וו.“ איז נוגע אונזער נעכטיקן צייט-פאַרטרייב. דעם פונקט האָט מען אַוועקגעשטעלט אַלס ערשטן. ווי אַ פרוזשינע וואָלט אים אַ הייב געטון, האָט זיך דזשערזשינסקי געשטעלט און אָנגעהויבן צוערשט רויק, שפּעטער אַלץ אויפגערעגטער טענהן וועגן דער עוולה פון

נעכטן. „סטייטש, אזא חוצפה אָנצוטון דער „טשעקאַ”... אַרויס־שטעלן די לייט פון „טשעקאַ” פאַר קליינע יינגלעך אין די אויגן פון די „אוטשרעדילאָווצעס”... מען לאַכט דאָך אין די הויפנס אין דער גאַנצער שטאָט... דער קאָמיסאַר פון „טשעקאַ” האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט זיך געבויגן נאָר אום נישט פוגע בכבוד צו זיין אַ פאָלקס־קאָמיסאַר... היינט די מאַטראָסן, אונזערע בעסטע חברים... זיי האַלטן, אַז מען שפּילט זיך מיט זיי... זיי זענען פאַרהאָרעוועט פון דינסט, מען שלעפּט זיי אויף אַרבעט און עס לאָזט זיך גאָר אויס אַ בוידעם... מען רויִנירט דערמיט דעם רע־וואָלוציאָנערן חשק ביי זיי...”

— גוט, גוט, — האָב איך מיר געטראַכט און איבערגעקוקט זיך מיט קאַרעלינען, — איר מאַכט שוין דערפון אַ פּרינציפּ־פראַגע... עס איז טאַקע נייטיק.

— עס איז נישט מעגלעך, — האָט אַן אויפגערעגטער ביז גאָר ווייטער געטענהט מיט הארץ דזשערזשינסקי, — אַז איין אָרגאַן זאָל מבטל זיין די האַנדלונג פון אַנדערע בשעת מעשה... בפרט, אַז די „טשעקאַ” איז דעם יוסטיץ־קאָמיסאַריאַט גאָרנישט אונטערוואָרפן... זי איז אונטערוואָרפן נאָר דעם ראַט פון די קאָ־מיסאַרן... אויב אַ מחלוקה, זאָל מען אַריבערטראָגן אַהער אין דעם ראַט... היינט וואָס פאַר אַ משונהדיקע פאָדערונגען האָט נעכטן געשטעלט מיר דער יוסטיץ־קאָמיסאַר... דווקא פּערזענלעכע אָרדערס זאָל איך צוגרייטן... ווי קאָן מען גאָר פאַרלאַנגען אַזעל־כע יורידישע שפּיצלעך פון אונז, וואָס פירן מלחמה מיט דער קאָנטער־רעוואָלוציע ?...

ראיות און טענות און לצנות האָבן זיך געשאָטן ווי אַ פייערדיקער וואַסערפאַל, דזשערזשינסקי האָט נישט פאַרמאָגט אַזאַ געטאָקטן, אויסגעשליפענעם מענה־לשון ווי טראָצקי, אָדער אַזאַ וויסנשאַפטלעך־פאַרדרייט לשון ווי לאַרין; ער האָט גערעדט פשוטע היימישע ווערטער ווי אַ באַלעבאָס, וואָס מען האָט אים געשטערט אין אַ הויז־פירונג, אָדער ווי אַ סטאַראָסטע אין אַ רו־סישער געפענגעניש, וואָס האָט מיט היץ פאַרטיידיקט זיינע „רעכט” פון די נישט־דיסציפּלינירטע חברים. לענין און די באָלשעוויקעס

האָבן צוגעהערט מיט הנאה. מען דאַרף דאָך טאַקע אונז, די סענטימענטאַלע „יוריסטן״, זאָגן אַ ביסל מוסר. צוליב די שיטערע ביימלעך פון „געזעצן״ זעען מיר דאָך נישט דעם וואַלד פון קאָנטער-רעוואָלוציע!... וואָס וועט פון אונז ווערן ווייטער?

און מיר האָבן טאַקע באַלד — דאָס איז געווען שוין דעם 21-סטן דעצעמבער, אין אַ וואָך אַרום נאָכן אַריינגיין אין דער רעגירונג — געגעבן צו פאַרשטיין אונזערע פּניות. אוודאי האָבן מיר געגעבן אויסגאַב מיט דער פולער מאָס. אוודאי פאַר-שטייען מיר די ווינדיקייט פון אַלע יוריסטערייען... און מען דאַרף זיין באמת קורצזיכטיק צו מיינען, אַז נאָר צוליב עפּעס „געזעצן״ האָבן מיר פאַרלאַנגט אָרדערס... ניין, מיר האָבן טאַקע געוואָלט פאַרהיטן דערמיט אומפאַרזיכטיקע פּאָליטישע מעשים... אויב יוריסטישע שטיק זענען אין אַזאַ רעוואָלוציע ווי אונזערע לעכערלעך, טאָ זענען פּאָליציייאישע שפּיצלעך געפערלעכער... זיי ציען אָפּ דאָס באַוואוסטזיין פון אַרבעטער-פאָלק אָן אַ זייט... ס'איז קיין קונץ נישט איינצוזעצן, אַז מיר האָבן מכשירים דערצו...

די באָלשעוויקעס האָבן זיך איבערגעקוקט צווישן זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט.

— און וואָס וועט זיין ווייטער?... מיר קלויבן די טעג צוזאַמען די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג... מיר מוזן צו דעם מאָמענט אַלץ מער צובינדן צו אונז די סימפּאַטיעס פון מיליאָנען פּאַרטיי-לאָזע מענטשן. מיר טאָרן נישט דערהייבן אין זייער זכרון די גע אַלטע רעפּוטאַציעס פון אַ טשערנאָוו, אַ צערעטעלי, אַ גאָץ. און וואָס טוט די „טשעקאַ״? זי וויל זיי איינזעצן, זיי מאַכן פ .ר הייליקע, אויפוועקן דאָס מיטגעפיל צו זיי ביי די פּאַרטיי-לאָזע, וואָס שוואַנקען נאָך היינט! חבר דזשערזשינסקי האַלט, אַז די „טשעקאַ״ איז אָן אָרגאַן פון דער גאַנצער רעגירונג. גוט, טאָ לאָז ער זיך רעכענען נישט מיט די ספּעציעלע אינטערעסן פון זיין „טשעקאַ״, נאָר מיט דער געמיינזאַמער פּאָליטיק פון דער גאַנצער רעגירונג...

ס'פאַרשטייט זיך, אַז דאָ האָבן מיר אַ ביסל געדרייט, ווייל

די גרעסערע העלפט פון דער רעגירונג האָט דאָך אייגנטלעך געהאַלטן אַן עולם ומלואה פון אַזעלכע „טעראָריסטישע“ מיטלען. דזשערזשינסקי האָט גערעדט טאַקע פאַר זיי אַלעמען... איינער פון זיי האָט אונז איבערגעבראַכן. „געמיינזאַמע פּאָליטיק פון רעגירונג, זאָגט איר ?... און דאָס איז גאָרנישט, אַז נעכטן האָט מען אין דרויסן דערזעען אַ חילוק צווישן די ביידע טיילן פון דער רעגירונג ? דאָס איז דאָך געווען פאַר זיי די גרעסטע הנאה, אַז נישט צוויי אָרגאַנען, נאָר די ביידע קאָאַליציאָנס-פּאַרטייען האָבן זיך צעאַמפּערט פאַר די אויגן פון שונא !“

אין פּלוג, האָבן מיר גאָרנישט געהאַט קעגן דעם, אַז די פּאָליטישע וועלט זאָל טאַקע זעען דעם אינערלעכן חילוק צווישן אונז און אונזערע שותּפים. די מענשעוויקעס אָדער „קאַדעטן“ וועלן האָבן הנאה ? דאָס איז גאָרנישט, אַבי אַרבעטער און פּויערים זאָלן זעען, אַז די אָקטאָבער-רעוואָלוציע ווערט געפירט אויף צוויי שותּפישע וועגן, אַז די רעוואָלוציע האָט נאָך אַ פּנים אויסער דעם פּנים פון צערייצטן באָלשעוויסטישן בריון. אָבער מיר האָבן געוואָלט דעמאָלט דאָס שותּפות.

— אוודאי, — האָב איך באַרויקענד צוגעגעבן, — איז אויסערלעך נעכטן אַרויס אַ ביסל נישט גלאַטיק... עס האָבן זיך לפּנים פון אונזערע קעגנער צעאַמפּערט צוויי מלוכה-אָרגאַנען... מען האָט אַריינגעטראָגן אַ שטיקל צערודערונג ביי די מאַטראָסן... אָבער פון דער אַנדערער זייט, האָבן אונזערע קעגנער דערזעען עפּעס וויכטיקס. זיי האָבן געזען ווי מיר האַלטן צוזאַמען, ווי מיר אַרבעטן נישט איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן... אַ פּאָליטישן פעלער האָבן מיר נעכטן געזוכט צו פאַרהיטן אויפן חברישן אופן...

איך בין געזעסן לעבן לעניגען און געזען אים. ער האָט רויק געלאָזט אויספּעכטן דעם קאַמף אונז אַליין. ער האָט זיך נישט אַריינגעמישט, נאָר שאַרף צוגעקוקט זיך צו די נייע חברים זיינע. זיי האָבן זיך אַרויסגעשטעלט אַ ביסל שטייפער ווי ער האָט אפשר פריער געמיינט. בשעת מיט צוויי וואָכן צוריק האָבן מיר מיט אים געפירט אונטערהאַנדלונגען וועגן אַריינגיין

אין קאַליציע, איז ער געווען זייער אויפגעלייגט און האָט אונ-
זער עלטערן שליח, דעם חבר נאטאַנסאָן, אַלץ איבערגעחזרט:
„מיט די לינקע עס-ערן ווילן מיר צוזאַמען אַרבעטן! מיט זיי
ווילן מיר דווקא..." ער האָט אָבער מן הסתם געמיינט, אַז מיר
וועלן גלייך ביים אַריבערטרעטן די שוועל איבערטון זיך אין
באָלשעוויסטישע העמדלעך. היינט האָט ער דערזעען, אַז אונ-
זער אייגן בגד איז אונז אויך ליב. ער האָט נישט געזוכט
היינטיקס מאָל צו פאַרקירצן די דעבאַטן. ער האָט, ווייזט אויס,
געוואָלט מיר זאָלן זיך אַרויסזאָגן קלאָר ביזן סוף. הינטער אונ-
זערע רייד האָט ער געזוכט אונזערע נפשות צו דערקענען. צי
האָט ער פאַרויסגעזען ווי אין אַ האַלב יאָר אַרום וועלן מיר
שטיין איינע צו די אַנדערע? מיט אַ פאַרטראַכטן שמייכל אויפן
געזיכט האָט ער עפעס געצייכנט, געשריבן אויפן פאַפיר, געשיקט
צעטעלעך צו אייניקע גבאים.

נאָך איידער די ניין מאָס רייד האָבן זיך אויסגעשעפט.
האָט זיך ביי די קאָמיסאַרן אין די הענט באַוויזן אַ פאַפירל מיט
אַ פּראָיעקט פון אַ רעזאָלוציע. ס'פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט
לענין אָנגעשריבן. ער איז נישט געזעסן אָן אַרבעט, און בשעת
דער דעבאַטע און זיין שאַרפן צוהערן זיך, האָט ער, ווי שטענ-
דיק, געצייכנט אויף אַ שטיקל פאַפיר די רעזאָלוציע. מיר האָבן
זי אויך דורכגעלייענט. זי האָט אַנטהאַלטן אין זיך אַן אָפענע
פאַראורטיילונג פון דער נעכטיקער פירונג פון יוסטיץ-קאָמיסאַר
און האָט ווידער באַשטעטיקט די פולמאַכטן פון דער „טשעקאַ".
די באָלשעוויקעס האָבן פון דער גאַנצער דעבאַטע אונטערגע-
שטראָכן נאָר איין געדאַנק, וואָס איז זיי פון אָנהייב אָן געווען
טייער: די מאַכט אין האַנט, די ממשלה זאָל חס ושלום
נישט אָפּגעשוואַכט ווערן... די „טשעקאַ" האָט אייגנטלעך ביי
אַזאַ קוק פון קיין שום „באַגרענעצונגען פון פולמאַכטן" נישט
געדאַרפט וויסן. בנוגע צו אַנדערע מלוכה-אָרגאַנען האָט זי
געקענט נאָר איין פּרינציפּ: אַז מיינס איז מיינס און דיינס איז
אויך מיינס...

בשעת מיר האָבן דורכגעלייענט דעמדאָזיקן שיינעם פּראָ-

יעקט, האָב איך אָנגעשריבן אַ צעטל צו מיינע פּאַרטיי-חברים אין ראַט: אויב דאָס וועט דורכגיין, וועל איך זיך אָנגעבן אין דעמיסיע... דאָס צעטל איז אויף זיין רונדוועג אַריינגעפאַלן אויך צו לעניגען אין האַנט. און מיט אַ מינע פון אַ שטראָפנדן פאָטער האָט ער גענומען שאָקלען אויף מיר מיטן קאָפּ. ער האָט נישט גערעדט, אָבער געזאָגט מיטן פּנים: אהאַ, שוין אין דעמיסיע? נאָך פון די התונה-קליידער נישט אַרויס, און מען טראַכט וועגן אַ גט?... אי, זענט איר פלינקע און יונגע.

ביי לעניגען איז „אָנגעבן אין דעמיסיע" געווען דער האַרבסטער חטא אויף אַ רעוואָלוציאָנער. ער האָט געהאַלטן, אַז מען שטייט אויף אַ פּאַרטיי-פּאָסטן אָדער אין דער מלוכה-שטעלונג נישט צוליב זיך און נישט צוליב דעם פּערזענלעכן פאַרגעניגן: מען איז אַוועקגעשטעלט פון פּראָלעטאַריאַט, פון דער רעוואָלוציע. דער פירער איז נאָר דער פּערזענלעכער אויסדרוק פון קאָלעקטיוון ווילן פון קלאַס. אַנישט איז ער פּשוט אַ שוואַכינקער, ראָמאַנטישער, אינטעליגענטישער איך-העלד. דער „איך" קאָן דעזערטירן, אָבער נישט דער קלאַס. און דערפאַר האָט ער זיך מיט פאַראַכטונג באַצויגן דאָ נישט לאַנג צו דער דעמיסיע פון זינאָוויעוון און קאַמענעוון בשעת דעם אָנהייב פון דער אָקטאָבער-מהפכה, אויך צו די שפּעטערדיקע שטענדיקע דעמיסיעס פון טראָצקין (וואָס פלעגט אָבער בלייבן פאַרבאַהאַלטן אין חצר המלך, אין צענטראַל-קאָמיטעט). און בשעת ער האָט דערהערט שוין פון אַ דעמיסיע ביי אונז אייגעם, האָט ער באַשיינפּערלעך דערזעען פאַר זיך די „ראָמאַנטישע, שוואַכינקע, אינטעליגענטישע העלדן", עס-ערן זענען דאָך פון געבורט אָן אַזעלכע.

זאָל אים צו קיין גנאי נישט זיין: לענין פלעגט אויך אַמאָל אַרויסברענגען דאָס וואָרט „דעמיסיע" אויף זיין צונג. ער פלעגט אויך וואַרפן דעם גט אין די אויגן. אָט טאַקע אין אַ פּאָר חדשים אַרום, בעת ער האָט נישט געהאַט קיין מערהייט אין זיין צענטראַל-קאָמיטעט פאַר שליסן דעם בריסקער שלום, האָט ער דערקלערט: ער וועט אַוועקגיין און בילדן אַ נייע פּאַרטיי. אָבער ער פלעגט דאָס טון קונציק: ערשטנס, פלעגט ער די דראָונג

זיינע מאַכן גאָר-גאָר זעלטן, און, צווייטנס, דאָס פלעגט זיין נישט מער ווי אַ דראָונג. ער האָט געקענט זיינע מענטשן. ווי נאָר ער פלעגט אַרויסשטעקן דעם שפּיץ פון אַ גט, פלעגט אויף זיי אַנפאַלן אַן אימה — און זיי פלעגן איבערשטימען. ער איז טאַקע געווען גערעכט: דער שטאַרקערער דאַרף קיינמאָל נישט אַרויס אין דעמיסיע!...

לענין האָט אין דעמדאָזיקן אָוונט נישט דערמאָנט פאַר אַלעמען דאָס וואָרט, וואָס איז געפאַלן: דעמיסיע. ער האָט אָבער דעם וואונק פאַרשטאַנען און — בשעת מען איז געקומען צו דער רעזאָלוציע — האָט ער פאָרגעשלאָגן: נישט אָפּצושטימען זי (זיי האָבן דאָך געהאַט די מערהייט), נאָר פשוט צוצולייגן זי צו די אַקטן. אַזוי איז באַשלאָסן געוואָרן. מיר האָבן אָבער אַריינגעבראַכט אַ פאָרשלאָג: מען זאָל טאַקע אָפּגרענעצן די פולמאַכטן פון „טשעקאַ" און יוסטיץ-קאָמיסאַריאַט. דעם פּראָיעקט אויסצואַרבעטן האָט מען איבערגעגעבן מיר און דזשערזשינסקין. מען האָט אָבער אויפגעשטעלט שוין דאָ אַ פּאָר ריכט-ליניעס פאַר אונז. איך האָב געפאָדערט, אַז וועגן אַלע וויכטיקע אַרעסטן זאָל די „טשעקאַ" אָנפרעגן פריער ביים יוסטיץ-קאָמיסאַריאַט און גלייך איבערגעבן אין די אָרגאַנען פון יוסטיץ-קאָמיסאַריאַט. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ רעגן פון פראַגן, גלייכווערטלעך, בייזע ווערטער און באַזונדערס האַרבע יוריסטישע שאלות! וואו עס האָט זיך געהאַנדלט צו באַוואָרענען זייערע אייגענע פולמאַכטן, זענען די באָלשעוויקעס געווען נישט פשוט יוריסטן, נאָר טאַקע אַדוואָקאַטן פון שטן.

— וואָס הייסט ביי אייך „וויכטיקע" אַרעסטן?... ווי קאָנט איר דאָס לכתחילה אָפּמעסטן?... מוזן דאָס זיין וויכטיקע מענטשן אָדער דער אַרעסט דאַרף זיין אַ וויכטיקער? פורישקעוויטש איז וויכטיק? בורצעוו איז וויכטיק? און ווי קאָן מען אָפּהאַלטן אַרעסטן ביז מען וועט אייך אויפזוכן?... הייבט וואָס דווקא אַרעסטן? און הויז-זוכונגען, קאָנפיסקאַציעס וכדומה?...

מיר האָבן נישט געלאָזט פאַרפלייצן זיך פון דעם רעגן. מיר האָבן געגעבן משלים: אין היינטיקער צייט זענען משערנאָוו און



**ג. זינאָוויעוו**

לויט דער צייכענונג פון אנענקאָוו



**פ. דזיערזשינסקי**

לויט דער צייכענונג פון אנדרעיעוו

דאַן און גאַנץ חיכשיקע מענטשן... איר פאַרשטייט, וואָס מיר מיי־
נען... מיטגלידער פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג זענען חיכטיק...
פירער פון פאַרטייען זענען חיכטיק.

— דהיינו, למשל, — האָט מיט אַ לצנות־קול אַרויסגע־
כאַפּט זיך דזשערזשינסקי — אַט האָבן מיר איינגעזעצט נעכטן
קליוואַנסקין (דעם באַרימטן חבר מאַקסים פון ריגע אין 1905
יאָר) און זאַסלאַווסקין, די ביידע ווייסע־מאַהניקעס שיטן פעך און
שוועבל אויף אונז אין זייער צייטונג „דיען". זענען דאָס חיכטיקע
פאַרשוינען ?...

— אוודאי, — האָבן מיר געזאָגט, — זיי זענען דאָך פי־
רער פון „בונד".

— פון „בונד" ? — האָט זיך דזשערזשינסקי צעלאַכט מיט
אַ קוויטש, — און וואָס איז היינט דער „בונד" ? וואָס איז דאָס
פאַר אַ פאַרטיי ?

דאָ האָבן מיר שוין צעלאַכט זיך. אויך באָלשעוויקעס האָבן
געשאָקלט מיט די קעפּ. אוודאי איז דעמאָלט דער „בונד" גע־
ווען אונז אַ שונא. ער איז אַזוי אַריין אין חברותא מיט די
מענשעוויקעס, אַז עס איז שוין קיין חילוק צווישן זיי נישט גע־
ווען. און זיינע חיכטיקסטע פירער זענען געשטאַנען בראש פון
דער אָפּאָזיציע: ליבער, צום ביישפּיל. און ראַפעס. דער, וואָס
איז שפּעטער, שוין צו אויסשפּייעניש, געקומען צו די באָלשעווי־
קעס, האָט דעמאָלט געאַרבעט אויף טיש און אויף בענק קעגן
זיי. די באַציונג פון דזשערזשינסקין איז געווען פאַרשטענדלעך.
אָבער דאָך האָט דער פּראָפעסיאָנאַל אין אים שוין גענומען פאַר־
שטיקן יעדן פּאָליטישן חשבון. ער האָט שוין אָנגעהויבן יעדן
קעגנער מעסטן נאָר מיט אַן אַרעסטאַנטסקן כאַלאַט.

מען האָט זיך ענדלעך צונויפגערעדט און מען האָט אַזוי
פאָרמולירט דעם פּונקט : „וועגן אַרעסטן, וואָס האָבן אַ חיכטיקע
פּאָליטישע באַדייטונג, באַנאַכריכטעט די „טשעקאַ" דעם יוסטיץ־
קאָמיסאַריאַט און דעם קאָמיסאַריאַט פאַר אינערע ענינים". אַלזאָ,
נישט פריער, נאָר בשעת מעשה אָדער טאַקע אחר המעשה וועט
דער יוסטיץ־קאָמיסאַר וויסן פון די גרויסע אַרעסטן. זאָל זיין

דערווייל אזוי, האָבן מיר געטראַכט. מיר זענען דאָך עפּעס נישט קיין יוריסטן. לאָמיר אָנהייבן מיט אַ קלײנער השגחה!... זיי האָבן נאָך אַ „משגיח" אַרײנגעשטעלט — חבר פּעטראָווסקי, פֿאָלקס־קאָמיסאַר פֿאַר אינערע פֿראַגן. קיין בייזס נישט. די פּאָליציי האָט שוין פֿון אדם הראשון אָן שטענדיק ליב געהאַט דעם אינערן־מיניסטער, נישט די יוסטיץ... צווישן צוויי משגיחים רעכנט די „טשעקאַ" צו האָבן אַ פֿרײערע האַנט... מיר וועלן זען...

די געשפּאַנטקייט איז אַוועקגעפֿלויגן. מיר זענען ווידער געוואָרן גוטע פֿריינט. פֿאַר אונזערע אויגן איז געשטאַנען דאָס בילד פֿון דער שטורעמדיקער רעוואָלוציע, וועלכע וועט דאָך מיט לײכטקייט באַזיגן אַמאָל אירע קלײנינקע פֿיינט!... און אונטער די קוילן, וואָס וועלן זיך שיטן אויף אונז, וועלן מיר דאָך שטיין מיט די באָלשעוויקעס צוזאַמען...

און גלייך טאַקע האָבן מיר געהאַט די מעגלעכקייט צו באַווייזן אונזער פֿאַרשטענדעניש פֿאַר די „נויטן פֿון אַ מלוכה". דזשערזשינסקי האָט מיטן זעלבן קול פֿון אַ פֿאַרדאַגהטן באַלעבאָס געגוועמען בעטן ביים ראַט פֿון די קאָמיסאַרן, אַז מען זאָל דער „טשעקאַ" באַוויליקן... פֿיר אויטאָמאָבילן. „ס'איז אוממעגלעך צו אַרבעטן ווי ביז איצט!... מען האָט פֿאַר זיך אַזאַ שטאָט ווי פּעטראָגראַד מיט צוויי מיליאָן מענטשן און מען האָט נישט גענוג אויטאָמאָבילן צום אַרומפֿאָרן... דערביי פֿאָרן אַרום אַלע אונזערע קלײנע און גרויסע קאָמיסאַרן אויף מאַשינען... מען מוז מאַכן אַ סדר..."

— אהאַ, — האָבן מיר געשטייכלט, — זעסטו, ליבער פֿריינט, אויך דער ראַט פֿון די פֿאָלקס־קאָמיסאַרן קאָן עפּעס צונויף קומען דער „טשעקאַ"...

ווי כאַראַקטעריסטיש אָבער פֿאַר יענער צייט! די שטאָט איז דעמאָלט געווען פֿול מיט פּריוואַטע און האַלב־פּריוואַטע אויטאָמאָבילן, און די אַלמעכטיקע „טשעקאַ" האָט נישט געוואַגט אַרויפֿצולייגן איר האַנט אויף זיי... שפּעטער האָט מען שוין נישט נאָר מאַשינען, אויך טויזנטער מענטשן־לעבנס נישט געשאָנעוועט...

דזשערזשינסקי האָט געקריגן פון אונז די רעכט אויף מאַשינען און איז אַוועק. די זיצונג האָט זיך פאַרנומען מיט אַנדערע ענינים און זיך אַריינגעצויגן שפּעט אין דער נאַכט. מען פלעגט זיך נישט פונאַנדערגיין, ביז מען פלעגט נישט קומען צום סוף פון סדר־היום.

אַז איך האָב מיך שפּעטער געשאָקלט אין דעם פייל פון בויגן פליענדן אויטאָמאָביל, וואָס האָט מיך געפירט אַהיים דורך די קלאָר־ווייסע שניי־גאַסן, האָב איך אפשר צום ערשטן מאָל געבומען זען דעם שווערן וועג, אויף וועלכן מיר זענען אַרויפגעגאַנגען. נישט נאָר אַנטקעגן אונז, אויך לעבן אונז זענען געשטאַנען די שוועריקייטן.

## דאָס צווייטע קאַפּיטל

# דער חלום פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג

1.

ס'איז געווען דער חודש יאַנואַר, 1918. אין פּעטראָגראַד, און אויך אין גאַנץ רוסלאַנד, אין דער מיט פייער און באַגייסטערונג אָנגעזאַפּטער אַטמאָספערע פון דער אָקטאָבער-איבערקערעניש, האָט מען געוואַרט אויף איר, אויף דער קאָנסטיטואַנטע, אויף דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, מיט גרויס אומרו. עס האָבן געוואַרט אומרויִק סיי די, וואָס האָבן אַלע זייערע צעבראָכענע האָפענונגען געלייגט אויף איר געבענטשט קומען, סיי די, וואָס האָבן געציטערט, אַז מיט איר קומען וועט צעבראָכן ווערן דאָס זיך אויפבויענדיקע נייע געבוי. די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג (די קאָנסטיטואַנטע), די „אוטשרעדיטעלנאַיאַ סאָבראַניע", איז געווען ווי אַ שאָטן, וואָס מען זעט אים נאָך נישט, נאָר וואָס שטייט שוין ערגעץ-וואו הינטער אונזערע פּלייצעס און וועט באַלד אַרויפפלייגן זיין שווערע האַנט אויף דעם לעבן. אַלע קעגנער פון דער סאָוויעטישער רעפּובליק האָבן געהאָפט, אַז דער אומבאַקאַנטער גאַסט וועט שאַפן „אָרדנונג" אין דעם צערודערטן סאָציאַלן לעבן פון לאַנד, וואָס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט צווישן מלחמה, פויערים-ערד, אַרבעטער-פאַרלאַנגען, קאַפּיטאַליסטישע טענות. אַלע פריינט און קעמפער פון דער סאָוויעטישער מלוכה האָבן, פאַרקערט, מורא געהאַט, אַז אין אָט דער פאַרפּלאָנטערטער לאַגע פון לאַנד, וואו ס'שטויסן זיך צונויף די שאַרפסטע סאָציאַלע און גייסטיקע קאָנ-

פליקטן, וועט דער אומבאַקאַנטער גאַסט נאָך מער אַריינטראָגן טומל, פאַרווירעניש און געוואַלט-מעשים. די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג איז געשטאַנען ווי אַ ביין אין האַלז דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע.

אַ מאָדנעם גילגול האָט דורכגעמאַכט איבערהויפּט די אידעע פון דער קאָנסטיטואַנטע אין משך פון דעם רעוואָלוציאָנס-יאָר 1917. בשעת עס האָט זיך מיט שטורעם און ענטוזיאַזם אויפגעריסן דעמאָלט אין חודש מערץ דער פּרוכת פון דער צוקונפט, איז אויף דעם ערשטן אָרט פון פאָלקס-באַוואוסטזיין געשטאַנען די הייליקע אידעע פון דער קאָנסטיטואַנטע. שוין אין די סאַמע טענער פון די פאַרבאָטענע ווערטער „אוטשרעדיטעלנאָיע סאָבראַניע", איז פאַר דעם אויער פון רוסישן רעוואָלוציאָנער געלעגן קראַפט, נצחון, באַפרייונג. און ס'איז נישט קיין צופאַל, אַז שוין פון ערשטן טאָג פון דער רעוואָלוציע אָן האָבן די גבירישע, די קאַפּיטאַליסטישע קרייזן — ווי זיך צונויפגערעדט — סיי אין די הויפּטשטעט, סיי אין דער טיפער פּראָווינץ, אַרויסגעוויזן אָן אָפּעגעם אומצוטרוי און פאַרשטיקטן האַס צו דער קאָנסטיטואַנטע. איך דערמאָן זיך אָן מיין אייגענער דערפאַרונג. אין מאָמענט פון דעם אויפרייס פון דער רעוואָלוציע האָב איך געלעבט אין דער אוראַלער שטאָט אופאַ, וואו איך האָב רעדאַגירט אַ דעמאָקראַטישע צייטונג. דער אַרויסגעבער איז געווען גראַף טאָלסטאָי, איינער פון די דעפּוטאַטן אין דער ערשטער דומע, וואָס האָבן נאָכן פונאַנדעריאָגן זי אויפגערופן דאָס פאָלק צו אַ פּראָטעסט. ער איז געווען אַ ליבעראַלער באַלעבאָס, אַן עכטער קולטור-מענטש, אַ גאָר קליינער ערד-באַזיצער. אין משך פון אַ האַלב יאָר פאַר דער רעוואָלוציע האָבן מיר, אייגנטלעך, געקאָנט שטימען איינער מיט דעם אַנדערן, וויל עס האָט אונז פאַרבונדן די געמיינזאַמע קעגנערשאַפט צום גוססדיקן צאַריזם. אָבער שוין אויף מאָרגן נאָך די גלענצנדיקע בשורות פון פּעטראָגראַד, בעת איך האָב מיט שמחה און באַגייסטערונג פונאַנדערגעקליבן זיך אין די הויפּט טעלעגראַמעס, וואָס האָבן זיך געשאָטן פון דאָרטן, איז אויסגעוואַקסן אַ וואַנט צווישן אונז. איך האָב געוואָלט דרוקן אין צייטונג

די מאַניפעסטן פון די ביידע רעוואָלוציאָנערע אנשטאַלטן: סיי פון דעם קאָמיטעט פון די דומע-דעפּוטאַטן, סיי פון דעם ערשטן ארבעטער-און סאָלדאַטן-ראַט. אָבער טאָלסטאָי האָט זיך געפרווט מיר שטערן אין דעם: ער האָט נישט געוואָלט הערן פון ארבעטער-ראַט און פון זיין לאָזונג, וואָס איז געשטאַנען אויף דער שפּיץ: לעבן זאָל די גרינדונגס-פּאַרזאַמלונג!

מיר זענען זיך טאַקע באַלד פונאַנדערגעגאַנגען. איך האָב גענומען רעדאַגירן די נייע טעגלעכע ציישונג פון די „עס-ערן", און זיין בלאַט איז געוואָרן דער אָרגאַן פון די עכטע שונאי רעוואָלוציע. אָבער דער עפּיזאָד באַווייזט מיט וואָס פאַר א געזונטן אינסטינקט די בירגערלעכע קלאַסן האָבן תיכף ומיד דערשראָקן זיך און אָפּגעוואָרפן די קאָנסטיטואַנטע. זיי האָבן מורא געהאַט, אַז אין איר וועט זיך דאָס ארבעטער-פאָלק שאַפן א געוואַלטיקן רעכטמעסיקן אינסטרומענט, וואָס וועט גיך דורכפירן א ראַדיקאַלע סאָציאַלע אומוועלצונג אין לאַנד.

דער לץ פון דער וועלט-געשיכטע האָט אָבער איבערגעטאַסעוועט די קאָרטן. די פירנדיקע פּאָליטישע כוחות פון לאַנד, די געמעסיקטע סאָציאַליסטן, האָבן נישט געאיילט זיך צונויפצורופן די קאָנסטיטואַנטע, זי זאָל שליסן שלום, פאַרטיילן די ערד, שאַפן א סאָציאַלע געזעצגעבונג פאַר די ארבעטער, פּראָקלאַמירן א רעפּובליק. זיי האָבן זיך געלאָזט פירן פון דעם „נאַטירלעכן" גאַנג פון די געשעענישן. זיי האָבן זיך געלאָזט שטופּן פון די כיטרע ליבעראַלע פּאָליטישע טוער. זיי האָבן זיך געלאָזט בלענדן פון דער שיין פון די התחייבותן פון רוסלאַנד בנוגע די „וועסטלעכע דעמאָקראַטיעס", און דערפאַר ווייטער פירן די מלחמה. זיי האָבן באַשטימט א געלערנטע, א זייער געלערנטע קאָמיסיע פון כראָפעסאָרן און סאָציאַליסטישע שלימזלס, אויף אויסצואַרבעטן א דעמאָקראַטישע וואַל-אָרדנונג פאַר דער קאָנסטיטואַנטע. און די קאָמיסיע האָט טאַקע בזעת אפּה געהאָרעוועט און שטודירט אַלע וועלט-קאָנסטיטוציעס און אות פאַר אות געשאַפן די וואַל-אָרדנונג. די צייט איז אָבער דערווייל נישט געשטאַנען אויף אן אָרט. די-

ברענענדיקע צייט האָט געשפּאַנט מיט ריזן-טריט, דאָס איז געווען אַן עכטער קפיצת הדרך. די מאַסן האָבן מיט פון דורשט פאַרחלשטע אויגן געוואַרט.

אַמאָל, אין יאָר 1848, אַז די פּאַריזער אַרבעטער און האַנטווערקער האָבן מיט כּעס פאַרלאַנגט פון דעם פּאָעטישן רעגירונגספירער, לאַמאַרטין, מעשים אַנשטאָט שיינע ווערטער, האָט ער בײַ זיי געבעטן צו וואַרטן אַ ביסל צייט. און זיי האָבן אים דעמאָלט אומגעפער אַזוי געזאָגט: „גוט. מיר זענען מקריב דער רעפּובליק אַ ח ו ד ש פון אונזערע ליידן און האָפנונגען!" די ווייניקער פּאָעטישע לאַמאַרטינס פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָבן אין אַ מער שטורמישער געשיכטס-עפּאָכע פאַרלאַנגט נישט איין און נישט דריי און נישט זעקס חדשים וואַרטעניש פון די מאַסן. האָבן טאַקע די מאַסן גענומען פאַרבינדן זיך אין די ראַטן, וואו זיי זענען געווען, אַזוי צו זאָגן, צווישן זיך אַליין. און וואָס מער עס האָבן זיך געצייגט סימפּאַטיעס אַרום די ראַטן אַליין, אַלץ מער האָט זיך גענומען אָפּקילן דער אינטערעס צו דער קאָנסטיטואַנטע. און עס איז געשען נאָך עפּעס מער: אָנהענגער פון דער קאָנסטיטואַנטע האָבן גענומען ווערן דווקא שוין די „ליבעראַלע" און קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע קלאַסן. זיי איז געפעלן געוואָרן אָפּצולייגן אַלע שאלות אויף דער צייט פון „צוזאַמענרופן די קאָנסטיטואַנטע". שליסן שלום, טיילן ערד, פּראָקלאַמירן אַ רעפּובליק — אַלץ, אַלץ שפּעטער, אַז „זי", זאָל לעבן, וועט קומען. היינט האָט מען נישט קיין רעכט עפּעס אַליין דורצופירן...*)

און אַז דעם 12-טן נאָוועמבער איז שוין, אויפן גרונד פון דער סאַמע דעמאָקראַטישער וואַל-אָרדנונג, אויסגעקליבן געוואָרן די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, האָט זי — די ערשט-ניי-געבוירענע — געפונען פאַר זיך אַ זייער פאַרענדערטע לאַגע. טאַקע זי איז געווען די אַלטע, נאָך פון הימל-באַשטימטע כּלה, אָבער זי איז גע-

*) אַט אין אַזאַ צייט האָט קערענסקיס רעגירונג צ ו ו י י מ אָ ל אָפּגעלייגט דעם טערמין פון וויילן די קאָנסטיטואַנטע.

ווען שוין א פאַרעלטערטע, א פאַרשפּעטיקטע כלה. דאָס פאָלק האָט שוין געהאַט לעבן זיך א געליבטע, קדשט נאָר פון פייער אַרויס. דאָס איז געווען דער אָקטאָבער-אויפשטאַנד, וואָס איז געשען מיט א צוויי וואָכן פריער, דעם 27-סטן אָקטאָבער. דאָ איז נישט דאָס אָרט צו פרעגן, צי ס'איז געווען גוט צי שלעכט דער אויפשטאַנד, אָבער ער איז שוין געווען אַן אייזערנער פאַקט פון דער געשיכטע. און די געוואַלטיקע נייעס איז באַשטאַנען דערין, אַז די קאָנסטיטואַנטע איז, אַלס א רעוואָלוציאָנערע איינריכטונג, שוין מער נישט געווען קיין בת-יחידה, זי האָט געהאַט פאַר זיך שוין די ראַטן-מאַכט.

2.

ווי האָבן זיך געקאָנט איצט פאַרטראָגן די ביידע פרעטענדענטן אויף הערשאַפט, אויף פאָלקס-סימפּאַטיע, אויף רעפאָרמערישער אַרבעט? דאָ האָבן פאַרשידענע סאָציאַליסטישע קרייזן געגעבן גרונד-פאַרשידענע חשבונות. בסך-הכל זענען דאָס געווען דריי חשבונות: די געמעסיקטע (ד. ה. די רעכטע „עס-ערן" און די מענשעוויקעס) האָבן געטענהט: „די גאַנצע מאַכט מוז געהערן דער קאָנסטיטואַנטע!" זי איז דער אַלייניקער „באַלעבאָס פון דעם רוסישן לאַנד", די סאָוויעט-רעגירונג מוז הכנעהדיק אין אירע הענט איבערגעבן איר הערשאַפט. די פאַנאַטישסטע טרעגער פון דעם געדאַנק זענען געווען די רעכטע „עס-ערן"; זייער אמונה אין דעם גואל איז געווען אומבאַגרענעצט. איך געדענק נאָך די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע, בשעת די אַלטע ברעשקאָ-ברעשקאָווסקאַיאַ, די „באָבע פון דער רוסישער רעוואָלוציע", איז אין טריומף געפאָרן פון איר סיבירישער פאַרשיקונג קיין פעטראָגראַד. דעמאָלט, אין די ערשטע התונה-טעג פון דער פאָלקס-באַפרייונג, האָבן מיר, יונגע, געפרעגט ביי איר, צי מען קאָן שוין אַרויסרוקן די פאָדערונג פון עקספּראָפּריאירן די ערד אָן אַנטשיידיקונג. — ווייסט ווי דען? — האָט זי פאַרוואונדערט געענט-

פּערט. — אוודאי, ס'קאָן גאָר קיין צווייפל נישט זיין, אַז די קאָנסטיטואַנטע וועט אַזוי באַשליסן". און זי האָט ענערגיש אַ מאַך געטאָן מיטן גרויען קאָפּ אין עפּעס אַ ווייבעריש הייבל. אַ האַלב יאָר שפּעטער, בשעת זי איז זיך שוין פונאַנדער-געגאַנגען מיט דער מאַיאָריטעט פון דער פּאַרטיי, ווייל זי איז איר געווען צו ווייניק פּאַטריאָטיש, האָט זי, אַלס די עלטסטע פון אַלע-מען, געעפנט די זיצונג פון פאָר-פּאַרלאַמענט". דאָס איז געווען אַ מין פּאַרשטייערשאַפט פון אַלע קלאַסן און פּאַרטייען, וואָס קע-רענסקי האָט געשאַפן שוין פאַרן סאַמע אָקטאָבער-אויפשטאַנד. זי האָט זיך געווענדעט מיט אַ רעדע צו אַלע פאַרזאַמלטע. צווישן וועלכע עס זענען געזעסן די קאַדעטן (מיט מיליוקאָוון בראש), די גענעראַלן, די קאָזאַקן, און זי האָט אין גרויסן און גאַנצן גערעדט אַזוי, אַז זיי האָבן נישט געהאַט וואָס פאַראיבל צו האָבן. אָבער פּלוצלינג האָט זי אויפגעהויבן אַ פינגער, און ווענדנדיק זיך די-רעקט צו זיי, האָט זי אין אַ גוטמוטיקן באָבעשן טאָן אַרויסגע-זאָגט: „וואָס איז אָבער נוגע דער ערד, איז שוין קיין צווייפל נישטאָ, אַז די קאָנסטיטואַנטע וועט זי אָפּגעבן דעם פּויערטום אָן שום אַנטשעדיקונג. דאָס איז אַ באַשלאָסענע זאַך!" מען קאָן זיך פאָרשטעלן, ווי לאַנג עס האָבן זיך אויסגע-צויגן די פּנימער פון די בירגערלעכע דעפּוטירטע. אָבער מיר קומט דערויף צו באַווייזן, וואָס פאַר אַ טיפער גלויבן אין דער מאַכט און דעם יושר פון דער קאָנסטיטואַנטע עס איז געווען ביי די רעכטע „עס-ערן". באַזונדערס שטאַרק האָט געמוזט דער גלויבן אויסוואַקסן ביי זיי איצט, אַז זיי טאַקע זענען אויסגעקליבן געוואָרן אין אַזאַ געוואַלטיקער צאָל אין דער גרינדונגס-פאַרזאַמ-לונג. זיי זענען געווען די מערהייט אין צאָל. צי איז דאָס נישט די בעסטע גאַראַנטיע פאַר דעם פּראָגראַם זייערן?

— ניין, — האָבן מרעיש עולמות געווען די באָלשעווי-קעס, — דווקא דאָס, וואָס איר זענט אין אַזאַ צאָל, איז אַ גע-פאַר פאַר דער רעוואָלוציע. ווייל איר ווילט גאָרנישט און איר קאָנט נישט דורכפירן עפּעס אַ סאָציאַלן פּראָגראַם. אַוועקגעבן די גאַנצע מאַכט פון די זיגרייכע סאָוויעטן אין זייער קאָנ-

סטיטואַנטע, הייסן אַנטוואָפענען דאָס אַרבעטער-פאָלק — הייסט איבערגעבן עס אין די הענט פון דער בורזשואַזיע. אָט טאַקע זיי דאָך — די רעכטע „עס-ערן" מיט די מענשעוויקעס — האָבן אַ יאָר צייט ווייטער געצויגן די מלחמה, אומבאַרחמנותדיק פאַרצויגן אַלע רעפאָרמעס, זיך געלאָזט טרייבן פון די בייטש פון די דיפּלאָמאַטן. ווער קאָן קאַווירן, אַז זיי וועלן אויך די קאָנסטיטואַנטע נישט פאַרוואַנדלען אין אַ שפּילעכל פון אַ ז אַ פּאָליטיק? דערפאַר דאַרף מען... וואָס דאַרף מען? דאָ האָבן די באָלשעוויקעס נישט דעררעדט ביזן סוף. מען האָט אָבער געקאָנט פאַרשטיין. אַז זייערס אַ יונגער פירער, וואָס האָט נישט געקאָנט האַלטן אין האַנט זיין טעמפּעראַמענט, — דער שפּעטער דערהרגעטער וואָלאָדאַרסקי, — האָט איינמאָל אַרויסגעזאָגט אין אַ רעדע: ווען די קאָנסטיטואַנטע גיין קעגן אונז, וועט מען זי צעטרייבן! האָט לענינס צענטראַל-קאָמיטעט אונטערגעאיילט זיך תיכף אָ פּ צ ו ל י י ק ע נ ע ן אַזאַ שטאַנדפּונקט. אָבער אין תוך האָבן די באָלשעוויקעס לכתחילה נישט אַנדערש געמיינט: אויב די מאַכט וועט זיך שוין געפינען אין זייערע, אין די סאָוויעטישע הענט, וועלן זיי נישט לאָזן דער קאָנסטיטואַנטע אפילו אויפקומען אויף דער וועלט.

אַנטקעגן אָט די ביידע מיינונגען האָבן מיר, די לינקע „עס-ערן", אַרויסגערוקט אַן אַנדערע פּאָזיציע. מיר איז אויסגעקומען דעמאָלט צו שרייבן: „מיר שרייען נישט „הורא" און נישט „בי-דער מיט דער קאָנסטיטואַנטע". די לאַגע איז אַ סך פאַרוויקלטער געוואָרן. ס'איז געווען אַ צייט, בשעת מען האָט געטרוימט וועגן איר ווי וועגן דער קרוין פון די רעוואָלוציאָנערע דערגרייכענישן, ווי וועגן דעם העכסטן געזאַנג פון דער פאָלקס-הערשאַפט. אין די אייזערנע געזעצן פון דער „אוטשרעדזשדיטעלנאַיע סאָבראַניע", האָט געדאַרפט איינגעשמידט ווערן דאָס איידלסטע און שענסטע. וואָס דאָס פאָלק שאַפט אין דער סטיכישער אַקטיוויטעט פון דער רעוואָלוציע... אָבער 9 חדשים זענען שוין אַריבער פון יענער צייט. דאָס פאָלק איז פאַר דער צייט געוואָרן עלטער און גרויער. און אַז עס שטייט היינט פאַר דער שוועל פון דער

„אוטשרעזשדיטעלנאָיע", איז עס שוין צופיל דורכגעווייקט מיט ביטערער דערפאַרונג, אַז עס זאָל איר פשוט ט ר ו י ע ן, טרויען אויף איר וואָרט". אונזערע שווערע ספקות זענען געווען פאַרשטענדלעך, ווייל אין דערדאָזיקער צייט האָבן זיך דאָך אַרויסגעשטעלט צוויי קאַרדינאַלע פאַקטן. ערשטנס, איז דער רוב פון דער קאָנסטיטואַנטע באַשטאַנען פון יענע רעכטע „עס-ערן". וואָס מיר האָבן זיי אַלע גוט געקענט דורך זייער אומאָנטשלאָסנקייט, פּאַטריאָטישקייט, סאָציאַלער און פּאָליטישער נאַכגיביקייט. און צווייטנס, עס האָבן ש ו י ן געאַרבעט אין געוואַלטיקן מאַסשטאַב די סאָוויעטן און די ראַטן-רעגירונג האָט ש ו י ן געטון דאָס, וואָס מען האָט פריער פאַרזוימט: אין ברעסט ליטאָווסק האָט מען געפירט שלום-אונטערהאַנדלונגען, פאַר די פויערים איז שוין געווען פּראָקלאַמירט דאָס סאָציאַליזירונגס-געזעץ. עס זענען זיך, הייסט עס, אַנטקעגנגעשטאַנען, פון איין זייט, רעוואָלוציאָנערע טאַטן און אַנטשלאָסענע מענטשן, און פון דער אַנדערער זייט, האַלב-אַנטשלאָסענע מענטשן און שוואַנקענדיקע בעל-הבטחות. מען קאָן נאָך מער זאָגן: די ביידע קאָנקורענטן האָבן געהאַט אין תוך פאַרשידענע ס אָ צ י א ל ע פּראָגראַמען. בעת אין דעם שטורעמדיקן אינהאַלט פון די אָקטאָבער-געשעענישן האָט זיך שוין קלאָר פונאַנדערגעוויקלט דער פאָדעם, וואָס האָט געפירט צו אַ ס אָ צ י א ל י ס ט י ש ן איבערקער, איז דער אינהאַלט פון דער געמעסיקטער פּאָליטיק מיטן פּנים געווען געווענדט אויף צוריק, אויף פּשרות מיט דער אַלטער וועלט, אויף קאַפּיטאַליסטישע דרכים. צו דעם אָקטאָבער-אויפשטאַנד האָבן זיי נישט באַהאַלטן זייער שנאה. ביי אַזאַ לאַגע האָבן מיר נישט געקאָנט וועלן איבערגעבן די פּאַקטישע מאַכט פון פאָלק אין די הענט פון דעם אומבאַקאַנטן אורח.

אָבער צי הייסט עס טאַקע, אַז מען דאַרף אים נישט לאָזן אפילו קומען צום לעבן, ווי די באָלשעוויקעס פאַרלאַנגען? ניין, אודאי נישט. ווייל דאָס וואָלט באַטייט, אַז מיר, פּאַרטייען און פירער, וועלן עפּעס באַשטימען אָן דעם פאָלק, הינטער זיין רוקן". איך אַליין בין געווען אויסגעוויילט פאַר אַ דעפּוטירטן פון דער

קאָנסטיטואַנטע פון דער אופימער גובערניע. איך האָב נאָך אין זכרון געהאַט די נאַיווע התלהבות און דעם פלאַמענדיקן גלויבן, מיט וועלכן די פויערים און די אַרבעטער און די קליינבירגער פון שטאָט האָבן אונז, די „עס־ערן", געקליבן אין דער „אוטשרעדיטעלנאַיע". די קלויסטער־גלאָק האָבן געקלונגען, אין די דערפער פלעגן פויערים, ווי אין אַ הייסער תפילה, צלמען זיך ביים אָפּגעבן זייער שטים, אַרבעטער און סאָלדאַטן האָבן אונז אויפן וועג צוגעזאָגט זייער שטיצע. צי קאָנען מיר פשוט איבערשטרייכן מיט איין פּאָליטישער האַנט־באַוועגונג דידאָזיקע מיליאָניקע האָפנונגען; בשעת עס זענען אָנגעגאַנגען די וואַלן האָט דאָס פאָלק נאָך נישט געהאַט געזען וועגן דעם קעגנזאַץ פון דער מערץ־און דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. זאָל טאַקע דאָס פאָלק איצט אַליין מיט זיינע אויגן זעען דאָס פנים און דעם אימפּעט פון דער קאָנסטיטואַנטע און זאָל עס זי דעמאָלט אַליין אָפּשאַצן. מיר קאָנען זיין זיכער, אַז אויב זי וועט זיך שטעלן פיינדלעך צו די סאָוויעטן, אויב זי וועט זוכן נישט שלום מיט זיי, נאָר דווקא מחלוקת, וועט זיך דאָס פאָלק פון איר אָ פּ ק ע ר ן. דידאָזיקע זעלבשטענדיקע שווערע איבערצייגונגס־אַרבעט טאָרן מיר אָבער נישט צונעמען ביי אים, אויב מיר האַלטן זיך נישט פאַר מושלים איבערן פאָלק.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז פאַר די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן פון אָנהייב אָן געשטרעבט צו אַ ריינער פאַרטיי־דיקטאַטור, איז דערדאָזיקער געדאַנקען־וועג געווען אַ פרעמדער. זיי האָבן נ י ש ט געוואָלט, אַז דער קאָנקורענט זאָל זיך אַריינגנבענען אין דעם באַוואוסטזיין פון די מאַסן, אַז ער זאָל זיך אפילו לאָזן זעען ל ע ב ן דער ראַטן־רעגירונג. פאַר די לינקע „עס־ערן" האָט זיך די היסטאָרישע אויפגאַבע געמאָלט אַנדערש: נישט אַרויסטרייבן די מיט פולווער־אָנגעלאָדענע שיפן איינע אויף די אַנדערע, נאָר אַזוי זיי דורכפירן, אַז יעדע פון זיי זאָל אַריינגיין אין די רעמלעך פון דער אַנדערער, ווייל הינטער ביידן איז געשטאַנען דאָס אַרבעטס־פאָלק אין פאַרשידענע פּראָפּאָרציעס. און מיר האָבן זיך געזאָגט צַפּטכאָל: ווער ווייסט, צי וועלן די ביידע אָרגאַנען נישט

געפינען אַ פּשרה־וועג? די קאָנסטיטואַנטע איז דאָך נאָר אַ ציישווייליקער אָרגאַן, זי מוז דאָך נאָר אויסאַרבעטן אַ קאָנסטיטוציע פאַרן לאַנד. אפשר וועט זי טאַקע אוועקלייגן אין יסוד פון דער קאָנסטיטוציע דעם ראַטן־סיסטעם? אפשר וועלן טאַקע די אומאַנטשלאָסענע, שטענדיק וואַקלענדיקע רעכטע „עס־ערן" דער־הייבן זיך אויף דער היסטאָרישער הייך, וועלן מוותר זיין אויף זייער פּאָליטישן ברוגז און געבן טאַקע אַ שטאַרקן תקיעת־כּף דער ראַטן־רעגירונג? אפשר וועלן די קאָנסטיטואַנטע און די ראַטן מאַכן יד־אחת?

3.

די בעמעשיקסטע האָבן געוואַרט אויף דער קאָנסטיטואַנטע מיט אַן אָפענער האָפענונג אויף דער מפּלה פון די סאָוויעטן; די באָלשעוויקעס האָבן געוואַרט אויפן ליבן גאַסט מיט אַ באַהאַלטע־נעם חשק אַראָפּצונעמען אים דעם קאָפּ, איידער ער וועט אַריבער־טרעטן די שוועל. די לינקע „עס־ערן" האָבן אין דערדאָזיקער מיט כּעס־פאַרפלייצטער לופט געוואַרט מיט אַנטשלאָסענער רויקייט. די לינקע „עס־ערן" האָבן אין מיטן חודש דעצעמבער 1917 גע־קליבן זיך אַריינצוטרעטן אין דער ראַטן־רעגירונג. וואויהין די באָלשעוויקעס האָבן זיי לאַנג גערופן. און דאָס געשפּעטסט פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג האָט שוין געשפּילט אַ ראָלע אין אונזערע אונטערהאַנדלונגען. דאָס געשפּעטסט האָט שוין אפילו געבראַכט צו אַ צונויפמענשטויס מיט די באָלשעוויקעס, נאָך איידער מיר זענען אַריין אין דער רעגירונג.

דאָס איז געווען דעם 1־טן דעצעמבער 1917, אויף דער נאַכט־זיצונג פון צענטראַלן אַרבעטער־און פּויערים־ראַט (ציק). אין דעם טאָג איז געשען פאָלגנדעס: די רעגירונג, וואָס איז באַשטאַנען פון באָלשעוויקעס אַליין, האָט אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט קעגן די „קאַדעטן". ער איז געווען קורץ און שאַרף: „די מיט־גלידער פון די פירנדיקע אָרגאַנען פון דער קאַדעטישער פּאַרטיי,

אַלס שונאים פון פאָלק, זאָלן ווערן אַרעסטירט און איבערגעגעבן
צום געריכט פון רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל. די אַרטיקע ראַטן
מוזן באַזונדערס אַכטונג געבן אויף דער קאַדעטישער פּאַרטיי,
ווייל זי איז פאַרבונדן מיטן בירגער-קריג, וואָס די גענעראַלן פירן
קעגן דער רעוואָלוציע". צו דעמדאָזיקן דעקרעט איז נאָך אַרויס-
געלאָזט געוואָרן אַ לענגערע דערקלערונג פון דער רעגירונג, אין
וועלכער זי האָט געגעבן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס זי לייגט אַרויף
דעם חרם אויף די קאַדעטן. „ווייל אונטער דעם דעק-מאַנטל פון
פּאַרטייִדיקן די קאָנסטיטואַנטע גראָבן זיי זיך אונטער קעגן די
סאָוויעטן. דערפאַר דאַרף מען פון זיי פּטור ווערן... נידער מיט
דער בורזשואַזיע! פאַר די פיינט פון פאָלק, פאַר די ערד-באַזי-
צער **טאָר נישט זײַן קיין אָרט אין
דער קאָנסטיטואַנטע!**" אַז דעם דעקרעט האָט
מען איצט אויף דער זיצונג פון צענטראַלן אַרבעטער-ראַט גע-
דאַרפט באַטראַכטן און באַשטימען. מיר זענען אָבער אַרויסגע-
טרעטן קעגן אים מיט אַ גרויסן ברען. ס'איז אויך קיין וואונדער
נישט, אויב מען טיפט זיך אַ ביסל אַריין אין דעם זין פון דעם
קורצינקן דעקרעט. דאָ איז געלעגן, ראשית כל, די לעגאַליזירונג
פון שפּעטערדיקן בלוטיקן **טעראָר**. אוודאי זענען די קאַ-
דעטן געווען די גייסטיקע און פיזישע טרעגער פון דער בירגער-
לעכער קאָנטער-רעוואָלוציע. אָבער די סכנה איז באַשטאַנען אין
דעם, וואָס דער דעקרעט האָט נישט געווענדט זיין כעס קעגן
באַשטימטע און שולדיקע פּערזאָנען, נאָר גלאַט אַזוי קעגן אַ גאַנ-
צער פּאָליטישער אַבסטראַקציע, וואָס קאָן אַרומנעמען אומצייליקע
**אומשולדיקע** מענטשן. מען האָט אַזוי אַרום געשאַפן
דעם שעיר לעזאזל, דעם קאָלעקטיוון אַבאַנים, וואָס
אויף אים קאָן מען וואַרפן אַלע צרות און ליידן פון דער רעוואָ-
לוציע. ס'איז געווען קלאָר, אַז אויב אַזאַ פּרינציפּ פון פּאָליטי-
שער נקמה זאָל זיך איינבירגערין, וועט ער מאָרגן אָנגעווענדט
ווערן אויך בנוגע אַנדערע גרופּן און פּאַרטייען; פּאָליטישע
פאַרפאָלגונגען וועלן פאַרנעמען דאָס אָרט פון סאָציאַלן איבערקער-
אָבער אין דעם דעקרעט איז געלעגן פאַרבאָהאַלטן נאָך אַ

געפערלעכער געדאַנק: מען האָט זיך שוין פאַרמאָסטן אויף דער קאָנסטיטואַנטע גופא. לענין מיט טראָצקין האָבן געשריבן, אַז פאַר „די פיינט פון פאָלק טאָר נישט זיין דאָרטן קיין אָרט". אמת, היינט באַצייכנט מען די קאַדעטן אַלס די פאָלקס-פיינט. ווער ווייסט, צי וועט מען נישט מאָרגן אָנרופן ביים נאָמען די געפערלעכע קעגנער פון די ראַטן די רעכטע „עס-ערן"? קאַדעטן זענען דאָך אַריין אַהין מיט אַ האַלבן מנין מענטשן. די רעכטע „עס-ערן" זענען דאָך דאָרטן אפשר דער רוב. מיר האָבן דערזעען אין דעם דעקרעט אַ פאַרשטיקטן קלאַפּ קעגן דער קאָנסטיטואַנטע. און אַזוי אַרום זענען מיר, צוליב פאַרשידענע טעמים, געוואָרן אין דעם אָוונט „פאַרטיידיקער" פון די קאַדעטן.

דער געוועלטיקער זאַל פון סמאָלני-אינסטיטוט איז געווען פאַרגאָסן מיט בלענדנדיקער עלעקטרישער ליכט. די הויכע סאַלאָנען, די ווייס-בלאַנקענדיקע ווענט, די פילפאַרביק שימערירנדיקע לוסטרעס האָבן דערינערט אָן די אַלט-צאַרישע צייטן, ווען דאָ פלעגן אַרומשפּאַצירן די פאַרפּוצטע פריילינס מיט די הויכגעשטעלטע פאַרשוינען. איצט איז אָבער דער זאַל פאַרפלייצט געווען מיט אַן אַנדערן עולם, מיט פויערישע זיפּונעס, סאָלדאַטישע שינעלן, אַרבעטער-העמדלעך, מיט לופּטיקע מאַטראָסן-היטלעך*). אויף אַ הויכן פון האָלץ-צוזאַמענגעקלאַפּטן אויבן-אָן איז געזעסן דאָס פּרעזידיום, וואו סווערדלאָוו האָט מיט אַ מעטאַלענער שטים פעסט געפירט די זיצונג. הינטער זיין שטול זענען געזעסן די רעגירונגס-מיטגלידער, וואָס האָבן געהאַלט הייַנטיקס מאָל אַרויסטרעטן**). איך בין געווען באַשטימט פון אונזער פראַקציע אַרויס-

*) צווישן זיי זענען נאָך דעמאָלט געווען — נישט קיין סך — צעשאָ[illegible] אויך מענשעוויקעס, רעכטע און אַנדערע גרופּעס.

**) צווישן די פאַרשידענע מער אָדער ווייניקער כאַראַקטעריסטישע געזיכטער האָב איך באַמערקט עפּעס ווי פאַררוקט איינעם אַ ברייט-שולטערדיקן מענטש מיט אַ גרויסן פליך אויפן קאָפּ, מיט אַ געלבלעך פּנים און מיט רירעוודיקע באַוועגונגען. איך האָב נישט געוואוסט ווער דאָס איז צווישן אַנדערע.

צוטרעטן דעם אָונט מיט אַ פּראָטעסט־אָנפראַגע װעגן דעם נײעם דעקרעט, און איך האָב מיט אַ חבר דערװײל אַרומגעשפּאַצירט אין אַ דורכגאַנג פון דעם זאַל. היות װי איך בין געװען אַ פּראָװינץ־מענטש, האָב איך אים אױסגעפרעגט װעגן אומבאַקאַנטע פּערזאָנען, װאָס האָבן זיך געװיזן אין זאַל. אַז איך האָב אים געפרעגט װער איז דאָס דער מאַן מיטן געלבלעכן פּנים, האָט ער מיר מיט אַ געלעכטער געענטפערט: „דאָס איז דאָך לענין!" — צי איז דאָס נישט מערקװירדיק, װאָס איך האָב אין משך פון דער רעװאָלוציע נישט געזען קײנמאָל פריער זײן בילד ערגעץ־װאו אין אַ צײטונג? אַזױ באַשײדן זענען נאָך דעמאָלט געװען די רעװאָלוציאָנערן, אײדער זײ זענען געװאָרן רעגירונגס־לײט און אָפיציעלע האַלב־געטער. לעבן לענינען — האָב איך שױן אַלײן פאַרשטאַנען — איז געזעסן טראָצקי. מיט אַ היטל פון פעך־שװאַרצע האָר אױפן קאָפּ, אין אַ שטאָלצער האַלטונג, קוקנדיק אַרום זיך מיט אָדלער־אױגן, איז ער געזעסן און געװאַרט. די לופט איז געװען אָנגעפילט מיט פּאָליטישער שפּאַנונג, װײל דער ענין האָט אַלעמען אָנגערירט.

איך האָב געזאָגט אין מײן רעדע אומגעפער פאָלגנדעס:

„מיר פאַרשטײען נישט דעם פּאָליטישן און דעם פאָרמעלן זין פון דעם דעקרעט. חילט איר דערמיט קעמפן קעגן דער קאָנטר־רעװאָלוציע, שטײט איר אױף אַ פאַלשן װעג... נישט מיט צופעליקע רײן־טעכנישע רעפּרעסיעס װעט איר גובר זײן דעם קלאַסן־פײנט, נאָר מיט דער ס אָ צ י אַ ל ע ר איזאָלאַציע פון אים... דער דעקרעט באַװײזט נאָר די פּאָליטישע אָנמאַכט, די פאַרלױרנקײט פון דער רעגירונג. מיר פאַרלאַנגען, אַז דער רעװאָלוציאָנערער קאַמף זאָל געפירט װערן אָפן און ערלעך... דער דעקרעט פירט אונז אױפן געדאַנק, אַז מען װיל אַרונטערדרײסן די קאָנסטיטואַנטע. מיר זענען קאַטעגאָריש קעגנער דערפון. צו־לאַנג האָבן די רוסישע סאָציאַליסטן צוגעװײנט דאָס פאָלק צו דער אידעע פון „אוטשרעדיטעלנאָיע סאָבראַניע", אױך דער אָקטאָבער־אױפשטאַנד איז געגאַנגען אונטער זײן פאָראַל. דערפאַר פאַרלאַנגען מיר, אַז די קאָנסטיטואַנטע זאָל צונױפגערופן װערן אין איר־

פ ו ל ש ט ע נ ד י ק ן באַשטאַנד, סיי מיט די סאָציאַליסטן, סיי מיט די בירגערלעכע דעפּוטירטע. לאָמיר צוזאַמענפירן דעם סמאָלני-אינסטיטוט מיט דעם טאַורישן פּאַלאַץ*), און זאָל דאָס פאָלק דעמאָלט באַשטימען זייער גורל**)".

איך בין קוים אַראָפּגעגאַנגען פון דער טריבונע, ווי פון הינטער די אַרומיקע פּלייצעס איז אַרויסגעטרעטן לענין און האָט מיט אַ זיכערער האַנט אָנגעלענט זיך אויף דעם טריבונע-שטענדער. די באָלשעוויסטישע דעפּוטירטן-מאַסע האָט זיך ווי אָנגעצונדן, מיט אַ האַלב דומפּ קול, אָבער מיט אַן איבערצייגנדיקער אינטאָנאַציע, ענערגיש מאַכנדיק מיט די הענט, ווי אַ לערער, וואָס וויל עפּעס מסביר זיין זיינע תלמידים, האָט לענין גענומען רעדן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער שוין אַרומגעשפּאַצירט איבער דער בימה, ווענדנדיק זיך אין אַלע זייטן פון זאַל, אַלץ מער אויפהייבנדיק זיין שטים, אויפהייבנדיק אָפט די הענט אין דער הייך אין אויסדרוק פון פאַרוואונדערונג. ער האָט מאַקע אין זיין רעדע „געוואונדערט" זיך איבער אונזער שוואַכקייט. „סטייטש, האָט ער געטענהט, איר פאַרגעסט, אַז די קאָנסטיטואַנטע קלויבט זיך אין די אומשטענדן פון אַ בירגער-קריג. ציי קאָן מען זיך דאָ שטעלן אויף אַ פאָרמעלער פּאָזיציע ? וואָס הייסט באַגיין זיך קעגן דער בורזשואַזיע מיט איזאָלאַציע ? די קאַדעטישע פּאַרטיי איז דער פּאָליטישער שטאַב פון די קאַפּיטאַליסטן און דער קאָנטר-רעוואָלוציע. אויף זייער פאַרראַט קאָן זיין נאָר איין תשובה — טורמע !"

די ווערטער האָבן אַרויסגערופן אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן אין זאַל. לענינס שטים איז ביים אַרויסזאָגן הארטע ווערטער נישט געווען קיין באַזונדערס שטעכיקע. זי פלעגט זיין אַזוי שטאַרק

*) אין סמאָלני איז געזעסן די ראַטן-רעגירונג, אין טאַורישן האָט זיך געדאַרפט פאַרזאַמלען די קאָנסטיטואַנטע.

**) די באָלשעוויסטישע ראַטן-מיטגלידער האָבן געשוויגן, אונזערע און שכנישע האָבן געפּאַטשט בראַוואָ.

אָנגעפּילט מיט זיין אינטאָנאַציע פון איבערצייגונג, אַז מען פלעגט
אַזוי ווי פאַרביילאָזן דורכן אויער די שאַרפקייט פון די ווערטער.
אין איר איז נישט געווען דאָס ליאַזגען פון אייזן, ווי ביי אַ
סווערדלאָוו אָדער טראָצקי, בשעת זיי פלעגן אַרויסרעדן מיט
הנאה שרעקלעכע ווערטער. אָבער דערפאַר האָבן אפשר לענינס
רייד מער געווירקט אויפן צוהערער. לענין האָט אונז ווייטער גע
זאָגט מוסר. „אַזוי האָט טאַקע געהאַנדלט אַמאָל די גרויסע פראַנ
צויזישע רעוואָלוציע, נישט ווי די חברים לינקע „עס-ערן" ווילן.
זי האָט די קאָנבענט-פאַרטייען דערקלערט אויסערן געזעץ"... לע
נין האָט שאַרף אָפּגעהאַקט זיין רעדע און איז אַוועק פון טריבּ
דער. דאָס איז נישט געווען קיין געמאַכטער שלום-עפעקט, ווי
דאָס פלעגט ליב האָבן צו טון אין זיינע דרשות טראָצקי. דאָס
איז פּשוט געווען דער זאַכלעכער סוף פון זיין רויק-דעמאַגאָגי
שער רעדע. און בשעת די אַפּלאָדיסמענטן האָבן גענומען פאַר
קלינגען, האָט זיך אויפגעהויבן טראָצקי. ער איז אַרויס מיט אַ
סענסאַציאָנעלער ידיעה, וואָס האָט טאַקע אונז אַלעמען דערפרייט
שטאַרק, אָבער וואָס האָט, אגב אורחא, אָפּגעלייגט די אויפמערק
זאַמקייט פון די דעפּוטירטע אויף אַן אַנדערן געביט. ער האָט
פאָרגעלעזן אַ טעלעגראַמע פון ב ר ע ס ט - ל י ט אָ ו ו ס ק,
אין וועלכער עס האָט זיך געזאָגט, אַז נאָך לאַנגע אונטערהאַנ
דלונגען — האָבן די דעלעגאַציעס פון דייטשן, עסטרייכער, בול
גאַרן און טערקן איינגעוויליקט אין משך פון אַ חודש צייט נישט
אַריבערצופירן זייערע סאָלדאַטן פון דעם רוסישן פראָנט אויפן
פראַנצויזיש-ענגלישן. דאָס איז געווען אַ גרויסער מאָראַלישער
נצחון פון דער סאָוועטישער דיפּלאָמאַטיע. ווייל דורכדעם האָבן מיר
געוויזן דער גאַנצער וועלט, אַז מיר פירן שלום-אונטערהאַנדלונגען
מיט דייטשלאַנד נישט נאָר צוליב ראַטעווען זיך אַליין פון די מלחמה
קייטן, נאָר מיר זוכן אויך דערביי איינצוהאַלטן די הענט פון
דייטשישן מיליטאַריזם אויף אַ ל ע פראָנטן: מיר לאָזן אים
נישט שטאַרקן זיך אין וועסט-אייראָפּע אויפן חשבון פון אונזער
שוואַכקייט. מיט שטראַלנדיקע אויגן האָבן מיר אַלע צוגעהערט זיך
צו דערדאָזיקער ידיעה. אין הוראַגאַן פון הענט-פּאַטשעניש

און אויסרופן איז ווי אַ שוואַרצע מאַרמאָר־סטאַטוע געשטאַנען אויסגעצויגן אין דער הייך אויף דער בימה טראָצקי. אין זיין רעדע האָט ער אַנטוויקלט די געדאַנקען פון לענינען. קומענדיק צו דער פראַגע פון טעראָר, האָט ער זיך נישט איינגעהאַלטן און צום ערשטן מאָל געברויכט אַן עכט־טעראָריסטישן נוסח, לויט די בעסטע טעקסטן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע: זאָלן נאָר די קאַדעטן זיין צופרידן מיט אַזאַ דעקרעט אונזערן. אויב די לאַגע וועט זיך פאַרשאַרפן, וועט מען מוזן אַוועקשטעלן אַ גיליאָטינע אויף אַן עפנטלעכן פּלאַץ און מאַכן מענטשן מיט אַ קאָפּ קירצער! לסוף האָט ער זיך באַזונדערס געווענדט צו אונז: גייט מיט אונז צוזאַמען צן שוואַנקונגען, מיר זאָלן אייך נישט דאַרפן שלעפּן צו דער רעוואָלוציע אויף אַ שטריק!

דעמאָלט האָט טראָצקי נאָך נישט געוואוסט, אַז מען טאָר נישט שפּילן זיך מיט אַזעלכע עפּעקטפולע פראַזן: זיי קאָנען זיך אַמאָל אויסלאָזן אויך קעגן אים. אין אַ יאָר פינף אַרום שוין האָט מען אים אויך אָפּגעשיידט פון דער קהילה קדושה, מען האָט אים אויך באַצייכנט מיטן נאָמען פון אַ שוואַנקענדיקן און מען האָט אים „אויף אַ שטריק” אַרומגעשלעפּט אין דער פּאַרטיי.

מיר האָבן זיך אָבער אויך דעמאָלט נישט געלאָזט אָפּשרעקן פון די ווערטער און אין מיין שלוס־רעדע האָב איך ביידן אָפּגעענטפערט האַרב. „זאָל מען דאָ נישט דערוועקן דעם אָנשיין, אַז מיר זענען עפּעס ווי פּאַרטיידיקער פון דער קאַדעטישער פּאַרטיי. פאַרקערט, לענין און טראָצקי זענען זייער ענלעך צו די רעכטע „עס־ערן”. וואָס שרעקן זיך שטענדיק פאַר די קאַדעטן. יענע חלומען נאָר וועגן קאָאַליציעס מיט קאַדעטן, איר — נאָר וועגן מלחמה מיט זיי. באַפרייט זיך אַ ביסל פון דעם קאָשמאַר און פירט אַריבער דעם געדאַנק פון פאָלק אויף שעפערישער סאָציאַלער אַרבעט... אָט די ידיעה, וואָס מיר האָבן אָקאָרשט געהערט פון ברעסט־ליטאָווסק, טוט אַ סך מער פאַר דער רעוואָלוציע, איידער טעראָריסטישע פראַזן... אונז דאַרף מען נישט שלעפּן אויף אַ שטריק, דאָס שלעפּן די באָלשעוויקעס די רעוואָלוציע

אויפן שטריק... מאַנצט נישט נאָך דער ב י ר ג ע ר ל ע-
כ ע ר פראַנצויזישער רעוואָלוציע... וואָס איז נוגע דער קאָנ-
סטיטואַנטע, מוזן מיר מאַכן דעם פאַרזוך אומצוהאַנדלען זי אין
אַן אָרגאַן פון דער רעוואָלוציע. אויב באַשטימטע דעפוטאַטן, אָנ-
געבנדיק בפירוש די נעמען, האָבן זיך געמישט אין באַשטימטע
קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע מעשים, זאָל מען זיי נישט שאַנעווען.
מיר פאַלן נישט כורעים פאַר דער פאַרלאַמענטאַרישער הייליקייט...
אָבער זאָל מען נישט אַרויפלייגן די האַנט אויף דער קאָנסטי-
טואַנטע, איידער זי האָט זיך געוויזן דעם פאָלק". — אונזער רע-
זאָלוציע, וואָס מיר האָבן אַריינגעטראָגן, האָט פאָרמולירט די-
זעלבע געדאַנקען: „היות ווי די באַציונגען פון די אַרבעטער-
מאַסן צו דער קאָנסטיטואַנטע וועט באַשטימט ווערן ערשט נאָכ-
דעם ווי עס וועט זיך אַרויסשטעלן די פּאָליטיק אירע, היות ווי-
יעדער פאַרזוך אַראָפּצורייסן אָדער פונאַנדערצוטרייבן די קאָנ-
סטיטואַנטע, איידער זי וועלן אָנהייבן אַרבעטן, טראָגט אַריין אַ
פאַרווירונג אין די מאַסן און כלי-זיין אין די הענט פון דער
בורזשואַזיע — באַשטימט דער צענטראַלער אַרבעטער-ראַט, אַז
די קאָנסטיטואַנטע מוז זיך צונויפקומען פריי, אין דעם באַשטאַנד
פון זיינע אַלע, סיי סאָציאַליסטישע, סיי בירגערלעכע, עלעמענטן".

די רעזאָלוציע איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן מיט 150 שטי-
מען פון די באָלשעוויקעס קעגן 98. דער ראַט האָט מסכים גע-
ווען מיט דעם רעגירונגס-דעקרעט. די גרויסע שפּאַנונג האָט אַ
ביסל אָפּגעלאָזט. דער עולם האָט מיט אַ דערלייכטערונג אויפ-
געהויבן זיך פון די ערטער און געלאָזט זיך צו דער טיר. מיט
אַ געוואַלטיק זשומענדיקן הוהאַ האָט זיך דער מענטשן-שטראָם
געקייקלט אַראָפּ די ברייטע סמאָלני-טרעפּ. מען האָט מיט ליאַרם
אַרומגערעדט די צוויי פּאָליטישע ליניעס, וואָס האָבן זיך דאָ שאַרף
אָנגעמערקט דעם אָוונט.

## 4.

אמת טאַקע, דער פאָרשלאַג פון די לינקע „עס-ערן" איז דאָס מאָל דורכגעפאַלן אין צענטראַל-ראַט, אָבער די באַלשעוויקעס האָבן אין דער זעלבער צייט געדרעגנט אויף אונז, מיר זאָלן גיכער אַריינטרעטן אין דער ראַטן-רעגירונג. — איר וועט פאַרשפאָרן דעמאָלט צו פראָטעסטירן קעגן אונזערע דעקרעטן, — האָבן זיי געטענהט, — איר אַליין וועט אָנטיילנעמען אין דעם אויסאַרבעטן זיי!" ס'איז קיין חידוש נישט פאַרוואָס די באַלשעוויקעס האָבן אונז געדרענגט: אויסער אַנדערע סיבות, איז איבער זייערע קעפ געלעגן דאָס געשפּענסט פון דעם געפערלעכן רואה ואינו נראה, פון דער קאָנסטיטואַנטע. קעגן דעם פויערטום, וואָס האָט געקליבן די רעכטע „עס-ערן" אין אַזאַ גרויסער צאָל, האָבן זיי געסטאַרעט זיך אַנטקעגנצושטעלן אַנדערע „עס-ערן", די לינקע „עס-ערן". מיט האָבן אָבער גראָד דעמאָלט געהאַט דורכצופירן דעם שטורעמדיקן פויערים-קאָנגרעס, וואו אויפן לעבעדיקן לייב פון דעם קלאַס איז מיט גרויס מאַטערניש דורכגעמאַכט געוואָרן דער שניט אויף רעכטע און לינקע. דער פויערים-קהל האָט זיך געצויגן מיטן גאַנצן סאָציאַלן מהות זיינעם צו די סאָוויעטן, וואָס האָבן שוין געווירקט אין לאַנד, און מיטן *פאָליטישן* זין זיינעם האָט ער זיך נאָך געפּרוּווט האַלטן אויך אָן דער קאָנסטיטואַנטע. מיטן גרעסטן טריומף פלעגט מען אויף דעם קאָנגרעס זייערן אויפנעמען די רעדעס וועגן „פאַרייניקן די קאָנסטיטואַנטע מיט די סאָוויעטן". אַז די דעלעגאַציע פון אונזער צענטראַל-קאָמיטעט איז געגאַנגען רעדן מיט לענינען וועגן די באַדינגונגען פון אונזער אַריינטריט אין דער רעגירונג, האָט אונזער עלטסטער חבר, מאַרק נאַטאַנסאָן, געפילט, אַז ער איז אַ שליח נישט נאָר פון זיין פאַרטיי, נאָר אויך פון פויערטום, אַלס *קלאַס*. נאַטאַנסאָן, דער גרייז-גרויער אַלטער, מיטן קאָפּ פון אַ מתנגדישן רב, מיטן ברייטן קערפּער פון אַ רוסישן פויער, איז געווען די

לעבעדיקע פאַרקערפּערונג פון דער גאַנצער האַלב־יאָרהונדערטי־קער רעוואָלוציאָנערער טראַדיציע אין רוסלאַנד. ער איז געווען דער שאַפער פון דעם ערשטן סאָציאַליסטישן קרייז, וואָס איז געשטאַנען אויף דער העכסטער מאָראַלישער הייך און וואָס פון אים זענען שפּעטער באַרימט געוואָרן די נעמען פון קראַפּאָטקין און טשאַיקאָווסקי. ער האָט אין משך פון צענדליקער יאָרן גע־האָלפן בויען די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, האָט נישט איין מאָל געזען זייער צעשטערונג און פלעגט בויען זיי אויפסניי. פאַר אים, אַלס דעם עלטסטן נאַראָדניק, איז שטענדיק געשטאַנען דאָס געשטאַלט פון געפּייניקטן רוסישן פּ ו י ע ר. אין דער מלחמה איז ער געוואָרן אַ קעגנער פון פּאַטריאָטיזם, אין דער רעוואָלוציע האָט ער געהערט דעם לינקן פליגל פון דער „עס־ערן"־פּאַרטיי. פאַר אונזער לינקן פליגל, וואָס איז מיינסטנס באַשטאַנען פון יונגוואַרג, איז זיין זילבערנע באָרד און זיין טראַדיציע געווען דאָס גרעסטע געווינס. אָט אין נאָמען פון דעם פּויערטום איז ער איצט געקומען רעדן מיט לענינען וועגן בילדן אַ קאָאַליציע־רע־גירונג. דער רירעוודיקער, גוט־אויפגעלייגטער לענין האָט גע־פּרוווט די דעלעגאַציע אויף אַ שטובּיקן גוטמוטיקן אופן, אַזוי ווי גאָר צווישן אייגענע, פּשוט אַריינציען אין דער רעגירונג. אויף אַלע פון אונז געשטעלטע תּנאים פלעגט ער זאָגן: גוט, גוט, מיר וועלן שוין דורכקומען! מיר האָבן אָבער שטרענג געהאַלטן זיך אָן די גרונד־פראַגן, אויף וועלכע מיר האָבן געוואָלט הערן קלאָ־רע תשובות. און ס'איז מסתמא געווען נישט קיין שלעכט בילד צו זען, ווי זיי ביידע, לענין און נאַטאַנסאָן, האָבן זיך פריינט־שאַפטלעך געאַמפּערט מכּוח דעם פּויערטום און זיין אַגראַר־פּראָגראַם. לענין האָט שטאָל און אייזן געהאַלטן נאָר פון פּ ר אָ־ל ע ט אַ ר י אַ ט. וועגן דעם „עס־ערישן" פּראָגראַם (סאָציאַ־ליזירונג פון דער ערד אויפן יסוד פון גלייכער רעכט אויף אַר־בעט), וואָס ער אַליין האָט אין ברען פון אָקטאָבער־אויפשטאַנד פּראָקלאַמירט, האָט ער ווייניק געהאַלטן. צומאַכנדיק איין אויג, האָט ער כיטרע געפרעגט: צי גלייבט מען טאַקע, אַז די גלייכ־קייט פון ערד־באַזיץ וועט לאָזן דורכפירן דער פּויער גופא. און

נאַטאַנסאָן, דער שטאָט-מענטש און דער ייד, האָט מיט ערנסט פאַרטיידיקט דווקא די אינטערעסן פון פ ו י ע ר ט ו ם און זיינע אידעאַלן. זיצנדיק אַזוי איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן, האָבן לענין און נאַטאַנסאָן דעמאָלט פאַרקערפּערט אין זיך דעם בירגערלעכן בונד פון די ביידע רוסישע קלאַסן, אַרבעטער און פּויערטום.

נאַטאַנסאָן האָט דערביי מודיע געווען, אַז אונזער צענטראַל-קאָמיטעט האָט אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז די קאָנסטיטואַנטע „מוז אין דער סאַמע נאָענטסטער צייט צונויפגערופן ווערן אין באַשטאַנד פון אַלע אירע טיילן". די באַלשעוויקעס האָבן געזוכט אַלץ אָפּצוציִען דעם מאָמענט פון צונויפרופן זי. דאָ האָבן זיי געמוזט אַנטשליסן זיך. מען האָט זיך אויך אַנטשלאָסן: צונויפרופן זי אויפן 5-טן יאַנואַר 1918 און עפענען זי, אויב עס וועט זיך איינגעפינען די העלפט פון אַלע דעפּוטירטע — 400 מענטשן. אונטער לענינס חתימה איז אַרויס אַן אָפיציעלע דערקלערונג, אַז „היות ווי עס האָבן זיך פאַרשפרייט קלאַנגען, אַז די קאָנסטיטואַנטע וועט גאָרנישט ווערן צונויפגערופן, דערקלערט דער קאָמיסאַרן-ראַט, אַז די דאָזיקע קלאַנגען שטאַמען פון שונאים פון די ראַטן און זענען פאַלש. זי וועט ווערן צונויפגערופן, ווי נאָר 400 דעפּוטירטע וועלן זיך אויפן געהעריקן אופן רעגיסטרירן אין דער קאַנצעלאַריע פון טאַווערישן פּאַלאַץ".

מיר זענען אין די נעכסטע פּאָר טעג אַריין אין דער רעגירונג. מיינט אָבער נישט, אַז ווייטער איז אַלץ געגאַנגען כשורה. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פרישע פאַרדרייעניש, און גאָר פון אַ בייער זייט — ווי זאָל מען פעסטשטעלן, אַז עס קומען אָן 400 דעפּוטירטע? רעגיסטרירן זיי? גוט, אָבער ביי וועמען? דאָך נישט אין דער קאַנצעלאַריע פון דער קאָנסטיטואַנטע, ווייל זי איז דאָך נאָך אַ דבר שלא בא לעולם. אַלזאָ, אין אַ קאָמיסיע. וואָס איז באַשטימט פון דער ראַטן-רעגירונג? אַזוי קומט אויס נאָכן פּשוטן שכל. און די רעגירונג האָט טאַקע באַשטימט אַ קאָמיסיע אונטער דער פירונג פון באַלשעוויק אוריצקי. האָבן אָבער די דעפּוטירטע רעכטע עס-ערן קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז זיי וועלן נ י ש ט

גיין רעגיסטרירן זיך צו א קאָמיסיע, וואָס איז באַשטימט פון א רעגירונג, וואָס זיי אָנערקענען נישט. איז ווי זאָל זיין? האָט אוריצקי מיט דער גרעסטער רויקייט דערקלערט: אָן דער רעגיסטראַציע ביי מיר וועל איך נישט אריינלאָזן אין טאַווריטשן פאַלאַץ (וואו עס האָט געדאַרפט צונויפקומען זיך די קאָנסטיטואַנטע). ממילא האָט דער גאַנצער ענין פון רעגיסטרירן זיך גענומען הענגען אין דער לופטן. דער צד שכנגד, די רעכטע עס-ערן, האָבן גענומען העלפן די באָלשעוויקעס פאַרציען דעם ענין.

דערווייל אָבער האָט אוריצקי נישט געדרימלט. ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז צוליב דער פאַפּירענער מניעה פון רעגיסטראַציע וועט זיך די געשיכטע נישט אָפּשטעלן און אַז דער טאַווריטשער פאַלאַץ וועט סוף-כל-סוף דערזען אין זיינע ווענט די פיינטלעכע ברידער. האָט ער גענומען זיך צום קבלת-פנים. בעת מען האָט בחפזון געקאַלכט די ווענט און געשייערט דעם גלאַנץ פון פאַלאַץ, האָט אוריצקי סיסטעמאַטיש צונויפגערעדט זיך מיט די רעוואָלוציאָנערסטע טיילן פון די מאַטראָסן פון קראָנשטאַט און העלסינגפאָרס. ער האָט פון זיי צונויפגעשטעלט א לייב-וואַך, אַן עפעקטנע שמירה פאַר דער קאָנסטיטואַנטע. אין יום-טובדיקע מונדירן, אין די פרישע ים-העמדלעך און היטעלעך מיט א מחנה פון בלישטשענדיקע רעוואָלווערן, גראַנאַטן און קוילנוואַרפערס האָבן די מאַטראָסן באַזעצט אַלע חדרים און ווינקעלעך פון דעם גרויסאַרטיקן פאַלאַץ. ס'פאַרשטייט זיך, אַז זיי זענען אַלע געווען אָנהענגער פון דעם אָקטאָבער-אויפשטאַנד און פאַנאַטיש איבערגעגעבן דער ראַטן-רעגירונג. איך געדענק ווי אוריצקי האָט איינמאָל אויף דער זיצונג פון די קאָמיסאַרן אונז מיט א פוילער מינע און קאַרג אין ווערטער אָפּגעגעבן א באַריכט וועגן זיין טעטיקייט אין דער קאָנסטיטואַנטע-קאָמיסיע. אַז מיר האָבן אים געפרעגט, צי וועט נישט אַרויסקומען דורך דעם אָנזאַמלען פון מאַטראָסן אַ געפאַר פאַר דער אָרדנונג אין דער קאָנסטיטואַנטע, האָט ער רויק, ווי שטענדיק, אָפּגעענטפערט: „אָט וועט איר זען, איך נעם איבער די גאַנצע אחריות פאַר דער אָרדנונג". אוריצקי איז דערביי געזעסן

אַזוי פּלעגמאַטיש, מיט די גרויסע פּענסנע, וואָס האָבן זיך עפּעס ווי געוואַלגערט אויפֿן שפּיץ פֿון זיין נאָז, מיט דער פּופּקע אין עק מויל, מיט דעם גאַנצן איינגעבויגענעם רוקן פֿון אַן עלטערן ישיבֿה־בחור, אַז מען וואָלט דעמאָלט נישט געקאָנט פֿאָרויסזען אין אים דעם באַלדיקן גרויזאַמען פּאָרזיצער פֿון טשעקאַ. ער איז גאָר איינגעטלעך נישט געווען קיין געבוירענער באָלשעוויק. אָבער, ווייזט אויס, די רעוואָלוציע שטעלט אַוועק דעם נייטיקן מענטש אויפֿן נייטיקן אָרט. — אוריצקי האָט נישט נאָר באַוואָרנט די אָפֿיציעלע שמירה פֿון פּאַלאַץ. ער האָט פֿונאַנדערגעגעבן אויך די בילעטן אויף אַריינקומען אין דער קאָנסטיטואַנטע אַלס צושויער אויף די גאַלעריעס. און דאָ האָט ער — ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעשטעלט — אַזוי קונציק פֿונאַנדערגעטיילט די בילעטן צווישן די פֿאַבריקן, די סאָלדאַטן און די מאַטראָסן, אַז דער געוואַלטיקער רוים פֿון די גאַלעריעס איז געווען בפּועל ממש פֿאַרנומען כּמעט נאָר פֿון זיינע אָנהענגער. אין דער טראַגישער זיצונג פֿון 5־טן יאַנואַר האָבן טאַקע די גאַלעריעס זיך געלאָזט פֿילן און הערן. שפּעטער, אין אַ פּאָר טעג אַרום, אַז די קאָנסטיטואַנטע גופֿא איז זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען אָן אַ שטער, האָט ער מיך געפֿרעגט מיט אַ שמייכל: „נו, וואָס וועט איר זאָגן וועגן מיינע מאַטראָסן?“

5.

אין דער זעלבער צייט, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן געזוכט צו באַוואָרענען זיך פֿון דעם געשפּענסט דורך בלאַנקענדיקע קוילנוואַרפֿער, האָבן די לינקע עס־ערן געזוכט אַנדערע וועגן. זיי האָבן געהאָפֿט, אַז מען וועט קאָנען געפֿינען אַ בריקל פֿון אידעאישער און פּאָליטישער געמיינזאַמקייט צווישן די ביידע סאָוועט־פּאַרטייען און כאָטש אַ טייל פֿון די רעכטע עס־ערן. דער טריומף פֿון אַזאַ פּאָליטיק וואָלט באַשטאַנען אין צונויפֿקלאַפּן אַזאַ מערהייט אין דער קאָנסטיטואַנטע, אַז זי זאָל זיך פֿאַרבינדן מיט דער ראַטן־רעגירונג און לעגאַליזירן דעם אַקטאַ־

בער־איבערבריך. צי איז דאָס געווען מעגלעך? מיר האָבן געפרווט האָפן. מיר האָבן געוואוסט, אַז אין דער גרויסער רעכטעס־ערישער פראַקציע גייען אָן טיפע קאַמפן, אַז דאָרטן איז דאָ אַ גאָר רעכטער פליגל (מיט די מגושמדיקע פאַטריאָטן בראש) און אַז אַ לינקער פליגל (מיט טשערנאָוון בראש). מיר האָבן געוואוסט, אַז אין דער גאַנצער אוקראַינע האָט מען אויסגעקליבן „אוקראַינישע עס־ערן", וואָס זענען לויט זייער נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן פּראָגראַם נאָענט צו די לינקע עס־ערן. מיר האָבן נאָך דערצו געוואוסט, אַז אויך אין דער באָלשעוויסטישער קאָנסטיטואַנטע־פראַקציע זענען געווען נישט ווייניק פּראָווינץ־דעפּוטירטע, וואָס האָבן אויך נישט געוואָלט אַ פּשוט פונאַנדערטרייבן פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. און מיר האָבן זיך געזאָגט: ווער ווייסט, אפשר וועלן די אַלע גרופּעס — אין אַן אַנטשיידנדיקער שעה — געפינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך. אויספאָרשן גרינדלעך די לאַגע, אויסגעפינען די וועגן צום פאַרשטענדניש האָבן מיר דעמאָלט אַרויפגעלייגט אויף די דיפּלאָמאַטישע פּלייצעס פון חבר קאַרעלין. די פאַר וואָכן פאַרן צוזאַמענטריט פון דער קאָנסטיטואַנטע האָט ער זיך באַזעצט אין דעם שיינעם האָטעל „אַסטאָריאַ", וואו עס האָבן געוואוינט די דעפּוטאַטן, און ער האָט גענומען וועבן די זייער שווערע אונטערהאַנדלונגען. און ווי מיר אַלע זענען דעמאָלט נישט געווען פאַרנומען ביז איבער די קעפּ, ווי גרויס עס זענען נישט געווען די געשעענישן, וואָס די ברויזנדיקע צייט האָט אונז טאָג־טעגלעך געוואָרפן פאַר די אויגן, מיט איין אויער און מיט האַרץ־קלאַפּעניש האָבן מיר זיך שטענדיק צוגעהערט צו די ידיעות, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון דער „אַסטאָריאַ", צי עס גייט אויף אַ וועג, צי נישט? באַזונדערס פיל האָפנונגען האָבן ביר געלייגט אויף די אוקראַינישע עס־ערן. זייער פירער מיכאַיליטשענקאָ און סעווערעאָוו־אָדאָיעווסקי זענען געווען אפילו מער פאַרטון אין אָפּהיטן זייער נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיקייט, האָבן אָבער אונז צוגעזאָגט צו גיין האַנט ביי האַנט מיט אונז. זייערע 70 דעפּוטירטע האָבן אפשר געקאָנט געבן אונז צוזאַמען מיט די באָלשעוויקעס אַ מערהייט?

*

*

און בשעת אין טאַווריש פּאַלאַץ האָט אוריצקי אַריינגעפירט די מאַטראָסן, בשעת קאַרעלין האָט אין דער „אַסטאָריאַ״ געשפּונען די זיידענע דיפּלאָמאַטישע פעדים, איז אין סמאָלני גופא געגאַנגען אַ דריטע צוגרייטונג צו דעם קבלת־פּנים פונם גאַסט. מיר זענען — אַלס רעגירונג — געזעסן צוזאַמען מיט לענינען און וואָרט ביי וואָרט באַטראַכט די דעקלאַראַציע, וואָס האָט געדאַרפט ווערן דורכגעלייענט אין דער קאָנסטיטואַנטע, אין נאָמען פון דעם צענטראַלן אַרבעטער־און פּויערים־ראַט. דאָס איז געווען די שפּעטער באַרימט־געוואָרענע „דעקלאַראַציע פון די רעכט פון אַרבעטנדיקן און עקספּלואַטירטן פאָלק״. לויט דעם נאָמען איז זי געווען נאָכגעמאַכט דער היסטאָרישער „דעקלאַראַציע פון די רעכט פון מענטש און בירגער״, וואָס עס האָט געשאַפן די פראַנצויזישע רעוואָלוציע. אין אינהאַלט איז זי אָבער געווען נישט אַ ליבעראַל־דעמאָקראַטישע פּראָקלאַמירונג פון אַלגעמיינע בירגער־רעכט, נאָר אַ סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער פּראָגראַם פון די אַרבעטנדיקע מאַסן. איך געדענק נישט, אַז עס זאָל דעמאָלט צווישן אונז אַנטשטיין אַ מחלוקת וועגן דעמדאָזיקן אינהאַלט. אַ פּאָר מאָמענטן זענען מיר אָבער פאַרבליבן אין זכרון. דער ערשטער פּונקט האָט זיך, לויטן נוסח פון לענינען, אָנגעהויבן אַזוי: רוסלאַנד ווערט פּראָקלאַמירט אַלס אַ סאָציאַליסטישע רעפּובליק פון אַרבעטער, פּויערים און סאָלדאַטן־ראַטן. די לינקע עס־ערן האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן אַריינפירן דאָס וואָרט „סאָציאַליסטישע״ אין דער פייערלעכער פּראָקלאַמאַציע: זי וועט זיך איינפרעגן אין די מוחות און זי דאַרף דערפאַר נישט אַנטהאַלטן קיין גוזמאות. רוסלאַנד וויל דעם סאָציאַליזם, דער אָקטאָבער האָט געעפנט די וועגן דערצו, אָבער היינט איז נאָך ווייט פון סאָציאַליזם. מיר וועלן זיך אָפּשיידן שאַרף פון אַ בירגערלעכער רעפּובליק? איז דאָס טאַקע אָנגעצייכנט אין די ווערטער „רעפּובליק פון סאָוויעטן״. לענין האָט מיט אַ שמייכל געענטפערט: „דאָס לאַנד איז אויפן וועג צום סאָציאַליזם, הייסט

דאָך דאָס, אַז עס איז סאָציאַליסטיש". ער האָט אָבער אונז נאָכגעגעבן. צווייטנס, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם מלוכה־געבײ פון דער נייער רעפּובליק. לויט אונזער עס־ערישן פּראָגראַם האָט זי געדאַרפט זיין פ ע ד ע ר אַ ט י ו. באָלשעוויקעס האָבן שטענדיק געהאַלטן פון אַ צענטראַליסטיש־געבויטער מלוכה. איצט אָבער, ווען זיי האָבן געדאַרפט אויפזאַמלען סימפּאַטיעס פון אַלעמען, האָבן זיי נאָכגעגעבן אויך אין דעם פּונקט. דער צווייטער פּונקט פון דער דעקלאַראַציע האָט געזאָגט: „די סאָוויעט־רעפּובליק ווערט באַגרינדעט אויפן יסוד פון אַ פרייען בונד פון פרייע נאַציאָנען, ווי אַ פ ע ד ע ר אַ צ י ע פון סאָוויעטישע נאַציאָנאַלע רעפּובליקן". די ווייטערדיקע פּונקטן האָבן מיר אַלע אָנגענומען גלייך. עס האָט זיך גערעדט וועגן דער סאָציאַליזירונג פון ערד, וועגן דער נאַציאָנאַליזירונג פון די באַנקען, וועגן אַנולירונג פון אַלע רוסישע מלוכה־שולדן, וועגן קאַמף פאַר אַ דעמאָקראַטישן שלום. עס האָט זיך גערעדט וועגן איינפירן פאַר אַלעמען די אַרבייטס־פליכט, וועגן אַנטוואָפנען די בירגערלעכע קלאַסן און אויסבויען אַ סאָציאַליסטישע אַרמיי. און איבער די אַלע איינצל־פאָדערונגען האָט זיך געטראָגן אַן איינציקער פלאַמענדיקער געדאַנק: די מאַכט איז ביי די אָרימע קלאַסן, זיי ווילן נישט און דאַרפן נישט אַרויסלאָזן זי פון דער האַנט.

מיר זענען געזעסן, מען קאָן זאָגן, אין אַ באַגייסטערטער שטימונג. דאָס צימערל פון דער רעגירונג, אין לענינס קאַבינעט, איז געווען ענג און אומבאַקוועם, אָבער מען האָט געפילט זיך דערהויבן. מען האָט געזען מיט די אויגן, ווי עס דרייט זיך איבער אַ בלאַט פון דער געשיכטע! די שטאָט פּעטראָגראַד איז געווען איינגעהילט אין סודות און סכנות, אָבער דאָס האַרץ האָט האַסטיק געשלאָגן אַנטקעגן די אַלע סכנות. נאָר אומפריי־וויליק האָט זיך אין ברעגן פון דער אַרבעט דאָס אויער צוגעהערט צו עפּעס אַ דומפּ גערויש, וואָס האָט זיך פונדערווייטנס געטראָגן צו אונז. דאָס גערויש איז אָבער געוואָרן אַלץ העכער, אַלץ שאַרפער. די דומפּע שטימען האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַלץ נענטערע געשרייען, די האַסטיקע שריט האָבן זיך געשטיי־

נערט צו אַ מאַסן־געלויף. מיר האָבן אַלע פאַרחידושטע אויפגע־הויבן די קעפּ. דאָס גערויש איז שוין גאָר נאָענט, עס רייסט זיך אויף מיט אַ געוואַלט די טיר פון דעם צימער, און אַ מחנה רויטע גווארדיסטן און מאַטראָסן מיט געווער אין די הענט האָט זיך אַרייַנגעריסן צו אונז. נישט איינער האָט אויפגעציטערט פון פאַרחאונדערונג. לענין האָט זיך געביטן אין פּנים. וואָס איז דאָס? שוין אַן איבערפאַל פון יענע? — האָט דורכגעבליצט דורך די קעפּ. „גאַרנישט, גאַרנישט, חברים — האָט זיך דערהערט פון טיר — דאָס איז נאָר אַ פּראָבע!" די מחנה האָט זיך אַ וואָרף געטון צו די פענסטער פון צימערל, האָט אַרויפגעשטעלט אויפן פענסטער־ברעט קוילנוואַרפער און גענומען טיף אַרייַנקוקן אין דעם חושך פון דער נאַכט.

מיט אַ ברייט געלעכטער איז איצט אַרויסגעטרעטן דער סעקרעטאַר פון דער רעגירונג, דער היטער פון קעניגלעכן הויף, באָנטש־ברויעוויטש, און האָט געזאָגט: „דאָס מאַכן מיר אַ רעפּעטיציע אויף יעדן פאַל, טאָמער וועלן זיי מאַכן אַן איבערפאַל... מיר האָבן געמאַכט אַ טרעוואָגע אין סמאָלני, צו זען, ווי וועט דאָס אויסזעען..." אויסגעזען האָט עס גאַרנישט שלעכט: מען האָט די רעגירונג טאַקע גוט איבערגעשראָקן. און שוין מיט געלעכטער האָבן מיר זיך צוגעקוקט ווי די באַוואָפנטע ביז די ציין אַרבעטער האָבן מיט אַ ביסל פאַרשעמטע פּנימער אָפּגעצויגן פון צימער, שלעפּנדיק הינטער זיך די קוילן־שפּייענדיקע חיה רעה. דורך דער פּלוצלינגדיקער אויפציטערונג פון די קאָמיסאַרן, האָב איך דעמאָלט פאַרשטאַנען, ווי זיי זענען אייגנטלעך אַלע אינערלעך גרייט געווען צו אַן איבערפאַל פון יענעם צד. דעמאָלט זענען מיר ערשט דערגאַנגען, ווי ווייניק מיר זענען אייגנטלעך געווען באַשיצט אין יענער צייט, ווי שוצלאָז דער סמאָלני אַליין איז געלעגן פאַר אַ מוטיקן איבערפאַל פון די קעגנער. און קעגנער זענען דעמאָלט געווען סיי די פאַנאַטיקער פון דער קאָנסטיטואַנטע, סיי די טויזנטער און טויזנטער ווייס־גאַרדיסטישע אָפיצירן, וועלכע האָבן פאַרפלייצט די שטאָט.

אַז מען האָט — ערב עפענען די קאָנסטיטואַנטע — גענומען

בודק זיין די גאַנצע שמירה פון סמאָלני-אינסטיטוט, האָט זיך אַרויסגעשטעלט גאָר אַ משוגענע זאַך: דער בראָנעוויק, דער גרויסער געפּאַנצערטער אויטאָ, וואָס איז געשטאַנען פאַרן טויער נאָך פון די אָקטאָבער-טעג אָן און האָט געדאַרפט אָנוואַרפן אַן אימה אויף אַלע שונאים, איז געווען פשוט פאַרדאָרבן. עפּעס עמעצנס הענט האָבן פאַרקליאָפּעט דאָס פּייערדיקע מויל פון דער בראָנירטער מאַשין, אַזוי אַז זי איז געוואָרן אַן אומגעלומפּערטע שברה כּלי. אַ שיין פּנים וואָלט געהאַט די פאַרטיידיקונג פון סמאָלני, ווען אַן אמתער איבערפאַל פון די שונאים וואָלט געווען צעשטערט די נעסט פון די סאָוויעטן.

אָ, ווי לייכט אייגנטלעך האָבן די שונאים דעמאָלט געקאָנט אָנפאַלן אויף דערדאָזיקער נעסט... ווען זיי וואָלטן טאַקע געקאָנט. און דערויף טאַקע איז געלעגן דער פאַרבאָרגענער זין פון דער וועלט-געשיכטע: מען האָט געקאָנט פּרוּוון זיך טעכניש אַרויסטרעטן קעגן די ראַטן, מען האָט נישט געקאָנט אַרויסטרעטן פּאָליטיש. מאָראַליש.

דאָס געשפּענסט פון דער קאָנסטיטואַנטע האָט אָבער געלויערט אויף אונז אין אַלע ווינקעלעך פון שטאָט. די לופט אַליין, פול מיט ליידנשאַפטלעכער שפּאַנונג, האָט אַזוי ווי גערופן: גיכער, גיכער, זאָל שוין קומען דער טאָג!

6.

דער טאָג איז געקומען, דער 5-טער יאַנואַר 1918. אין דער שטאָט איז דערקלערט געוואָרן דער באַלאַגערונגס-צושטאַנד. די פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג און אַלע מיליטערישע אינסטאַנצן זענען געשטאַנען אין דער גרעסטער באַרייטשאַפט. מען האָט זיך געגרייט צו באַוואָפנטע דעמאָנסטראַציעס פון אַרבעטער און סאָלדאַטן, וואָס שטייען הינטער די רעכטע עס-ערן. אַז איך בין צוגעקומען, 12 אַ זייגער בייטאָג, אין טאַוורישן פּאַלאַץ, האָט ער אויסגעזען גאָר ווי אַ קריגס-לאַגער. ער איז געווען ריין און ציכטיק, ער

האָט געשטראַלט אין די איידעלע פאַרבן פון גאָלד און רויט, אָבער פון יעדן קאָרידאָר זיינעם האָבן אַרויסגעקוקט שטרענגע געזיכטער פון באַוואָפנטע מאַטראָסן. איבער זייערע פּלייצעס האָבן זיך קאָקעטיש געצויגן די לענטעס מיט פּאַטראָנעס, אויף זייערע גאַרטלען האָבן זיך געוויגט באַשיידן גראַנאַטן, און אַלע ווינקעלעך האָבן זיך באַהאַלטן די לאַנגע נעזער פון קוילנוואַרפער. עס זענען זיך צונויפגעקומען ביז 500 דעפּוטירטע. ס'איז געווען אַ בערוועזער, ליידנשאַפטלעך־פאַרשטיקטער, פאַרזאָרגטער גערויש אין אַלע קאַמערן. דער הויפּט־זאַל איז נאָך געווען געשלאָסן.

וואָס פאַר אַ בילדער עס איז אויסגעקומען צו זען אין דעם אַלטן פּאַלאַץ. אַמאָל אַ געשאַנק פון דער לעבנס־לוסטיקער קייזערין יעקאַטערינאַ צו איר איבערגעגעבענעם יועץ, האָט דער פּאַלאַץ עלף יאָר געהאַלטן ביי זיך די צאַרישע דומע. יאָר־איין, יאָר־אויס האָבן זיינע פּרעכטיקע ווענט געזען די מיניסטאָרן, דעם קייזער, די שוואַרץ־מאַהדיקע דעפּוטאַטן, די קיילעכדיקע ליבעראַלן, ווי זיי האָבן כּסדר מלחמה געהאַלטן קעגן די הייפלעך אמתע פאָלקס־פאַרטרעטער.

אין יאָר 1917 איז — ביים אויסברוך פון דער „נאַציאָנאַלער" רעוואָלוציע — דער פּאַלאַץ פּלוצלינג געוואָרן דער ערשטער שטיץ־פּונקט, די ערשטע הילצערנע באַריקאַדע, אויף וועלכער עס האָט זיך, אונטער דער פירונג פון די געמעסיקטע סאָציאַליסטן, געשמידט דער אייזערנער רצון פון די ביז־איצטיקע געפּענטעטע קלאַסן. אין סמאָלני איז דערדאָזיקער רצון פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן עקסטרעם־ראַדיקאַלן שטורעם, וואָס האָט זיך איצט געטראָגן צום אַלטן פּאַלאַץ מיט אַן אימפּעט, וואָס די וועלט האָט נאָך נישט געזען. דער מאָנאַרכישער פּאַרלאַמענטאַריזם האָט דאָ פריער אָפּגעטרעטן זיין אָרט דעם דעמאָקראַטישן; איצט האָט דער דעמאָקראַטישער געמוזט אָפּטרעטן זיין אָרט דעם סאָוויעטישן פּאַרלאַמענטאַריזם. נאָך דעם שטענדיק ליאַרעמדיקן ריח פון פּראָלעטאַרישער גאַס פון סמאָלני, האָט איצט דער טאַווּרישער פּאַלאַץ אויסגעזען אונז ווי אַ פרעמדער זכרון פון אַ פאַרגאַנגענער צייט.

מיד, די לינקע, האָבן זיך אויף שריט און טריט אָנגע-
שטויסן אָן די רעכטע עס-ערן, אָן אונזערע נאָר-וואָס געוועזענע
פריינט און חברים. מען האָט זיך אָבער פון ביידע זייטן געמאַכט
ווי נישט זעענדיק, מען האָט איינער פון דעם אַנדערן פאַרבאָ-
האַלטן די אויגן. אַ שיינע התחלה איז דאָס געווען פאַר דעם
טאָג! — מען איז אַרומגעלאָפן פאַרטראָגן, מען האָט אָפּגעהאַלטן
אין די פּראַקציעס זיצונגען אָן אויפהער און מען האָט נישט גע-
וואוסט, וואָס וועט ווייטער זיין. ביידע צדדים האָבן זיך געמאָסטן
די כּוחות, ווי אַלע מאָל אין אַזעלכע ציטן, האָבן זיך פון איין
גרופּע צו דער אַנדערער ווי מיט רוחות געטראָגן נייעס, השערות,
נביאות. מען האָט נייגיריק געוואַרט, ווען וועלן אָנקומען די קאָ-
מיסאַרן. מען האָט געוואַרט, צי וועט זיך דערוועגן קומען קערענ-
סקי, וואָס איז געווען אין שטאָט. מען איז פּלוצלינג דערגאַנגען,
און איבערגעגעבן מיט התפּעלות, אַז אַקאָרשט איז אין פּאַלאַץ
דערשינען אַבראַם גאָץ, וואָס אים זוכט די „טשעקאַ", ווי מיט
ליכט. נישט נאָר זיינע חברים, נאָר אַלע האָבן געהאַט הנאה פון
דער העזה זיינער. זינאָוויעוו האָט אים דערזעען אין איינעם פון
די קאָרידאָרן און האָט מיט אַ שמייכלדיק פּנים געזאָגט צו זיי-
נע מקורבים: „זאָגט אים דאָך, אַז ער זאָל אַוועקגיין, עס פּאַסט
דאָך נישט, אַז מען זאָל אים אַרעסטירן אָט דאָ!" ס'איז נאָך
דעמאָלט, ווייזט אויס, נישט אויסגעאַרבעט דער מין פון פּאָליטי-
שער בושה. פון אַכטונג צו אַ רעוואָלוציאָנער. גאָץ איז פאַר-
שוואונדן און מען האָט זיך געפרעגט און געשושקעט, צי איז ער
נישט פאַרכאַפּט געוואָרן ביים אַרויסגיין פון פּאַלאַץ. ער איז נישט
פאַרכאַפּט געוואָרן. אָבער ווי אַ בליץ האָט זיך גענומען טראָגן פון
איין עק צום אַנדערן אַ ידיעה, אַז מען שיסט אין די גאַסן, אַז
די רויטע גוואַרדיסטן האָבן צעשאָסן דעמאָנסטראַנטן, אַז אין די
גאַסן בויען זיך באַריקאַדן. מיר האָבן נישט געוואָלט גלייבן אין
דעם, ווייל די מיליטער-מאַכט האָט געהאַט שטרענגסטנס פאַר-
באָטן וועלכע-נישט-איז דעמאָנסטראַציעס אין דעם טאָג, ווייל
טאַקע אין די גאַסן, וואָס פירן צום פּאַלאַץ, זענען געווען פון די
ר ו י ט - ג וו א ר ד י ס ט ן אויפגעבויט באַריקאַדן, אום

נישט צוזולאָזן דעם ראַטן-פיינטלעכן עולם. די קלאַנגען האָבן אָבער נישט אויפגעהערט און אַ זייגער צוויי בייטאָג האָט די ידיעה אַריינגעפלאַצט שוין צו מיר, אַלס יוסטיץ-קאָמיסאַר: עס גייט איצט אַ שיסעריי!...

הייסט עס, אַז די ביקסן נעמען אַליין שיסן? איך האָב טעלעפאָניש אַרויסגערופן דעם פירער פון דער מיליטערישער שמירה פון שטאָט. דאָרטן האָט מען נאָך גאָרנישט געוואוסט. דאַן האָב איך זיך געלאָזט שנעל פירן אין דער פעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג, וואו די שמירה איז געווען קאָנצענטרירט. בעת איך בין אַהינגעקומען, האָבן זיי שוין יאָ געהאַט אומקלאָרע ידיעות וועגן שיסערייען און געהרגעטע. די לאַגע האָט געקאָנט ווערן געפערלעך. ס'איז מער נישט שווער דעם ערשטן טראָפּן צו פאַרגיסן. מיר האָבן געדאַרפט תיכף מתרה זיין די רויט-גוואַרדיסטישע פּאָסטנס, זיי זאָלן זיך נישט לאָזן פּראָוואָצירן. איך האָב געבעטן דעם פלינקן, פריילעכן, אָבער אין העכסטן זין פאַראַנטוואָרטלעכן קאָמיסאַר בלאַגאָנראַוואָוו אַריינצוזעצן זיך אין מיין אויטאָ און מיר האָבן זיך פייל פון בויגן געלאָזט אין דעם אָנגעדירטן ראַיאָן. די גאַסן זענען אומעטום געווען ליידיק פון מענטשן, אָבער וואָס נעענטער מיר זענען געקומען צו יענעם אָרט, זענען זיי געוואָרן געדיכטער. עס זענען אומעטום געשטאַנען אויפגערעגטע הייפלעך מענטשן, ווי שטענדיק נאָך אַ גרויסן טומל. אונזער אויטאָ האָט מען באַגלייט מיט ווייניק פריינטלעכע בליקן. בלאַגאָנראַוואָווס פריילעכקייט איז עפּעס פאַרשוואונדן געוואָרן. אַ טיפע אָנגעשטרענגטקייט האָט זיך אָנגעצייכנט אויף זיין פּנים. דער אויטאָ האָט געמוזט שוין פאַרלאַנגזאַמען זיין לויף. אַ געדריש פון שוואַרצע מענטשן-מאַסן האָט זיך געטראָגן אונז אַנטקעגן. און פּלוצלינג האָט בלאַגאָנראַוואָוו אָנגעכאַפּט מיך פאַרן אַרבל, מיט אַ מיליטערישן טאָן עפּעס געהייסן דעם שאָפער. „מיר מוזן תיכף אַרויספאָרן פון דאַנען!" — האָט ער מיך צוגערופן, און אַז דער אויטאָ האָט זיך אַרויסגעקירעוועט און אַוועקגעפלויגן צוריק, האָט ער מיר באַרויקטער געזאָגט: „דאָ האָט מען נישט געקאָנט בלייבן... איר האָט נישט געזען די געזיכטער... עס האָט גע-

שמעקט מיט אַ לינטש-שטימונג"... עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעשטעלט, אַז אין דעם אָרט איז געווען אַ צוזאַמענשטויס פֿון אַ דעמאָנסטראַציע (לכּבוד דער קאָנסטיטואַנטע) מיט רויט-גוואַרדיסטן. ס'איז אַנטשטאַנען אַ פּאַניק, צי מען האָט זיך געריצט, אָבער מען האָט געשאָסן און אויף דעם בלאַנקן שניי האָבן זיך רויט אָפּגעפאַרבט מענטשלעכע לעבנס. אַ יונגע רעכטע עס-ערין, גאַרדאַ צשעוואָסקאַיאַ, וואָס האָט געטראָגן אַ רויטע פֿאָן איז אויך געבליבן ליגן...*).

אַ זייגער האַלב נאָך פֿיר בײַטאָג, אַז איך בין צוריקגעקומען אין דעם פּאַלאַץ, האָט נאָך די זיצונג נישט אָנגעהויבן זיך. די רעכטע עס-ערן זענען געזעסן אויבער זיך פֿון אויפֿרעגונג און האָבן געדראָט אַליין צו עפֿענען די קאָנסטיטואַנטע, אויב מען וועט זיך פֿיר אַ זייגער נישט פֿאַרזאַמלען. צו דער שעה איז דער אויסגעפּוצטער זאַל אָבער שוין געווען פֿול מיט די דעפּוטאַטן אויף זייערע פּלעצער. דעם לינקן פֿליגל האָבן פֿאַרנומען די באָלשעוויקעס און די לינקע עס-ערן. דעם צענטער און רעכטן — די רעכטע עס-ערן. לעבן זיי זענען געווען נאַציאָנאַלע פּאַרטרעטער (אוקראַינער, מוסולמענער, יידן). מיר האָבן זיך געזעצט אויף אונדזערע ערטער אַלס דעפּוטאַטן (נישט אויף די רעגירונגס-פּלעצער) און גענומען מיט קלאַפּנדיקע הערצער אַרומקוקן זיך. זעלטן-ווען עס האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אויף איין שטח אַזוי פֿיל סאָציאַליסטישע טוער, רעדנער, קעמפֿער, מאַרטירער. רעכטס פֿון אונדז איז געזעסן דער גאַנצער שטאַב פֿון די באָלשעוויקעס, וואָס איז געוויילט געוואָרן. לינקס פֿון אונדז — דער גאַנצער שטאַב פֿון דער אַלטער מיט היסטאָרישן כּבֿוד באַשאָטענער עס-ערן-פּאַרטיי. פֿאַר אונדז, לינקע עס-ערן, זענען אין דעם צווייטן שטאַב געזעסן אַלע אונדזערע אייגענע לערער און מנהיגים און

---

*) מער האָבן זיך אין דעם טאָג שיסערייען נישט געטראָפֿן. שפּעטער זענען מיר פֿון די מעמוארן דערגאַנגען, אַז בײַ די רעכטע עס-ערן איז נישט געווען קיין אַנטש אָסענע שטימונג און קיין באַשלוס פֿאַר דעם טאָג.

פּאַרקעמפּער, וואָס אָן זייער ליכט האָט זיך אָנגעצונדן אונזער פייער און וואָס נאָר מיט ליבע און אַכטונג האָבן מיר יאָרנלאַנג געווענדט צו זיי אונזערע אויגן. מיר זענען איצט דאָ געזעסן ווי פרעמדע. וואָס פאַר אַ וואַלד אָבער מיט יונגע מענטשן האָט זיך געהויבן דאָרטן אויבן אויף די גאַלעריעס. וואָס פאַר אַ זידיקער שטראָם פון גלאַנצנדיקע אויגן, פון באַגייסטערונג, פון עזות האָט זיך געגאָסן אויף אונז פון דאָרטן אַראָפּ! דאָס יונגע בלוט האָט זיך נאָך געהאַלטן אין די רעמלעך.

די רעכטע עס-ערן האָבן פאַרכאַפּט די איניציאַטיוו אין זייער האַנט. עפּעס איינער האָט דאָך געדאַרפט עפענען די זיצונג. מיר האָבן נישט אַנדערש גערעכנט, אַז דאָס וועט טון אין נאָמען פון צענטראַל-ראַט סווערדלאָוו. אָבער ער האָט זיך עפּעס פאַרזוימט. און אויף דעם רעכטן פליגל פון זאַל האָט זיך דערהערט אַ יונג קול: „אַזוי ווי דער עלטסטער פון אַלע דעפּוטאַטן שיינט צו זיין דער דעפּוטאַט שוועצאָוו, בעטן מיר אים צו עפענען די זיצונג". שוועצאָוו איז אַ רעכטער עס-ער. די דעמאָנסטראַציע אין קענטיק שוין צוגעגרייט, ווייל שוועצאָוו, מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד פון אַ רוסישן סטאַראָוויער, איז תיכּף אַרויף אויף דער טריבונע. ער קלינגט אין דעם גלאָק, ער זאָגט די ערשטע ווערטער. אָבער ער ווערט פאַרהילכט פון אַ געוואַלטיקן ליאַרם. דער לינקער פליגל האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דער קורצער פאַרוואונדערונג און הייבט אָן פּראָטעסטירן. מען שרייט און מען פייפט; מען האַלט זיך באַעוולט; וואו איז דען סווערדלאָוו? די מהומה דויערט נישט לאַנג. אין זיין שטענדיקער לעדערנער קורטקע באַווייזט זיך אויף דער טריבונע לעבן שוועצאָוון סווערדלאָוו. עפּעס אומבאַמערק-טערהייט רוקט ער אָפּ אָן אַ זייט שוועצאָוון, נעמט אין האַנט דעם גלאָק, שיט פונאַנדער אין זאַל זיינע זיכערע קלאַנגען און הייבט אָן אַליין צו רעדן. דער לינקער פליגל ווערט פאַרהילכט פון פּאַטשעניש: מען איז ווידער אַרויף אויפן וועג. מיט דער זעלביקער שטאָלערנער לײדנשאַפטלאָזער שטים, צו וועלכער מיר זענען געוואוינט אין סאָוויעט נאָך, הייבט ער אָן: „דער אַלרוסי-שער צענטראַל-ראַט פון די פועלים, סאָלדאַטן און אַרבעטער-

דעפוטאַטן האָבן מיר געגעבן דעם אויפטראַג צו עפענען די קאָנסטיטואַנטע. דער צענטראַל-ראַט האָפט, אַז די קאָנסטיטואַנטע וועט אונטערשטיצן דעם קאַמף פון די אונטערדריקטע קלאַסן, וועלכער איז אָנגעהויבן געוואָרן אין דעם חודש אָקטאָבער".

די לינקע אַפּלאָדירן מיט אַלע כּוחות. עס מישט זיך אַריין און קלאַפּט באַגייסטערט דאָס פּובליקום אויף די גאַלעריעס, די סאָלדאַטן, די מאַטראָסן, וואָס האַלטן וואַך אין דעם זאַל.

„ווי די פראַנצויזישע בורזשואַזיע האָט אין איר צייט דעקלאַרירט די רעכט פון מענטשן און בירגער, אַזוי דאַרפן אין 20-סטן יאָרהונדערט די פאַרטרעטער פון אַרבעטער און פּויערים דעקלאַרירן די רעכט פון אַרבעטנדיקן פאָלק".

אין מיטן פון שטורעם הייבט אָן סווערדלאָוו צו לייענען די דעקלאַראַציע, וועלכע מיר קענען שוין. עס טראָגן זיך אין דער לופט די ווערטער וועגן ראַטן-רעפּובליק, וועגן פעדעראַציע פון פעלקער, וועגן סאָציאַליזירונג פון ערד, וועגן שלום-פאַרהאַנדלונגען, און יעדער פּונקט פון דער דעקלאַראַציע ווערט אונטערגעשטראָכן פון געוואַלטיקער באַגייסטערונג און אַפּלאָדיסמענטן פון די באָלשעוויקעס און לינקע עס-ערן. דער רעכטער פליגל האַלט אין איין שווייגן. אַפילו ביים דערמאָנען די נאַציאָנאַליזירונג פון דער ערד, וואָס דאָס איז אויך דער פּראָגראַם פון די רעכטע עס-ערן, שווייגן זיי דעמאָנסטראַטיוו. סווערדלאָוו ענדיקט דאָס לייענען, די לינקע הייבן זיך אויף און זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל". צוערשט אַ ביסל אומבאַהאָלפן, ווערט דאָס זינגען אַלץ מער און מער שטאַרקער, טיפער, מאַיעסטעטישער. ווי אַ דונערנדיקע מאַסע גיסט זיך אַריין אין זינגען די טויזנטפאַכע שטים פון דער גאַלעריע.

נאָך אַ קורץ קווענקלען זיך האָבן זיך אַ הייב געטון אויך די רעכטע עס-ערן. זיי אַליין, און באַזונדערס טשערנאָוו, סטאַרען זיך אַריינצולייגן אין דעם געזאַנג נישט קיין קלענערן אימפּעט, ווי דער לינקער פליגל פון זאַל. די לינקע, זעענדיק, אַז זייערע פּאָליטישע קעגנער זינגען דאָס זעלבע ליד וואָס זיי, ווילן אַריינ-

לייגן אין דעם נאָך מער אײגענע התלהבות, נאָך מער
זייער אײגענע טיפערע איבערגעגעבנקייט. אָט אַזוי ווילן ביידע
צדדים מנצח זיין איינער דעם אַנדערן דורך ענטוזיאַזם, און די
פייערדיקע פונקען פליען צו דעם קופּאָל פון פּאַלאַץ, צום הימל
אַליין. צי האָט דען עס איז אַ נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר פּאַרלאַ-
מענט געזעען, אַז אין דער ערשטער שעה פון זיין אַרבעט זאָל
הילכן דאָס אַנטי-פּאַטריאָטישע, דאָס נאַר-מענטשלעכע סאָציאַליס-
טישע ליד „אינטערנאַציאָנאַל“? וואָס איז דאָס וואונדער, אַז
בעת די מעכטיקע קלאַנגען האָבן זיך געטראָגן אין דעם זינגענ-
דיקן פּאַלאַץ, האָט זיך אין אַלע הערצער פאַרגנבעט די האָפ-
נונג, אַז דאָ זיצן דאָך ברידער, אַז מען וועט קאָנען געפינען אַ
געמיינזאַם לשון. צי האָבן דען נישט גאַנצע גענעראַציעס פון רו-
סישע קעמפער בלוטיק געוואַרט אויף דעם הײנטיקן טאָג, צי האָבן
אפשר נישט די שאָטנס פון די טויזנטער מאַרטירער אַרייגגע-
קוקט דורך די פענסטער פון פּאַלאַץ, צי וועלן זיך נישט געפי-
נען אין אונזערע הערצער די וואַרעמע טענער, וואָס וועלן צע-
שמעלצן די פּאָליטישע ווענטלעך, וואָס שטייען צווישן אונז? —
דאָס ליד האָט מען געזונגען, עס איז שוין געגאַנגען צו ענדע,
און די זעלישע כוואַליעס האָבן גענומען פאַלן. מען האָט געענ-
דיקט. מען האָט זיך צעזעצט אויף די ערטער און די מאַשין האָט
ווידער גענומען אַרבעטן.

## 7.

סווערדלאָוו האָט פאָרגעשלאָגן, מען זאָל וויילן אַ פאָרזי-
צער פון דער קאָנסטיטואַנטע. די רעכטע האָבן אַרויסגערוקט פאַר
אַ קאַנדידאַט טשערנאָוון. די באָלשעוויקעס און די לינקע עס-
ערן — מאַריאַ ספּירידאָנאָווא. אָט אין דעם קעגנאיבערשטעלן פון
די ביידע נעמען, פון דעם אַלטן, פריער אַבסאָלוט-אַנערקענטן
פירער, און פון דער יונגער פלאַמענדיקער קעמפערין, איז געווען
סימבאָליש אויסגעדריקט דער גאַנצער ריס, וואָס האָט צעטיילט

די פּאַרטיי פון די עס-ערן, און מיט איר די גאַנצע רעוואָלוציע. מען קאָן זיך פאָרשטעלן, מיט וואָס פאַר אַ ליידנשאַפט אַלע האָבן געוואַרט אויף דעם אויסגאַנג פון די וואַלן. דאָ האָט זיך דאָך געדאַרפט אויסדריקן אין קלאָרע צאָלן, ווי זענען דערווייל פאַרטיילט די ביידע לאַגערן. די צאָלן האָבן גערעדט באַלד קלאָרע דבורים: 244 האָט געקריגן טשערנאָוו, 153 — ספּירידאָנאָוואַ. איצט האָבן געדונערט מיט אַפּלאָדיסמענטן די רעכטע; זיי האָבן געהאַלטן די וואַלן פאַר אַ נצחון; זיי האָבן נישט געזעען די געפאַרן פון דעם נצחון. פאַר אונז איז אָבער געוואָרן קלאָר: מיר, לינקע, האָבן אַ סך אָנהענגער דאָ, אין דער קאָנסטיטואַנטע, מיר האָבן זיי אָבער צו ווייניק. אונזער אידעע וועגן אַ סאָוויעט-פּריינטלעכער מערהייט האָט אָבער באַלד געקריגן נאָך אַ קלאַפּ. מיר האָבן דאָך געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף די אוקראַינער. שוין בעת די הכנות צו דער זיצונג האָבן מיר עפּעס ווייניק געזעען פון זייערע 70 דעפּוטאַטן. איצט איז אָבער אַרויף אויף דער טריבונע זייער פאַרטרעטער, אָדאַיעווסקי, און האָט אין אַ האַרמאָניש-קלינגענדיקער אוקראַינישער שפּראַך דערקלערט: „די אוקראַינער עס-ערן האַלטן נישט, אַז די אַלרוסישע גרינדונגס-פאַרזאַמלונג דאַרף באַשטימען דעם מזל פון זייער פאָלק און לאַנד. דאָס איז די אויפגאַבע פון אַ ספּעציעל-אוקראַינישער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, וואָס וועט באַלד אין קיעוו צונויפגערופן ווערן". דאָ — אין דער קאָנסטיטואַנטע — האָבן זיי דערפאַר געשיקט נאָר אַ דעלעגאַציע פון פינף דעפּוטאַטן אום צו מאַכן דידאָזיקע דערקלערונג!

קיין קלאָרע מערהייט וועלן מיר שוין, אַלזאָ, נישט האָבן. לאָמיר איצט זען, צי וועט זיך נישט שאַפן אַ פּאָליטישע מערהייט שוין בשעת די דעבאַטן. בשעת טשערנאָוו איז אונטער דעם סאַליוט פון זיינע פּאַרטיי-פריינט אַרויפגעגאַנגען אויף דער טריבינע צו האַלטן זיין דערעפענונגס-רעדע, האָבן מיר מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט גענומען צוהערן זיך צו איר. אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אין דעם לינקן פליגל, אַ שטילקייט אָנגעזאַפּט מיט כעס. דאָס איז געווען אַ קונציקע רעדע, אַ רעדע, וואָס וואָלט געקאָנט פאַרווירן אַ סך מוחות אין אונזערע צייטן.

טשערנאָװ האָט דאָ געפּרוּװט אַרױסשטעלן אױפן ערשטן פּלאַן זײן רעװאָלוציאָנערע פּאַרגאַנגענהײט, זײן אַנטי-פּאַטריאָטישע האַלטונג אין משך פון דער מלחמה. אפשר האָט ער דערמיט געװאָלט אָנרירן די קרובהשע סטרונעס אין די הערצער פון די לינקע עס-ערן, זײנע תלמידים. שױן אין די ערשטע װערטער זײנע האָט ער צו גוטן דערמאָנט „די מוטיקע פּראָטעסט-שטים פון די סאָציאַליסטן קעגן דער מלחמה". ער האָט געזאָגט: „דאָס פרײדעמאָקראַטישע רוסלאַנד גײט אונטער דער רױטער פאָן פון סאָציאַליזם... אױב אין דער ערשטער מלחמה-צײט האָט מען געקאָנט צונױפרופן נאָר קלײנע הײפלעך צום פּראָטעסט, איז איצט קאָן די קאָנסטיטואַנטע פון רוסלאַנד, אַלס דער העכסטער מלוכה-אָרגאַן, אױפהײבן איר שטים און צונױפרופן די סאָציאַליסטן פון אַלע לענדער צו אַ באַראַטונג קעגן דער מלחמה, צונױפרופן טאַקע אין רוסלאַנד... די קאָנסטיטואַנטע קאָן נעמען אין אירע הענט די װײטערדיקע פירונג פון די אונטערהאַנדלונגען מכוח אַן אַלגעמײנעם דעמאָקראַטישן שלום... די קאָנסטיטואַנטע װעט דערקלערן, אַז רוסלאַנד איז אַ פעדעראַטיװע רעפּובליק"... אין אַ װײכער לאַנגזאַמקײט האָט זיך װײטער געגאָסן טשערנאָװס רעדע. די גאַנצע פריציש-אינטעליגענטע פיגור זײנע איז געװען פול מיט דעם באַװאוסטזײן פון זײן מיסיע. דער צוזאַמענהאַנג פון די װערטער האָט אים קענטיק אַלײן באַרױשט. אַפּלאָדיסמענטן פון זײנע פרײנט האָבן אים באַגלײט. דער לינקער פליגל האָט גענומען װערן אומגעדולדיק, מען האָט אָנגעהױבן זיך באַװעגן אױף די ערטער, אַרײנפאַלן אין די רײד. און אַז ער איז באַלד געקומען צו אַ פּאָליטישער שטעלע אין זײן רעדע, אַז ער האָט געזאָגט דאָס „מיט דער דערעפענונג פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג װערט געמאַכט אַ סוף צו דעם בירגער-קריג צװישן די פעלקער פון רוסלאַנד", האָט אױסגעבראָכן אַ שטורעם. פון רעכטס האָט מען געפּאַטשט, געשריגן בראַװאָ, מען איז אױפגעשטאַנען פון די ערטער לשם דעמאָנסטראַציע. פון לינקס האָט מען געשריגן: „איר האָט אָנגעהױבן דעם בירגער-קריג, איר העלפט דער בורזשואַזיע!"... מער האָט זיך דער שטורעם שױן ניט געלײגט.

צווישנרופן, איראָנישע באַמערקונגען האָבן געהאָגלט פון די בענק פון די לינקע. מען האָט געשריגן, מען האָט געקלאַפּט אין די פּולפּיטן. מיט אַ פאַרשטעלט פּנים האָט אומאונטערבראָכן גע־שריגן און געקלאַפּט קרילענקאָ, דעמאָלט דער העכסטער מילי־טער־קאָמאַנדיר. אַלץ מער און מער האָט אין דעם ליאַרם אָנטייל־גענומען דער גאַלעריע־עולם.

טשערנאָוו האָט ווייטער געזאָגט: „מיר דאַרפן פאַרוואַנדלען אין מאַיעסטעטישע פאָרמען דאָס, וואָס איז דער רצון פון דעם רוסישן פּויערטום — די גאַנצע ערד, אָן אַנטשיידיקונג, געהערט דעם פאָלק!“ און בעת די רעכטע האָבן אַפּלאָדירט, האָבן די לינקע אויסגערופן: „לעבן זאָלן די סאָוויעטן, וואָס האָבן איבער־געגעבן די ערד די פּויערים! דאָס איז שוין געטון געוואָרן דורך די סאָוויעטן!“ נאָך העכער האָבן זיך געהויבן די כוואַליעס פון ליאַרם, און טשערנאָוו האָט פאָרגעשלאָגן צו באַערן דורך אויפ־שטיין דעם אָנדענקען פון אַלע, וואָס זענען געפאַלן אין קאַמף מיט דעם צאַריזם. די גאַנצע פאַרזאַמלונג האָט זיך אַ הייב געטון. באַר פון די לינקע בענק האָט זיך דערהערט אַ קול: „מיר שטייען אויף אויך פאַר די, וואָס זענען געפאַלן אין קאַמף פאַר די סאָוויעטן, אין קאַמף קעגן טשערנאָוון און קערענסקין!“ דער ליאַרם הייבט זיך אויף עד לב השמים, אַז טשערנאָוו איז נאָך מוסיף: „לאָמיר זיך דערמאַנען אָן די האָרעפּאַשניקעס, אָן די גרויע שינעלן, וואָס זענען געפאַלן, באַשיצנדיק די גרענעצן פון דער רוסישער רעוואָלוציע!“ פון די לינקע בענק, פון די גאַ־לעריעס, פון די טיר־פּאָסטנס האָבן זיך געטראָגן אויפגערעגטע קולות. טשערנאָוו האָט געענדיקט.

ס'איז געווען קלאָר: טשערנאָוו האָט געוואָלט יוצא זיין לכל הדעות, באַפרידיקן ביידע פליגלען פון זיין אייגענער פּאַרטיי. דורך דער ראַדיקאַלער פאָרמולירונג פון זיין פּראָגראַם, וואָס האָט זיך אַזוי דערנענטערט צו דעם פּראָגראַם פון דער ראַטן־רעגירונג, האָט ער געוואָלט געווינען פאַר זיך די רעוואָלוציאָנערע מאַסן, אָבער ער האָט גאָרנישט געטראַכט אָנצונעמען די טאַקטישע פּאָ־

יציעס פון דערדאָזיקער רעגירונג, ד. ה. דעם ס אָ ח י ע ט ן-סיסטעם.

דעמדאָזיקן געוואַלטיקן ווידערשפּרוך האָבן תיכף אַנטפּלעקט די אָפיציעלע רעדנער פון די דעמאָלט רעגירנדע פּאַרטייען. פאַר די באָלשעוויקעס האָט גערעדט בוכאַרין, פאַר די לינקע עס-ערן — איך. בוכאַרין איז אַרויפגעשפּרונגען אויף דער טריבונע און האָט ווי מיט שטעקנס געגומען שליידערן זיינע ווערטער: „מיר שלאָגן פאָר דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג זי זאָל באַהאַנדלען די פראַגע וועגן אָנערקענען די דעקלאַראַציע פון צענטראַל-ראַט און ראשית כל די פראַגע וועגן דער ר ע ג י ר ו נ ג. מיר האַלטן, אַז די רעגירונגס-פראַגע איז די הויפּט-פראַגע פון היינטיקן טאָג, וואָס וועט ווערן ענדגילטיק געלייזט נאָר דורך יענעם ב י ר ג ע ר-ק ר י ג, וועלכן מען וועט נישט קאָנען צעהאַלטן מיט קיינע קללות פון די טשערנאָוס ביז זיין פולשטענדיקן נצחון!" דער לינקער זאָל האָט געשטורעמט אין אָוואַציעס. „טשערנאָוו האָט דאָ געזאָגט, אַז מיר דאַרפן אַרויסחזרן אַ ווילן פון סאָציאַליזם, אָבער פון וואָס פאַר אַ סאָציאַליזם רעדט טשערנאָוו?... וועגן דעם סאָציאַליזם, וואָס וועט זיין אין אַ פאָר הונדערט יאָר אַרום ביי אונזערע אוראייניקלעך?... מיר רעדן וועגן אַ לעבעדיקן, אַקטיוון, שאַפערישן סאָציאַליזם. וועגן וועלכן מיר ווילן נישט נאָר רעדן, נאָר פאַרווירקלעכן... אין דעם מאָמענט, וואָס פון דעם רעוואָלוציאָנערן פלאַם-פייער וועט זיך מאָרגן אָנצינדן די גאַנצע וועלט, פּראָקלאַמירן מיר פון דער טריבונע אַ טויט-קאַמף דער בירגערלעך-פּאַרלאַמענטאַרישער רעפּובליק!" כמעט אין דער זעלבער ריכטונג, אָבער מיט אַנדערע אויספירן איז געווען מיין רעדע. „די רייד, וואָס מיר האָבן היינט אויסגעהערט פון פאָרזיצער, זענען שוין פון אונז געהערט געוואָרן און שוין לאַנג אָפּגעענטפערט געוואָרן פון לעבן... די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג קומט זיך צונויף נישט ביי דעם אָנהייב פון דער רעוואָלוציע, בשעת איר גאַנצע צוקונפט ליגט ווי אַ ווייס בלאַט פּאַפּיר. פאַר די פאַרגאַנגענע צען חדשים זענען אָנגעשריבן און פאַרניכטעט געוואָרן צענדליקער פּראָגראַמען. ס'איז דאָ אָבער איין פאָלקס-פּראָגראַם, וועלכע פאַרווירקלעכט זיך יעדן

טאָג, יעדע שעה פון דער רעוואָלוציע — און דאָס איז דער פּראָגראַם פון דער ראַטן-רעגירונג... אויב די קאָנסטיטואַנטע וועט נעמען זיך פרעגן, ווער איז דער באַלעבאָס פון רוסישן לאַנד, דאַן וועט עס הייסן, אַז זי ריכטעט איר שפּיץ נישט קעגן די פאָלקס-אונטערדריקער, נאָר קעגן דעם פאָלק גופא... אויב די קאָנסטיטואַנטע איז אַרויס פון דעם אַרבעטנדיקן פאָלק, ווי די סאָוויעטן, דאַן קאָן נישט אַנטשטיין קיין קאָנפליקט צווישן זייערע סאָציאַלע פאַרלאַנגען... און די גרעסטע היסטאָרישע ווירדע אירע באַשטייט אין דעם פאַרבינדן זיך און צונויפגיסן איר רצון מיט דעם סאָוויעטישן פאָלקס-רצון"... די לינקע עס-ערן האָבן דערפאַר נישט געוואָלט אַרויסרוקן אויפן ערשטן פּלאַן די שטעכיקע פראַגע פון דער רעגירונגס-מאַכט. איך האָב פאָרגעשלאָגן מען זאָל תיכף צוטרעטן צו דער באַטראַכטונג פון דער ג א נ צ ע ר דעקלאַראַציע פון צענטראַלן ראַט, אום צו מאַכן זי צום פּראָגראַם פון דער קאָנסטיטואַנטע.

דאָס איז געווען אַן אָפענער פאָרשלאָג צו זוכן אַ מיטלוועג אין דעם קאָנפליקט. דאָס איז געווען פון אונז אַן אויסגעשטרעקטע האַנט צו אַ פאַרשטענדניש. יענער צד האָט נישט געוואָלט פאַרשטיין. אין מיטן פון אַ געוואַלטיקן טומל איז נאָך אַרויסגעטרעטן צערעטעלי, וועלכער איז געווען דער סאַמע בולטסטער פאַרטרעטער פון דער קערענסקי-עפּאָכע. ער האָט אין אַ געלונגענער פאָרם קריטיקירט די סאָוויעטישע פּאָליטיק און ער האָט געלאָזט הערן שלומדיקע טענער. אָבער נישט פון אים האָט איצט אָפּגעהאָנגען דער גורל פון דער נייער עפּאָכע. די רעכטע עס-ערן האָבן געדאַרפט געבן אַ תשובה. עס האָבן נאָך שוין לאַנג געדויערט די רעדעס און דעקלאַראַציעס, מיט וועלכע מען האָט געוואָלט פאַרפלייצן דעם שאַרפן מאָמענט. ס'איז אָבער געקומען דער מאָמענט. מען האָט געשטימט איבער דעם פאָרשלאָג פון די לינקע וועגן באַטראַכטן די סאָוויעטישע דעקלאַראַציע. און מיט די זעלביקע שטימען — 237 קעגן 146 — האָבן די רעכטע דאָס אָפּגעוואָרפן. מען האָט אָנגענומען עפּעס אַן אַנדערן סדר-היום. דערמיט איז מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן די-

לאַגע. די רעכטע האָבן אַלזאָ באַשלאָסן צו הײלן אַ דריטן וועג: נישט זוכן קײן פאַרשטענדניש מיט דער ראַטן-רעגירונג, נישט אָפן דערקלערן איר אַ קריג, נאָר פשוט אויסמײַדן, נישט באַמערקן זי. אין תוך, פאַרשטײט זיך, איז דאָס געווען דער קריג מיט איר. די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג האָט פאַרנומען אַ קאַמף-פּאָזיציע. אַלע האָבן דאָס פאַרשטאַנען.

די לינקע האָבן פאַרלאַנגט מ׳זאָל איבערברעכן די זיצונג אום צו באַטראַכטן די געשאַפענע לאַגע. אין דער צײַט האָבן זיך די בײדע צענטראַל-קאָמיטעטן פון די באָלשעוויקעס און די לינקע עס-ערן עקסטרע פאַרזאַמלט אין דעם געוועזענעם צאַרישן מיניסטער-פּאַוויליאָן פון פּאַלאַץ. לענין איז געווען גוט אויפגעלײגט. ער איז פריער אַ קורצע צײַט געזעסן אויף דער רעגירונגס-באַנק אין זאַל פון דער קאָנסטיטואַנטע און האָט זיך פיל צוגעהערט צו די דעבאַטן. נאָך מער: אום צו באַווײַזן זײַן ביטול צו דער זיצונג, האָט ער אַרויסגענומען אַ צײַטונג און, לײענענדיק זי, פאַרדעקט זיך דאָס פּנים. איצט האָט ער מיט אַ פרײלעכער מינע געזאָגט אונדז: „נו, זעט איר, די לאַגע איז קלאָר, איצט קאָנען מיר זיך שײדן פון זײ". ער האָט דאָס געוואָלט מיטן גאַנצן האַרץ, און ער האָט זיך באמת געפרײט, וואָס יענער צד האָט אים אַזוי לײַכט געמאַכט די אויפגאַבע. די באָלשעוויקעס האָבן שוין פריער געהאַט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג. אויב זי וועט נישט וועלן באַטראַכטן די דעקלאַראַציע. איצט האָט לענין אונדז אונטערגערוקט די דערקלערונג, מיט וועלכער זײ און מיר צוזאַמען האָבן געזאָלט אַוועקגײן פון דער קאָנסטיטואַנטע. אָבער דאָ האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אונדזער ווידערשטאַנד. מיר האָבן גאָרנישט געוואָלט ליקווידירן דעם גרויסן היסטאָרישן שטרײַט אין דער דעמאָקראַטיע אויפן יסוד פון פאַרמעלן סכסוך. מיר האָבן געזאָגט: געוויס זעען מיר די פּאָליטישע אײַנשטעלונג פון די רעכטע... זײ פירן דווקא צו אַ קאָנפליקט, אָבער אויב מיר וועלן זיך איצט מיט זײ פונאַנדערגײן, וועט דאָס פאָלק דאָס נישט פאַרשטײן... זײ האָבן דאָך אָפּגעזאָגט זיך נאָר צו באַטראַכטן די סאָוויעטישע דעקלאַראַציע, זײ האָבן זיך

אָבער נישט אַרויסגעזאָגט בנוגע דעם אינהאַלט פון איר... מיר װעלן זיי צװינגען צו באַהאַנדלען אַ פראַגע, וואָס איז נוגע בנפש דעם פאָלק — די שלום-אונטערהאַנדלונגען, און מיר וועלן זעען, צי וועלן זיי זיך אויך דאָ אָפּזאָגן צו סאָלידאַריזירן זיך מיט דער ראַטן-רעגירונג... ערשט דעמאָלט וועט זייער פּנים קלאָר ווערן די מאַסן...

— און וואָס וועט איר טון, אַז זיי װעלן מסכּים זיין, — האָט עמעצער כיטרע געפרעגט.

— וועלן מיר דעמאָלט זעען...

די באָלשעוויקעס זענען געבליבן ביי זייער באַשלוס. און אַז די זיצונג האָט זיך ווידער געעפנט, האָט ביי אַ טויטלעכער שטילקייט אין זייער נאָמען דער יונגער מאַטראָסן-אָפיציר, ראַס-קאָלניקאָוו, מיט אַ גרויסער עקספּרעסיע דורכגעלייענט זייער דערקלערונג. „די היינטיקע קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע מערהייט פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג — האָט ער אויסגעשריגן אין זאַל — דריקט אויס דעם נעכטיקן טאָג פון דער רעוואָלוציע און פּרוווט זיך שטעלן אַנטקעגן דער אַרבעטער-און פּויערים-רעגירונג. מיר גייען אַוועק פונדאַנען, ווייל מיר ווילן נישט קיין איינציקע מינוט פאַרדעקן די פאַרברעכנס פון די פאָלקס-שונאים". די באָל-שעוויקעס האָבן זיך איינציקווייז אויפגעהויבן פון זייערע ערטער און גענומען אַרויסגיין פון זאַל. די גאַליערקע האָט זיי באַגלייט מיט אַזאַ טריומפירנדיקן שטורעם, אַז די ווענט האָבן געציטערט. פון דעם מאָמענט אָן האָט זיך איבערן רעכטן פליגל פון זאַל שוין דייטלעך אויסגעצויגן אַ דראָענדיקע האַנט.

די לינקע עס-ערן זענען געבליבן זיצן, אָבער אין זייער נאָמען האָב איך גענומען אַרויסטרעטן מיט אַ שאַרפן פאָרשלאַג: די קאָנסטיטואַנטע האָט נישט געוואָגט היינט אַרויסצוטרעטן אָפן קעגן דער ראַטן-מאַכט, זי האָט נאָר אָפּגעזאָגט זיך צו באַטראַכטן איר פּראָגראַם. דערמיט ווערט אַריינגעטראָגן אַ פאַרזירונג אין די פאָלקס-מאַסן. די רעכטע ווילן, הייסט עס, בויען אַן אייגענע מלוכה-מאַשין... מיר מאַכן דעם לעצטן פאַרזוך, מיר פאַרלאַנגען אולטימאַטיוו אָנצונעמען יענעם טייל פון דער סאָוויעטישער דעק-

לאַראַציע, וואָס באַהאַנדלט די פראַגע פון שלום. ווער דאָס ווערן אָפּגעוואָרפן, וועלן אַלע זעען דאָס אמתע פּנים פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג! — דער דאָזיקער פאָרשלאַג האָט קענטיק געמאַכט אַ גרויסן רושם אויף דער פאַרזאַמלונג. זי האָט געזעען אונזער אַנטשלאָסנקייט. אָבער טשערנאָוו און די רעכטע האָבן ווידער אויסגעמידן צו געבן אַן ענטפער אויף אונזער פאָרשלאַג און זענען אַריבערגעגאַנגען צו דער ערד־פראַגע. ווידער האָבן זיך גענומען גיסן פון דער טריבונע לאַנג־אָטעמדיקע, לאַנגווייליקע רעדעס, וואָס קיינער האָט זיך צו זיי נישט צוגעהערט. אין גאַנצן זאַל האָט געהערשט אַ געוואַלטיק אָנגעשטרענגטע שטימונג. פון אויבן האָבן זיך געטראָגן צו די רעכטע געפערלעכע דראָונגען. דעמאָלט האָבן די לינקע עס־ערן באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף, האָבן געמאַכט אַ דערקלערונג און האָבן פאַרלאָזט דעם זאַל.

מיר זענען פון פאַלאַץ נישט אַוועק. מיר האָבן געהאַלט נאָכפאָלגן די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון די געשעענישן. ווי אַ שוואַרצע כמאַרע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דעם האַלבפוסטן זאַל. ס'איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס עלעקטרישע ליכט איז פאַרטונקלט געוואָרן. עס האָט זיך אָנגעהויבן די שעה פון גסיסה פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג.

טשערנאָוו האָט גענומען ווי אונטער אַ בייטש האַסטיק דורכפירן איין געזעץ נאָך דעם אַנדערן. צו באַהאַנדלען האָט מען אָנגענומען דאָס געזעץ וועגן סאָציאַליזירונג פון ערד, וועגן דערקלערן רוסלאַנד פאַר אַ פעדעראַטיווער רעפּובליק און נאָך אַנדערע. און דאָ איז געשען פאָלגנדעס: אַ זייגער פיר פאַרטאָג שוין איז צו טשערנאָוון צוגעגאַנגען פון הינטן אַ מאַטראָס, דער אַנאַרכיסט זשעלעזניאַקאָוו (ער איז שפּעטער, אין יאָר 1919, געפאַלן אין קאַמף קעגן די ווייסע גענעראַלן) און האָט דערקלערט: מיר בעטן אייך שליסן די זיצונג, ווייל די וואַך איז שוין מיד.

— ווער זענט איר? — האָט געפרעגט טשערנאָוו.

— איך בין דער קאָמאַנדיר פון וואַך אין טאַווּרישן פאַלאַץ און בעט אייך שליסן די זיצונג.

— די גרינדונגס־פארזאמלונג וועט זיך פונאנדערגיין נאר אונטער דעם דרוק פון געוואלט.

און טשערנאוו האט גענומען נאך האסטיקער ווי פריער, אין אומבאשרייבלעכן ליארם פון זאל, דורכקלאפן געזעצן און רעזא־לוציעס איינע נאך די אנדערע. די נעכסטע זיצונג האט מען באַשטימט אויף מארגן, און 4 א זייגער 40 מינוטן פארטאג איז געשלאסן געווארן דידאזיקע ערשטע זיצונג.

די ערשטע זיצונג איז אבער אויך געווארן די לעצטע.

* *
*

אז מיר זענען שפעטער טויט־מידע, בא דער טונקעלער מארגן־שיין פון א פעטערבורגער ווינטער־טאג אין לאסט־אויטאמא־בילן געפארן אהיים, האט זיך מיר דער גאנצער פארגאנגענער טאג אפגעדאכט ווי א שטורמישער חלום. צי איז די גרינדונגס־פאר־זאמלונג באמת געווען, אדער נישט? ווי איז דאס מעגלעך געווען, אז דער טרוים פון אזוי פיל מוטיקע דורות איז צעווייעט געווארן ווי א חלום?

* *
*

אויף מארגן, דעם 6־טן יאנואר, איז די גרינדונגס־פארזאמ־לונג, וואס האט פארלוירן צחיי פון אירע באשטאנדטיילן, דורך א דעקרעט פון דער ראטן־מאכט פונאנדערגעלאזט געווארן.

## דאָס דריטע קאַפּיטל

# אין שאָטן פון טעראָר

### 1.

פאַר די 8 יאָר פון דעם קיום פון באָלשעוויסטישן סדר אין רוסלאַנד האָט זיך ביי דעם עולם אויסגעבילדעט אַ זייער פּרימיטיווע פאָרשטעלונג וועגן דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע פון יאָר 1917. מען האָט, ערשטנס, צונויפגעמישט דעם וועלט-שטורעם פון אָקטאָבער מיט דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי; מען האָט, צווייטנס, מיט דער דאָזיקער פּאַרטיי צונויפגעמישט אַלע אַנדערע רעוואָלוציאָנערע כוחות (למשל די פּאַרטיי פון די לינקע עס-ערן), וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין דעם אויסקעמפן פון אָקטאָבער; מען האָט, דריטנס, פאָרגעשטעלט די באָלשעוויסטישע פּאָליטיק גופא ווי אויסגעגאָסן פון איין שטיק אייזן און פייער. אַזאַ מין צונויפמישונג פון קאָרטן איז שעדלעך נישט נאָר צוליב ריין-היסטאָרישע, אַזוי צו זאָגן, וויסנשאַפטלעכע טעמים, וואָס פאַרלאַנגען פון אונז, מען זאָל געבן אַ געטריי בילד פון יענער צייט. נאָר די צונויפמישונג פון אַלע פּרשות איז געפערלעך נאָך מער פאַר דער צוקונפט, פאַר דעם צוקונפטיקן און היינטיקן דור מענטשן, וואָס נעמען זיך אַראָפּ אַ מוסר השכל פון דער העראָישער אָקטאָבער-צייט. עס איז טאַקע אַ חוב פאַר די עדות פון יענער עפּאָכע צו באַווייזן ווי קאָמפּליצירט עס זענען געווען די אַקטיווע כוחות פון יענע דערשיטערונגען, וואָס פאַר אַן אינערע קאַמפן זיי האָבן געפירט צווישן זיך און ווי נאָר שריט ביי שריט האָט זיך אויסגעבילדעט דער באָלשעוויסטישער

גוף, וואָס האָט היינט דורך זיין שרייענדיקער מגושמדיקייט פאַרשטעלט די פּאַנאָראַמע פון אָקטאָבער. דאָס איז נוגע אָן שום אויסנאַם אַלע פראַגן, וואָס האָבן זיך אַרויסגערוקט אין דעם משך פון דער רעוואָלוציע.

דאָס איז אָבער באַזונדערס נוגע יענע בלוטיקע פראַגע, די פראַגע וועגן ט ש ע ק אַ , וואָס האָט זיך ווי אַ בלייערנע משא אַרויפגעלייגט אויף דעם גאַנצן אַנטוויקלונגס-וועג פון דער סאָוויעטן-רעפּובליק. אין משך פון אַכט יאָר האָט זיך דער זכרון ביי אַלעמען פאַרשטייפט און פאַרשטויבט און עס איז געבליבן נאָר איין פשוטע פאָרשטעלונג: די באָלשעוויקעס — דאָס איז די אָקטאָבער-רעוואָלוציע; די באָלשעוויקעס, דאָס איז די גרויזאַמע און צערייצטע חיה פון טשעקאַ; ממילא איז די טשעקאַ דער הויפּט-סימן און דער פּרצוף פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע. מיט דעם בלוט אין טשעקאַ איז זי געבוירן געוואָרן, נאָר דורך איר קאָן זי ווייטער עקזיסטירן און האַלטן זיך. בדמיך חיי!

דאָס איז פון גרונד-אויס אַ פאַלשע פאָרשטעלונג, אַ פאַלשע און אַן אומגערעכטע. אין אַ פּאָר עפּיזאָדן פון דער ערשטער רעגירונגס-צייט פון די סאָוויעטן, עפּיזאָדן צום טייל קאָמישע, צום טייל טראַגישע, וויל איך דעם לעזער באַווייזן, אַז די ממשלה-פראַגן זענען שוין דעמאָלט געווען זייער פאַרוויקלט און אַז אויסער דער באָלשעוויסטישער טאַקטיק פון סאָציאַלע „בריונים“ איז געווען נאָך אַן אַנדערע טאַקטיק.

*　*
*

פריער פאַר אַלץ דאַרף מען אָפּפרישן אין זכרון דעם ריין אויסערלעכן פאַקט, אַז די „אַלרוסישע טשעקאַ“ איז געשאַפן געוואָרן אַלס אָרגאַן ערשט דעם 7-טן דעצעמבער 1917. בעווייס האָט די ראַטן-רעגירונג אויך פריער פאַרפאָלגט און באַוואָרנט זיך פון די אָפענע קעגנער פון דער סאָציאַלער איבערקערעניש. געווייס האָבן שוין דעמאָלט די באַזיגטע סאָציאַלע שיכטן אין איין קול



וו. טשערנאָוו



ק. ברעשקא-ברעשקאָווסקאַיאַ

געליאַרעמט וועגן דעם אומבּרחמנותדיקן „רויטן טעראָר". אָבער
היינט — אין דער פּערספּעקטיוו פון דעם עבר — מוז מען מודה
זיין, אַז די רעפּרעסיעס פון יענער צייט זענען געווען עפּעס ווי-
שעמעוודיקע און אומזיכערע, אַז זיי זענען ווי-נישט-איז געשטאַ-
נען אונטער דער השגחה פון דער גרויסער פּאָליטישער פּרעסע
פון אַלע פּאַרטייען. אַז מען האָט שוין אין זעקס וואָכן אַרום נאָך
דעם אָנהייב פון דעם אָקטאָבער אָרגאַניזירט די טשעקאַ, האָט
מען זי געשאַפן מיט דעם צוועק אַריינצוברענגען אָרדנונג אין די
רעפּרעסיעס און צו באַפרייען זיי פון דעם תהו ובהו פון דער
ערשטער פיבערהאַפטער צייט. ערשט שפּעטער האָט זיך געביטן
איר כאַראַקטער און זי האָט געקריגן די רעכט פון ממתין מענטשן.
אַז די פּאַרטיי פון די לינקע עס-ערן איז אָבער דעם 13-טן דע-
צעמבער אַריין אין דער ראַטן-רעגירונג, האָט זי פון אָנהייב אָן
געקוקט מיט אומצוטרוי אויף דער טשעקאַ, וועלכע האָט זיך אין
דער פּערזאָן פון דזערזשינסקין אָנגעמאָסטן צו ווערן דער אויבער-
שטער באַלעבאָס איבער אַלעמענס פרייהייט און פירונג. די לינ-
קע עס-ערן האָבן געקריגן פאַר זיך דעם פּאָסטן פון אַ פאָלקס-
קאָמיסאַר פאַר יוסטיץ, און זיי האָבן באַשלאָסן, אַז דורך דעמדאָ-
זיקן פּאָסטן וועלן זיי זוכן צוערשט אָפּצושוואַכן, שפּעטער אומ-
צוענדערן דעם אימפּעט און דעם אינהאַלט פון דער טשעקאַ-
אַרבעט. מיר האָבן געוואָלט זי פאַרוואַנדלען נאָר אין אַ טעכנישן
אָרגאַן פון די געריכטן, פון דעם רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל.

ס'איז געווען נישט קיין לייכטע אויפגאַבע פאַר מיר דעמאָלט.
מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז אויב געשטורעמט און געליאַרעמט
האָבן די באָלשעוויסטישע טוער, האָבן אָבער אויך מיט פאַרבי-
סענע צאָרן געקעמפּט קעגן אונדז אונזערע קעגנער. די קלענסטע
מפּלה אין דער פּאָליטיק, יעטוועדע שוואַכקייט אונזערע צו זיי
וואָלט צעשטערט דעם פונדאַמענט, אויף וועלכן עס האָט זיך
געבויט די סאָוויעטן-רעפּובליק. מען האָט דעמאָלט מורא געהאַט
אַרויסצווייזן זיך פאַר סענטימענטאַל-ווייכהאַרציק, מען האָט נישט
געוואָלט איבערחזרן דעם שוואַכלעכן רעזשים פון אַ קערענסקי,
וואָס האָט זיך געלאָזט טרייסלען פון אַלע ווינטן. דערפאַר טאַקע


י. שטיינבערג (6)

האָט דאָס יוסטיץ-מיניסטעריום אָנגעהויבן די אַרבעט מיטן פעסטן באַשלוס צו זיין שטרענג וואו עס איז נייטיק. עס האָט זיך אָבער דערביי אויפגעשטעלט מיטן פנים קעגן דער טשעקאַ. דאָס האָט באַדייט, אַז צווישן דיביידע העכסטע אַנשטאַלטן וועט זיך מוזן פירן אַ קאַמף פאַר דער אויבערהערשאַפט. אַזוי איז דאָס טאַקע געווען: סיי אין קליינעם סיי אין גרויסן האָט דערדאָזיקער קאַמף נישט אויפגעהערט אפילו איין טאָג נישט.

די טשעקאַ האָבן מיר שוין געפונען אַן עקזיסטירנדע; זי איז באַשטאַנען דעמאָלט פון דעם פאָרזיצער דזערזשינסקי און אַ 6–7 זיינע מיטהעלפער. זיי אַלע — און דער שפּעטער באַרימשער רוצח פעטערס צווישן זיי — זענען געווען באָלשעוויקעס. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז פירן דעם קאַמף קעגן דעם אויסוואַקסן פון אַן אַנשטאַלט קאָן מען אַמבעסטן נאָר זייענדיק אינעווייניק אין איר.

אויפן סמך פון דער קאָאַליציע, וואָס מיר האָבן אָפּגעשלאָסן מיט די באָלשעוויקעס, האָבן מיר פאַרלאַנגט, אַז דער באַשטאַנד פון די טשעקאַ-מיטגלידער זאָל ווערן פאַרטאָפּלט דורך אונזערע פאַרטיי-מענטשן. באַזונדערס האָבן מיר פאַרלאַנגט, אַז אַ לינקער עס-ער זאָל ווערן אַ געהילף פון פאָרזיצער. און עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז לענין, וואָס האָט דעמאָלט מיט גרויס הנאה גערופן אונז אין דער קאָאַליציע, האָט אָבער מיט אַלע מיטלען געזוכט אָפּצוהיטן די טשעקאַ פאַר זיינע פאַרטיי-חברים אַליין: די שווערד האָט ער געוואָלט האַלטן אין דער אייגענער האַנט. אין ראַט פון די פאָלקס-קאָמיסאַרן האָט זיך לאַנג געצויגן דער משא-ומתן: ער האָט געוואָלט, אַז דזערזשינסקי אַליין זאָל אויסקלויבן די לינקע עס-ערן אַלס זיינע מיטאַרבעטער; מיר האָבן געזאָגט, אַז מיר וועלן באַשטימען פון אונזער זייט די מיטגלידער. אונזער חבר אַלעקסאַנדראָוויטשן האָט דזערזשינסקי טאַקע געוואָלט צולאָזן אַלס אַ געהילף פון דעם פאָרזיצער; מיר האָבן פאַרלאַנגט, אַז אַלעקסאַנדראָוויטש זאָל ווערן פון דער רעגירונג באַשטימט אַלס אַזעלכער. דאָס איז געווען נישט קיין פוסטער שטרייט וועגן כבוד; דאָ האָט מען געוואָלט אַוועקשטעלן די שווערד אונטער אַ צווייענדי-

קער השגחה. מיר האָבן אויסגעפּירט, און מיר האָבן געשיקט אין דער טשעקאַ אַ הייפל אײדעלע און פײן־פילנדיקע מענטשן. שפּע־טער שוין, בעת מיר האָבן געהאַלטן ביי גטן זיך מיט די באַלשע־וויקעס און דזערזשינסקי האָט מורא געהאַט, אַז אונזערע פריינט וועלן אויך אים פאַרלאָזן, האָט ער מיט ברענענדיקע אויגן גע־סטראַשעט ספּירידאָנאָווען. זעט, איר וועט צונעמען ביי מיר די בעסערע מענטשן און די טשעקאַ וועט טאַקע ווערן דאָס, וואָס איר ווילט נישט! איך וועל דעמאָלט נישט קאָנען גובר זיין די בלוטיקע נייגונגען אין אונזער אַרבעט! — אָט די „בעסערע מענטשן" מיט אַלעקסאַנדראָוויטשן בראָש, האָבן מיר איצט געשיקט אין דעם העלישן פייער; און ווי שטאַרק זיי האָבן זיך געווערט קעגן דער שליחות!

אַלעקסאַנדראָוויטש איז באַלד דאָרטן געוואָרן נישט נאָר אַ געהילף, נאָר דער שטעלפאַרטרעטער פון פאָרזיצער. דזערזשינסקי האָט צו אים נישט נאָר צוטרוי דערפילט, נאָר, איך וואָלט געזאָגט, אויך ליבע. ער האָט זיך אין אַלץ פאַרלאָזט אויף אים. אָבער דער שאָטן פון טראַגישן מזל איז שוין פון אָנ־הייב געלעגן איבער אַלעקסאַנדראָוויטשעס קאָפּ. טאַקע פון דער האַנט פון דזערזשינסקין איז ער שוין אין זיבן חדשים אַרום אומגעקומען. דזערזשינסקי אַליין האָט געהייסן דערשיסן אים אין דער טשעקאַ פון מאָסקווע. ווי איז דאָס געקומען דערצו?

* *

*

דער הויכער און שלאַנקער, קויל־שוואַרצער און פעסטער ריאַזאַנער פויער אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך באַוויזן אויף דער אַרענע פון דער רעוואָלוציע שוין אין די ערשטע טעג אירע. ער איז געווען אַן ס. ר. שוין פון פריערדיקע צייטן און אין משך פון דער מלחמה האָט ער אריינגעפירט קיין רוסלאַנד אומלעגאַלע שריפטן קעגן דער פעלקער־שחיטה. בשעת ענדע פעברואַר איז פּלוצלינג איינגעפאַלן דער צאַרישער בנין און אין טאַורישן פּאַ־

לאַץ האָט זיך אין דער מהומה גענומען בויען דער עושטער אַרבעטער-ראַט, האָבן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען נישט געהאַט אויפן אָרט זייערע דערפאַרענע פירער. ביז יענע זענען זיך צו-נויפגעפאָרן פון אויסלאַנד און פון די טורמעס, האָבן גערעדט צו די מאַסן יענע פירער, וואָס זענען צופעליק געווען אין פּעטראָ-גראַד. פון די עס-ערן האָט דעמאָלט גערעדט און געטרעטן אַ וועג זענזינאָוו, און דעם וועג האָט ער געטרעטן פּונקט ווי אַלע, וואָס זענען דעמאָלט צערודערט געוואָרן פון דער געוואַלטיקער גרויסקייט פון די געשעענישן. ער האָט צוזאַמען מיט די מענשע-וויקעס אונטערגעשטיצט די רעגירונג פון מיליוקאָוון, ער האָט אויך געזעען אַ נצחון פון פאָלק אין דעם אַריינטריט פון קע-רענסקין אין דער רעגירונג, ער האָט אויך געהאַלטן פאַר בייטיק צו פירן די מלחמה ווייטער. און אָט אין דער דראַזיקער מהומה-צייט, ווען די אויגן פון אַ סך גרויסע זענען געווען פאַרנעפּלט פון דעם שטויב און דעם רויך פון נייעם אויפבוי, האָט זיך אויפ-געהויבן פון דער זייט אַ באַשיידענער ציגל-לייגער, וואָס האָט אויך אין נאָמען פון דער פּאַרטיי עס-ערן דערקלערט דעם היפּוך פון זענזינאָוון. — מיר, פּויערים און אַרבעטער — האָט דערקלערט דעמאָלט אַלעקסאַנדראָוויטש — האָבן נישט צו טון מיט מיליו-קאָוון, נישט מיט קערענסקין, ווען ער גייט צוזאַמען מיט יענעם. נידער מיט דער מלחמה! מיר פאַרלאַנגען תיכף ומיד מאַכן אַ סוף צו דער מלחמה און מיר ווילן, אַז די גאַנצע מאַכט זאָל געהערן די סאָוויעטן אין נאָמען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַלער רעוואָלוציע!

אַלעקסאַנדראָוויטש האָט שוין דעמאָלט, איידער עס זענען זיך צונויפגעפאָרן גאָץ און דאַן און צערעטעלי און טשערנאָוו און טראָצקי, פאַרקערפּערט צוויי וויכטיקע היסטאָרישע מאָמענטן, וואָס זענען מקוים געוואָרן ערשט שפּעטער. ער האָט פאַרקערפּערט אין זיך סיי דעם ברוך מיט דער אַלטער פּאַרטיי פון עס-ערן, סיי דאָס צוזאַמענגיין פון די לינקע עס-ערן מיט די באָלשעוויקעס. אַזוי פעסט אין זיינע איבערצייגונגען איז ער דורכגעגאַנגען דאָס גאַנצע שטורעמדיקע יאָר. נאָכן אָקטאָבער האָט ער געהאַלטן,

אַז די וועלט־געשיכטע איז שוין אַרויף אויפן ריכטיקן שליאַך און אַז ער פּערזענלעך דאַרף זיך אָפּגעבן פון איצט אָן אין זיין היימישן ריאַזאַן מיט דער שעפערישער אַרבעט: בויען שולן, אַרויסגעבן אַ בלאַט, קאָלעקטיוויזירן די לאַנדווירטשאַפט. און אָט די פּאַרטיי האָט אים איצט צעשטערט זיינע האָפנונגען און האָט אים אַריינגעפירט אין דער טשעקאַ. וויפיל מאָל איך האָב אים דעמאָלט געזען, איז ער תּמיד געווען אַ פאַרטראַכטער. זיין געוויינלעכע אָפּגעלאָזטקייט אין קליידונג, זיין שוואַרצע באָרד און וואָנסעס זענען פאַרשוואונדן. ער איז געוואָרן מיליטעריש־פלינק אין זיין אויסזען, עס האָבן אויף אים ווי אָנגעמאָסטן געהאַנגען דער רימען דורך די פּלייצעס און דער רעוואָלווער. עס איז געלעגן עפּעס ווי אַ יונגע מונטערקייט אין דעמדאָזיקן שומר פון דער רעוואָלוציע. און דאָך האָבן זיינע אויגן שטענדיק געטענהט: נעמט מיך צו פונדאַנען! אויף אים האָבן מיר שוין געקאָנט פאַרלאָזן זיך אין די געהיימנישפולע ווענט פון דער טשעקאַ. מיר האָבן געוואוסט, אַז ער האָט דאָרטן דעם כבוד פון דער פּאַרטיי און פון די סאָוויעטן. און אַז שפּעטער — ביים אָנגריף פון די דייטשישע חילות — האָט די רעגירונג דערלויבט דער טשעקאַ אָנצווענדן טויט־שטראָף, האָט ער דורכגעזעצט אין טשעקאַ גופא אַן אינערלעך געזעץ: מען זאָל טויט־שטראָף צו קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן אָנווענדן נאָר אין דעם פאַל, ווען די גאַנצע קאָלעגיע פון טשעקאַ וועט זי איינשטימיק אָננעמען. דאָס האָט אָבער באַדייט, אַז מען וועט זי קיינמאָל נישט אָנווענדן, ווייל פון די פינף קאָלעגיע־מיטגלידער זענען צוויי לינקע עס־ערן, וועלכע וועלן שטענדיק — לויט דעם פּאַרטיי־פּראָגראַם — שטימען קעגן טויט־שטראָף. עס איז אָבער געקומען די שעה, אין וועלכער מען האָט שוין אַלעקסאַנדראָוויטשן נישט געפרעגט מער: פון אַ מילדן ריכטער איז ער אַליין געוואָרן אַ קרבן. ער איז געוואָרן אַ שאַרפער קעגנער פון דעם ברעסט־ליטאָווסקער שלום. און אַז די לינקע עס־ערן האָבן אין יולי 1918 געשיקט זייערע חברים אָנצוגרייפן דאָס לעבן פון דייטשן געזאַנדטן, גראַף מירבאַך, האָט אַלעקסאַנדראָוויטש (דער שטעלפאַרטרעטער פון דער אַלמעכטיקער

טשעקאַ!) געהתמעט אַליין די דאָקומענטן, וואָס האָבן געגעבן אַ צוטריט צו דעם געזאַנדטן. עס האָבן זיך אויפגעריסן די באָמבעס און עס איז אויפגעטרייסלט געוואָרן די באָלשעוויסטישע רעגירונג. דזערזשינסקי איז אַרעסטירט געוואָרן פון די לינקע עס-ערן. איין טאָג האָבן זיך געשאָקלט די פּאָליטישע וואָגשאָלן. די באָלשעוויקעס האָבן מנצח געווען און זיי האָבן דערשאָסן פּערצן מענטשן, „פאַרשווערער" קעגן זייער פּאָליטיק. צווישן זיי איז געפאַלן אויך אַלעקסאַנדראָוויטש, וואָס דזערזשינסקי קאָן אים נישט פאַרגעסן ביז היינט נאָך.

*　　*

*

דאָס אַלץ איז געשען פיל שפּעטער. אין די דעצעמבער-טעג אָבער האָט דער יוסטיץ-קאָמיסאַריאַט געקריגן דורך אַלעקסאַנדראָוויטשן און זיינע מיטהעלפער אַ פעסטע שטיצע אין דער טשעקאַ. מיר האָבן געזוכט אויך אַנדערע מיטלען. מיר האָבן גענומען פאַרשמעלערן די צאָל פון די טורמעס, וואָס זענען געווען אין שטאָט און וואָס זענען פאַקטיש געשטאַנען אונטער דער שליטה פון דער טשעקאַ. מיר האָבן אויסגעטייטשט אונזער יוסטיץ-רעכט אַזוי, אַז די טשעקאַ פירט נאָר אונטערזוכונגען וועגן פאַר-ברעכנס, אַז די געפענגענישן אָבער זענען אונטערוואָרפן דעם יוסטיץ-קאָמיסאַריאַט. און ווייל מיר האָבן גוט געוואוסט דעם אימפּעט פון איינזעצן, וואָס האָט געוועלטיקט איבער די טשעקאַ-באָלשעוויקעס, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַ באַזונדערן געדאַנק. מיר האָבן אין פּעטראָגראַד, אין די טורמעס גופא, באַשטימט ספּעציעלע קאָמיסיעס פון אַרבעטער, וואָס זאָלן נאָכגאָל דורכפאָרשן אַלע, וואָס זיצן, אַרויסלאָזן אַלעמען, וואָס עס לאָזט זיך, און נישט לאָזן איינזעצן מענטשן אָן טעמים. אין די טורמע-קאָמיס-עס זענען אַריין סיי לינקע עס-ערן, סיי באָלשעוויקעס, און עס איז געווען אין זיי אַ גלענצנדער באַוויז, ווי ערלעך, ווי מענטשלעך און איידל דער פאָלקס-מענטש באַציט זיך צו זיין געפאַלענעם שונא. אַלס יוסטיץ-קאָמיסאַר האָב איך זיי געשיקט אַ צירקולאַר מיט דעם אינהאַלט: „בעת מען ברענגט אייך צו פירן אַרעסטירטע, זאָלט

איר פאַרלאַנגען תיכף און אָרדער צו אַ פּראָטאָקאָל, אויף וועלכן יסוד עס איז פאָרגעקומען דער אַרעסט. אויב עס זיצן אָבער שוין מענטשן, פאַר וועלכע עס זענען נישטאָ קיין באַגרינדונגס-דאָקומענטן, זאָלט איר דידאָזיקע פאַפּירן אַרויספאָדערן אין משך פון דריי טעג און מיך לאָזן וועגן דעם וויסן". מען האָט געדאַרפט זען מיט וואָס פאַר אַ טרייטשאַפט די אַרבעטער האָבן אָפּגעהיטן די רעכט פון די אַרעסטירטע. זיי האָבן געפירט מיט דער טשעקאַ אַ ווירדיקן קאַמף, זיי האָבן געקוקט דער טשעקאַ אויף די פינגער.

אוודאי וואָלט בעסער פון אַלץ געווען, אַז מען וואָלט געקאָנט פשוט אויפרייסן די טורמעס אין דער לופטן. דאָס האָט זיך אָבער ליידער נישט געלאָזט. מיינט אָבער נישט, אַז אויך אַזאַ פאָרשלאָג איז ביי אונז נישט אויפגעקומען. צווישן לינקע עס-ערן, וואָס אַ טייל פון זייערע פירער זענען געווען מער-יעריקע קאַטאָרזשאַנעס (למשל ספּירידאָנאָוואַ, פּראָשיאַן, איזמאַילאָוויטש) איז די שנאה צום געפענגניש געווען מער איינגעגראָבן אין געמיט ווי ביי די ציוישן באָלשעוויקעס, וואָס זייערע פירער זענען על פי נס כמעט ווי גאָרנישט דורכגעגאַנגען דאָס גיהנום פון צאַרישער קאַטאָרגע. בשעת מען האָט אין אָנפאַנג פון דער רעוואָלוציע, נאָך אין מערץ 1917, אין דער באַיקאַלער שטאָט טשיטאַ, באַפרייט מאַריאַ ספּירידאָנאָווען און אויסגעקליבן זי פאַר אַ בירגערמייסטער, האָט זי פריער פון אַלץ געהייסן צעשטערן ביזן גרונט די שרעקלעכע קאַטאָרזשנע טורמע. וואו מען האָט געפייניקט דורות פון רעוואָלוציאָנערן. און מען האָט זי טאַקע צעשטערט אַזוי, אַז קיין שריד ופליט זאָל פון איר נישט בלייבן. דאָס איז געווען אַ הייליקע טראַדיציע ביי די עס-ערן. אויך גערשוני האָט געשריבן אַמאָל, אין יאָר 1905, בשעת ער האָט פאַרלאָזט די גאַסטפריינטלעכע ווענט פון דער שליסלבורגער פעסטונג, די אויפגערעגטע נביאישע ווערטער: „מיר זאָלן דערלעבן אַ צייט, ווען דאָס פאָלק וועט אַ שטיין נאָך אַ שטיין פונאַנדערנעמען דעמדאָזיקן בנין און קיין איבערבלייבעניש נישט לאָזן פון אים אין דעם פאָלקס זכרון!" מען האָט זיך געקוויקט נאָך מיטן זיסן חלום, אַז דער שטורעם פון צאַרישן רעזשים וועט עפענען גלייך אַ פרייען און אַ ליכטיקן וועג

פאַר אַ סאָציאַלער אַנטוויקלונג, אָן טורמעס, אָן שטראָפן, אָן בלוטיקע קאַמפן. און ספּירידאָנאָוואַ איז גלייך אויפן צווייטן טאָג, ווי איך בין געוואָרן יוסטיץ-קאָמיסאַר, געקומען צו מיר און געזאָגט: איר מוזט טון צוויי זאַכן: איר מוזט אויפרייסן אין דער לופט די פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג, דעם סימבאָל פון מענטשן-קנעכטונג; און איר מוזט איבערגעבן די השגחה איבער די טורמעס אונז, די געוועזענע קאַטאָרזשאַנעס, וואָס האָבן אויף אייביק, ביז צום סאַמע טויט אונזערן, צעריינגעזאַפּט אין זיך די יסורים פון טורמע, און קאָנען מיטפילן אַנדערע!

דידאַזיקע שיינע ראָמאַנטיק האָט זיך נישט געלאָזט דורכפירן. ראשית, האָט כמעט קיין איין-איינציקער פון די קאַטאָרזשאַנעס נישט געוואָלט נעמען אויף זיך די השגחה אויף טורמעס. אָט טאַקע דערפאַר, ווייל זיי האָבן אַליין אויסגעזופּט ביזן דעק דעם ביטערן כוס, האָבן זיי נישט געקאָנט מער פייניקן אַנדערע, אפילו די, וואָס זיי האָבן געהאַלטן פאַר קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן. זיי האָבן זיך אַלע אָפּגעזאָגט. און די צאַרישע פעסטונג? מען האָט געקאָנט און געדאַרפט אויפרייסן נאָר דעם בארימטן „טרובעצקאָי באַסטיאָן" פון דער פעסטונג, ווייל נאָר ער אַליין האָט געדינט דורות-לאַנג פאַר אַ געפענגניש. די פעסטונג אַליין האָט אָבער אַנטהאַלטן אין אירע מויערן אַ סך אַנדערע אַנשטאַלטן, דערונטער סקלאַדן פון אויפּריס-מאַטעריאַלן. דעם טרובעצקאָי באַסטיאָן, וואָס איז געווען איינגעטלעך נאָר איין וואַנט פון דער פעסטונג, האָט מען ביי אַזעלכע באַדינגונגען אַליין נישט געקאָנט לאָזן פליען אין דער לופטן. מען האָט נאָר געקאָנט צונעמען ביי אים דעם כאַראַקטער פון אַ טורמע, פאַרמאַכן אים אויף שטענדיק פאַר בייניקונגס-צוועקן. דאָס טאַקע האָבן מיר געזוכט צו טון ביסלעכווייז, אין משך פון חדשים, אַרויספירנדיק פון דאָרטן די געפאַנגענע. ערשט אָנהייב מערץ האָב איך געקאָנט אין אַ ספּעציעלן באַפעל דערקלערן: „אַז דער טרובעצקאָי באַסטיאָן ווערט אָפּגעשאַפט אויף שטענדיק אַלס אַ געפענגניש-אָרט!" איך פאַרשטיי היינט פאַרוואָס מיר האָבן דעמאָלט נישט געאיילט זיך צו דערפילן דעם ראָמאַנטישן פאַרלאַנג פון ספּירידאָנאָוועס. ווייל ער איז געווען אין יענער זודיקער צייט נישט מער

ווי אַ חלום. מען האָט געקאָנט אָפּשאַפן דאָס צאַרישע, דאָס היס-
טאָריש-פאַרהאַסטע, אָבער גלייכצייטיק איז דאָך פאַר אונזערע אויגן,
פון אונטער אונזערע פיס, געוואַקסן אַ נייער, אַ באָלשעוויסטישער
טעראָר. און עס איז טאַקע געקומען דער מאָמענט, ווען אפילו די
פאָרמעלע אָפּשאַפונג פון דער פעסטונג-טורמע איז ווידער אָפּגע-
שאַפט געוואָרן. אין די מערץ-טעג פון יאָר 1921, ווען די פעטראָ-
גראַדער אַרבעטער און קראָנשטאַטער מאַטראָסן האָבן אויפגעהויבן
זייער קול קעגן באָלשעוויזם, האָט מען זיי הונדערטערווייז געזעצט
דווקא אַהין. די מאַטראָסן, וואָס האָבן אַמאָל פון די פעטראָפּאַוו-
לאָמער מויערן מיט אַרטילעריע געשטורעמט די קערענסקי-רעגי-
רונג, זענען ווידער אַליין געזעסן אין די דאָזיקע מויערן אַלס גע-
פאַנגענע פון די באָלשעוויקעס. און ספּירידאָנאָווא, וואָס האָט זיך
אין די פרילינגס-טעג פון אָקטאָבער אַרומגעטראָגן מיט פּלענער פון
זייער צעשטערונג, האָט, שוין אַליין אַ געפאַנגענע, ווידעראַמאָל
דערזעען ווי אומבאַרעמהאַרציק-קאַלט און מיט נייער פרישקייט האָבן
זיך דערהויבן צום הימל די ווענט און די טורעמס פון דער פעסטונג.

## דאָס פערטע קאַפיטל

## מעשה רוטקאָווסקי

און אָט איז געווען אַ ביז־ווינטערדיקער טאָג, אַ מערץ־טאָג. מען איז געווען אין גאַנצן אַריינגעטון אין דעם דראַמאַטישן שפיל, וואָס האָט זיך שוין פונאַנדערגעוויקלט צווישן ראַטן־רוסלאַנד און דייטשלאַנד. נאָך ביטערע איבערע קאַמפן האָט מען שוין געהאַט אָפגעשיקט קיין בערלין די בקשה וועגן שליסן שלום. סיי די, וואָס האָבן געהאַלטן דעמדאָזיקן שריט פאַר נויטווענדיק, סיי די, וואָס האָבן מיט אַלע כוחות געקעמפט קעגן איב, האָבן באַשיינפערלעך געזעען וואָס פאַר אַ ביטערע צייט עס רוקט זיך אָן. אַ צייט פול מיט סודות און פאַרבאַהאַלטענע שונאים. די נערוון זענען געווען אָנגעשפאַנט ביז אויפן העכסטן גראַד. און כאָטש מען האָט אין די קאָמיסאַריאַטן געפירט די טאָג־טעגלעכע אַדמיניסטראַטיווע אַרבעט, דאָך איז פאַר די אויגן און פאַר דעם אויפגערעגטן געמיט געשטאַנען נאָר די איין־איינציקע פראַגע: מיר בייגן זיך פאַר דער געפאַנצערטער פויסט פון קייזער!! צי וועט דאָס זיין אַ ישועה פאַר דער רעוואָלוציע?

איך בין געזעסן אין אַרבעטס־קאַבינעט און צום ווייפלסטן מאָל גענומען אין האַנט דעם טעלעפאָן־הערער, וואָס האָט געקלונגען אָן אַ שיעור. דאָס מאָל האָט דאָס באַזונדערס מיך אויפגערעגט. עס האָט גערעדט דער פאָרזיצער פון דער טורמע־

קאַמיסיע אין דער „קרעסטי“, דער לינק-עס-ערישער אַרבעטער סמירנאָוו. אין אַן אָנגעשטרענגנדן בהלה-טאָן האָט ער מיר מודיע געווען, אַז אָקאָרשט איז געווען אין געפּענגניש דזערזשינסקי, ער האָט געוואָלט חוקר ודורש זיין אַ פּאָר קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע אָפיצירן און האָט געהייסן מאַכן אין זייערע צעלעס אַ דורכזוכונג. אַז מען האָט ביי איינעם פון זיי געפונען אַ רעוואָלווער (אַ זאַך, וואָס טאָר זעלבסטפאַרשטענדלעך נישט זיין ביי אַ געפאַנגענעם), האָט ער מיט כּעס געהייסן אַריבערפירן דעם אָפיציר אין אַ באַזונדערער צעלע, אַוועקשטעלן ביי אים אַ פאַרשטאַרקטע וואַך און אָנזאָגן, אַז מען וועט אים באַלד אַריבערפירן אין טשעקאַ צום ד ע ר ש י ס ן...

— צום דערשיסן ?... צי זענט איר משוגע ? — האָב איך אים איבערגעהאַקט די רייד.

— יאָ, צום דערשיסן, ווייל דזערשינסקי זעט אין דעם אַ פאַרשוועררונג פון די ווייס-גוואַרדייער אין טורמע... מען קאָן דאָך אָבער נישט דערלאָזן דערצו...

— און ווי האָט איר דאָס דערלאָזט, די טורמע-קאָמיסיע ?

— מיר האָבן פּראָטעסטירט, אָבער ס'האָט נישט געהאָלפן. איר מוזט זיך תיכף אַריינמישן, אַז נישט, וועט זיין שפּעט...

— חבר סמירנאָוו ! איר זאָלט דעם געפאַנגענעם בשום אופן נישט אַרויסלאָזן פון אייער רשות... ווען נישט, וועט א י ר זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער רציחה... איך וועל באַלד אָננעמען מיטלען...

איך האָב אַנידערגעוואָרפן דעם טעלעפאָן-הערער.

סמירנאָוו איז קענטיק געווען צופרידן פון מיין באַפעל. דאָס האָט אים געשטאַרקט די פּאָזיציע פאַר די טשעקאַ-לייט. אָבער איך האָב געוואוסט די שטימונג ביי די באָלשעוויקעס : זיי זענען געווען שוין צערייצט. דעם בזיון, וואָס זיי האָבן געמוזט באַלד דורכמאַכן, אונטערגעבנדיק זיך פאַר דער דייטשער קאָנטער-רעוואָלוציע, האָבן זיי געזוכט אויסצוקיפן דורך דריקן די היימישע

פיינט. דאָ אין טורמע איצט האָט פאַר מיר אַ בליק געטאָן דער ערשטער ערנסטער פונק פון דעם פייער. מען האָט געמוזט אומבאַדינגט תיכּף ראַטעווען דאָס לעבן פון דעם אומבאַקאַנטן אָפיציר אום נישט צו לאָזן זאָס זודיקע וואַסער פונאַנדער־גיסן זיך.

וואָס האָט מען געדאַרפט טון?

קלינגען אין טעלעפאָן צו דזערזשינסקין? ס׳איז אומזיסט: ער וועט צוזאָגן אַריבערצוטראָגן אונזער סכסוך אין ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן און וועט דערווייל מאַכן אַ מ ע ש ה ש ה י ה. קלינגען אין טעלעפאָן צו אַלעקסאַנדראָוויטשן? אָבער צי וועל איך אים כאַפּן און צי וועט ער איצט אין דער מהומה קאָנען אויספירן? זאָל איך פאָרן אַליין אין טורמע און פ ע ר ז ע נ ל ע ך באַשיצן דעם אָפיציר פון די טשעקאַ־שלוחים?

געוויס, דאָס איז נייטיק — און ס׳איז גלייכער דעם שאַרפן קאָנפליקט פון די ביידע אַנשטאַלטן דורכצופירן אַליין אָן איבעריקע זייטיקע מכשולים. אָבער צי וועל איך קומען אין דער צייט אהין, און צי וועט נישט דזערזשינסקי׳ס הייניקעס מאָל מיט געוואַלט וועלן אַוועקשטעלן אויף זיינס? אויב מען זאָל תיכּף נישט באַוואָרענען דאָס לעבן מיט דער הילף פון דער העכסטער רעגירונג אַליין, צי וועלן מיר נישט פאַרזוימען די שעה?

נאָר איין מאָמענט האָט זיך דער פּלאַנטער פון געדאַנקען געטראָגן אין קאָפּ. אָבער אין יענע צייטן פלעגט מען פאַסן באַשלוסן שנעל. איך האָב אָנגענומען דעם פאָלגנדן באַשלוס: איך האָב אַרויסגערופן צו זיך מיין שטעל־פאַרטרעטער, דעם לינקן עס־ער ש ר י י ד ע ר, וואָס האָט מיט אַ גרויסער איבערצייגונג און מיט אַ יוגנטלעכן אימפעט געפירט דעם קליינקריג מיט דער טשעקאַ. איך האָב אים געהייסן תיכּף אַוועקפאָרן אין טורמע און אין מיין נאָמען בשום אופן נישט צולאָזן אַרויספירן דעם אָפיציר פון געפענגניש. יעדנפאַלס ביז איך וועל אים נישט לאָזן וויסן. דעם באַפעל, וואָס איך האָב אים דאָ אויף דער שטעל אָנגעשריבן מיט דער האַנט (נישט געוואַרט ביז

מען וועט אָפּדרוקן אויף דער מאַשין), האָב איך אים מיטגעגעבן אויפן וועג.

„איך גיב מיין שטעל־פאַרטרעטער, אַלעקסאַנדער שריידער, די פולמאַכט תיכף ומיד אָנצונעמען אַלע מיטלען, אום נישט צוצולאָזן קיין הריגה פון די געפאַנגענע אין דער „קרעסטי". אויב ס'וועט זיין נייטיק, זאָל דער ה' שריידער *אָנווענדן געוואַלט*, שטיצנדיק זיך דערביי אויף דער גאַנצער מאַכט־אויטאָריטעט פון פאָלקס־קאָמיסאַריאַט. אַלע באַאַמטע פון „קרעסטי", אַזוי אויך דער קאָמיסאַר פון טורמע, מוזן — אונטער זייער גרעסטער פאַראַנטוואָרטלעכקייט — באַווייזן אים זייער *אַקטיווע הילף*.

3־טער מערץ 1918".

דאָס זענען געווען קלאָרע דיבורים: מיר זענען געווען גרייט קעגן טשעקאַ־געוואַלט אָנווענדן אונזער געוואַלט. מיט אַ פעסטער אַנטשלאָסנהייט איז שריידער אריינגעשפרונגען אין אויטאָמאָביל. און איך בין מיט דער זעלביקער שנעלקייט אַוועקגעפלויגן אין סמאָלני־אינסטיטוט, וואו עס האָט געלעבט לענין. איך האָב געוואוסט, אַז ער איז נישט ווייכהאַרציק אין אַזעלכע זאַכן. איך האָב אויך געוואוסט, אַז ער האָט אַ שטאַרקן אומצוטרוי צו מיינע שטענדיקע טענות וועגן טשעקאַ, טאַקע דערפאַר, וואָס זיי זענען *שטענדיקע*. אָבער ער איז סוף־כל־סוף די העכסטע אינסטאַנץ פאַר דזערזשינסקין. ער וועט קאָנען יעדנפאַלס איצט — אין דער ברענענדיקער מינוט — אָפּהאַלטן דעם חלף אין האַנט. ס'איז געווען אַ זייגער פיר ביי־טאָג, ווען קיין אָפיציעלע רעגירונגס־זיצונגען פלעגן נישט זיין. איך האָב געהאָפט צו טרעפן לענינען ביי זיך אין צימער. עס האָט מיר היינטיקעס מאָל געגליקט. בשעת איך בין אַרויפגעלאָפן אויף די ברייטע טרעפ פון סמאָלני, האָב איך פלוצלינג אין דערדאָזיקער שעה, אומדערוואַרטעט, דערזעען מיין פאַרטייחבר, דעם פאָלקס־קאָמיסאַר פראָשיאַן. איך האָב אים געכאַפּט פאַרן אָרעם, און הייבנדיק זיך צו דער מלוכהשער פמליה של מעלה, האָב איך אים דערציילט, וואָס עס איז געשען. ער האָט

אויפגעבּרויזט און מיט אַ פעסטער שטימע אַרויסגערעדט: „דאָס טאָר נישט געשעען!... אומבּרענגען אַן אַרעסטירטן, אַ שוצלאָזן? דאָס וועט נישט געשעען. איך גיי אויך צו לענינען!"

איך האָב דאָס טאַקע געוואָלט, ווייל פּראָשיאַן איז געווען בּיי לענינען זייער חשוב. מיר זענען גיך דורך דורכן קאָרידאָר, פאַרבּייגעגאַנגען דורך אַלע קאָראַוולן און געקומען צו לענינס קאַבּינעט. ער איז אָבער געווען אַנדערשוואו, אין אַן אַנדער צימער, אויף אַ זיצונג פון זיין פּאַרטיי-צענטראַל-קאָמיטעט. מיר זענען אַוועק אַהין און פון הינטער דעם הילצערנעם ווענטל אַרויסגערופן צו אונז לענינען. ער האָט נישט געוואָלט גלייך אַרויסגיין, ווייל דידאָזיקע אַרבּעט אין זיין קודש הקדשים, אין פּאַרטיי-קאַבּינעט, וואו די בּאָלשעוויקעס ווערן זייער פּאָליטיש געווער און וואו זיי שמידן זייער דיסציפּלין, האָט לענין געהאַלטן פאַר דער וויכטיקסטער אַרבּעט. אַז ער איז אַרויס, האָט מיט אַן איינגעהאַלטענער אויפרעגונג פּראָשיאַן, נישט איך, גענומען בּחפזון דערציילן אים וועגן ענין. אַז עס גרייט זיך צו אַ שרעקלעכע עוולה, און אַז מען מוז תיכף אָפּשטעלן די געפאַר. לענין, וואָס איז, ווייזט אויס, געווען פאַרטראָגן אין אַנדערע זאַכן און וואָס האָט נישט געקאָנט נאָך בּאַפרייען זיך פון זיין זיצונג, האָט געפרעגט בּערוועז, שטייענדיק אויף איין פוס: „וועגן וואָס האַנדלט זיך?" — פּראָשיאַן האָט ווידער מיט היץ גענומען איילנדיק איינטענהן: „טאַקע געפונען אַ רעוואָלווער בּיים אָפיציר... טאַקע, דאָס איז קעגן אַלע געזעצן... אָבער מען קאָן דאָך נישט הרגענען דערפאַר אַן אַרעסטאַנט, אַ געפּענטעטן מענטש... זאָל מען אָפּגעבן אים אין טריבּונאַל... און דערווייל מוז מען אָפּהאַלטן דזערזשינסקין... זאָל לענין אים תיכף אָפּטעלעפאָנירן און הייסן אָפּשטעלן... מען וועט בּאַטראַכטן".

לענין · האָט שוין פאַרשטאַנען וועגן וואָס עס האַנדלט זיך דאָ און זיין פּנים איז געוואָרן בּרוגז. איך האָב אים נישט געזען פריער אַזוי. ער האָט תמיד געהאַט אין עפנטלעכע זיצונגען (אין דער רעגירונג, אין די צווישן-פּאַרטייאישע בּאַראַטונגען) אַ רויק פּנים, אויף וועלכן עס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט רויקייט, פולשטענ-

דיקער גלויבן אין זיך, אויפמערקזאַמקייט און איראָנישער שמייכל. דאָס פלעגט מאַכן מענטשלעך זיין געלבלעך ברייט פּנים מיט די פאַרנומענע אויגן, וואָס ער פלעגט אָפטמאָל צודריקן איינס פון זיי. דאָס מאָל איז זיין געזיכט נישט געווען רויק־איראָניש, נאָר בייז, און קוקנדיק מיט פאַרדראָס אויף אונז ביידן, האָט ער גע־ענטפערט: וואָס איז דאָס פאַר אַן ענין, וואָס איר רייסט מיך אָפּ צוליב אים פון וויכטיקער אַרבעט?... שטענדיק האָט איר דידאָ־זיקע דאגות... מען וויל דערשיסן אַן אָפיציר. איז וואָס איז בכן?... ווי זאָל מען אַנדערש באַהאַנדלען די ווייס־גוואַרדייער?... גע־הערט? וואָפן אין טורמע גאָר... איך וויל זיך נישט מישן אין דער זאַך...

— אָבער, וולאַדימיר איליטש, — האָט גענומען אים ענטפערן פּראָשיאַן.

לענין האָט געוואָלט אָפּברעכן דעם געשפּרעך. ווייטער ציען דעם געשפּרעך האָט מער קיין זינען נישט געהאַט. מיר זענען מיט פּראָשיאַנען אומרויִק אַוועק פון דאָרטן און גענומען טראַכטן וועגן אַנדערע דרכים. אין דעם מאָמענט האָט דער קאַראַול מיך אַרויס־גערופן אין פאָדערצימער צום טעלעפאָן: עפּעס איינער האָט עקסטרע פאַרלאַנגט מיך צום רעדן. איך בין צוגעגאַנגען און דערהערט די שטימע פון אַלעקסאַנדראָוויטשן:

— זייט רויִק... עס וועט שוין איצט גאָרנישט געשען... מיר האָבן דאָ אין טשעקאַ דאָס אָפּגעהאַלטן...

— פונוואַנען האָט איר געוואוסט שוין? — האָב איך אים איבערגעריסן די רייד.

— דזערזשינסקי איז געקומען פון טורמע און האָט פאַר־געשלאָגן אונזער קאָלעגיע צו באַשטימען די טויט־שטראָף דעם אָפיציר... ס'פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן נישט דערלאָזט דער־צו... דערווייל האָט ער אָפּגעקילט זיין כעס... איצט וועט די זאַך אָפּגיין כשורה...

אַ שטיין איז אַראָפּגעפאַלן פון האַרץ. פּראָשיאַן איז געווען גליקלעך. איך האָב געהערט אין טעלעפאָן־הערער, ווי פריילעך עס האָט אָפּגעקלונגען אַלעקסאַנדראָוויטשס שטים. איצט האָט ער

בעזעען ווי נוצלעך עס איז אַסטמאָל צו זיצן אין טשעקאַ. פון דער שווערד, וואָס דזערזשינסקי האָט געהאַלטן אין האַנט, האָט ער באַצייטנס אַרויסגענומען דאָס מעסער. מיר זענען אַוועקגעפאָרן אין סמאָלני.

דאָס איז דאָך אָבער געווען די התחלה פון טעראָר. מיר האָבן געראַטעוועט איינעם, דערווייל נאָר איינעם. וואָס וועט זיין שפּעטער?

* *

*

ווי האָונדערלעך עס קאָן אַמאָל אין לעבן צונויפקומען אַ וואָנט מיט אַ וואָנט... שוין אין אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט איינער פון אונז אין אַ מערקווירדיקער לאַגע דערמאָנט זיך אָן דעם גאַנצן עפּיזאָד. דאָס איז געווען נישט אין רוסלאַנד, נאָר אין פּוילן. נישט אין גאַס, נאָר אין דער „ביוראָ וויוויאַדאָווטשע" (אין דער פּוילישער אָכראַנע). אַהין האָט מען אַריינגעפירט אָן אַרעסטירטן דעם זעלבן חבר שריידער, וואָס איך האָב דערמאָנט אויבן. אונזער פּאַרטיי איז שוין דעמאָלט, אין 1919 יאָר, געווען פאַרבאָטן פון די באָלשעוויקעס, און שריידער האָט מיט אַ פאַלשן פּאַס זיך דורכגעגנבעט דורך פּוילן קיין דייטשלאַנד. אַז מען האָט אָבער געעפנט זיינע פּאַפּירן און דערזעען ווער ער איז, האָט מען באַשלאָסן אַריינצוזעצן אים אין ציטאַדעל און געבן אים צו פילן די פּוילישע רעפּובליק. כאָטש די מנהיגים פון דער אָכראַנע זענען געווען אַלץ כשרע פּעפּעסאָווצעס, אַלץ געוועזענע רעוואָלוציאָנערן, האָבן זיי דאָך ווי פּאַר פייער זיך געהיטן פון דעם לינקן רוסישן „עס-ער", און אָט דאָ, אין דער אָנגעשטרענגטער אַטמאָספערע פון פאַרהער, פון פאַרהאַפטן, פון פאַרדראָס, איז צו שריידערן פּלוצלינג צוגעגאַנגען אַ יונגער אָפיציר און האָט אים פריינטלעך געפרעגט, צי ער דערקענט אים. שריידער האָט נישט דערקענט.

— איך בין דאָך רוטקאָווסקי, יענער אָפיציר, וואָס דזערזשינסקי האָט דעמאָלט געוואָלט דערשיסן אין טורמע... אייערע פריינט האָבן מיך דעמאָלט געראַטעוועט... איך וועל זוכן צו זיין נוצלעך אייך דאָ... איר מעגט זיך פאַרלאָזן אויפן וואָרט פון אַ פּוילישן אָפיציר...



מאַריאַ ספּירידאָנאָוואַ



אירענאַ קאַכאָווסקאַיאַ

...קיין זאַך ווערט, הייסט עס, נישט פאַרלוירן אין דער וועלט: נישט קיין שלעכטע, נישט קיין גוטע. מיר האָבן דעמאָלט אין פּעטראָגראַד געקעמפט מיט די באָלשעוויקעס פאַר אַן אַבסטראַקטן פּרינציפּ, פאַרן פּרינציפּ פון מענטשן-לעבן. אַ מענטשלעך קול האָט זיך געלאָזט הערן אין דער רוסישער טשעקאַ, זיין ווידערקול אין דער פּוילישער צכראַנע איז אויך געווען מענטשלעך.

## דאָס פינפטע קאַפּיטל

# מעשה אַנטאָנאָוו

עס האָט געשטורעמט דער בירגער־קריג אין דער אוקראַינע. דאָס איז נאָך נישט געווען דאָס יאָר 1919 און 1920, ווען אוקראַינעס ערד האָט זיך באַגאָסן מיט שטראָמען פון יידיש בלוט. אָבער דאָס איז שוין געווען ענדע 1917, ווען די סאָוועטן־רעגירונג פון פּעטראָגראַד האָט געפירט אַ מלחמה מיט די בירגערלעכע כוחות אויפן באָדן פון אוקראַינע. אין קיעוו איז נאָך בעוועזן די צענטראַלע ראַדע מיט די גרויסע נאַציאָנאַלע העלדן פּעטליורא און ווינישענקאָ בראש. אין קיעוו האָט מען נאָך געטראַכט צו פירן אַ נאַציאָנאַלן פאַרטיידיקונגס־קריג קעגן פּעטראָגראַד, קעגן די „רוסן". און די רוסן האָבן געמוזט שוין אָנהייבן דעם ביטערן קריג קעגן דאָנער, קובאַנער און אוראַלער קאָזאַקן און קעגן דער בורזשואַזיע פון דרום־רוסלאַנד. אין כאַרקאָוו איז דעמאָלט געגרינדעט געוואָרן דער סאָוועט פאַר גאַנץ אוקראַינע און דאָרטן אין כאַרקאָוו זענען געשטאַנען דעמאָלט — אין דעצעמבער 1917 — די פּאַרטיזאַנען־גרופּן אונטער דער פירונג פון באָלשעוויק אַנטאָנאָוו. אַנטאָנאָוו, וואָס האָט מיט אַ פּאָר חדשים פריער געהאַט אַרעסטירט אין ווינטער־פּאַלאַץ אין פּעטראָגראַד די רעגירונג פון קערענסקי און אָפּגעפירט זי אין פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג, האָט זיך געזמאַקעוועט אין זיין ראָלע פון אַ מלחמה־פירער. אין תכסיסי מלחמה האָט ער זיך געהאַלטן אָן

די אַלטע באָלשעוויסטישע מעטאָדן: מיט טעראָר אָפּשרעקן די קעגנער און מיט דעמאַגאָגיע געווינען פאַר זיך די האַלבּ־קלוגע.

וועגן זיינע העלדנטאַטן איז שוין געגאַנגען אַ שם. און אַט ענדע דעצעמבער האָבן מיר דורכגעלייענט אין די צייטונגען פאָלגנדעס: „אַנטאָנאָוו האָט באַפוילן אין כאַרקאָוו צו אַרעסטירן דעם גאַנצן ראַט פון די קוילנגרובן־באַלעבאַטים מיט דיטמאַרן בראש, פאַר סאַבאָטאַזש, און אַוועקשיקן זיי אין די דאָנעצקער קוילן־גרובן אויף צען יאָר אַרבעט. מען האָט די מיליאָנערן תּיכּף אַרעסטירט און איינגעזעצט זיי אין אַ וואַגאָן פון דעם צוג פון אַנטאָנאָוון". דאָס איז אָבער נאָך ווייניק. דעם 30־סטן דעצעמבער איז אין דער סאָוויעט־צייטונג געווען אָפּגעדרוקט אַ טעלעגראַם פון לענינען צו אַנטאָנאָוון: „פון גאַנצן האַרץ באַגריס איך אייער ענערגישע טעטיקייט אין דעם אומבאַרחמנותדיקן קאַמף מיט קאַלעדינס קאָזאַקן. איך בין אינגאַנצן מסכּים מיט אייער נישט נאָכגיביקייט צו די כאַרקאָווער בעלי־פּשרות, וואָס האָבן, דאַכט זיך, אַראָפּגעפירט פון וועג אויך אַ טייל פון די באָלשעוויקעס. באַזונדערס בין איך מסכּים און באַגריס די פאַרהאַפטונג פון די מיליאָנערן־סאַבאָטאַזשניקעס אין וואַגאָן פון דער ערשטער קלאַס און איך ראַט אַוועקצושיקן זיי אויף אַ האַלבּ יאָר צוואַנגס־אַרבעט אין די קוילנגרובן. איך באַגריס אייך נאָכאַמאָל פאַר אייער אַנטשלאָסנהייט און איך פאַראורטייל די וואַקלענדיקע".

דאָס איז געווען פאַר אונז, לינקע עס־ערן, שוין גענוג. מיר האָבן געזען צוואָס עס קאָן פירן אַזאַ מין הנהגה און מיר האָבן די פראַגע גרונטלעך באַהאַנדלט אין צענטראַל־קאָמיטעט פון אונזער פאַרטיי. אום אונזערע קאָמיסאַרן זאָלן אין ראַט פון די קאָמיסאַרן פירן אַ געמיינזאַמע ליניע, פלעגן מיר וויכטיקע פראַגן צוערשט באַהאַנדלען אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי. ס'איז כמעט קיינער נישט געווען דאַרטן ווער עס זאָל נעמען אונטער דער שוץ אַנטאָנאָווס און לענינס האַלטונג. ס'זענען געווען אַ סך טעמים, וואָס האָבן אונז אויפגעבראַכט. די לאַגע אין דער אוקראַינע איז געווען אַ פאַרוויקלטע. מיר האָבן געמוזט אויף איר באַדן פירן אַ

סאָציאַלן בירגער-קריג און אין דער זעלבער צייט האָט קעגן אונז געהעצט מיט אַלע מיטלען די נאַציאָנאַלע רעגירונג פון קיעוו. יעטוועדן פאַלשן טריט פון דער ראַטן-מאַכט, וואָס איז אָנגעפאָרן פון רוסלאַנד און וואָס האָט געהאַט אַ שוואַכן שטיץ-פונקט נאָר אין כאַרקאָווער געגנט, האָבן געקאָנט אויסנוצן פאַר זיך די קיעווער פירער, וואָס האָבן געדורשט נישט אַזוי נאָך אַ סאָציאַלער, ווי נאָך אַ נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר רעוואָלוציע. עס פאַרשטייט זיך, אַז ביי אַזאַ לאַגע האָט מען געדאַרפט זיין פאָרזיכטיק מיט די אוקראַינישע פאָלקס-מאַסן און בפרט מיט דער כאַרקאָווער ראַטן-רעגירונג, וואָס האָט זיך אַוועקגעשטעלט קעגן דער קיעווער. וואָס האָט אָבער געטון אַנטאָנאָוו, וואָס דער וויין פון מיליטערישער מאַכט האָט אים פאַרכאַפּט דעם פּאָליטישן זאַטעם? ער האָט מיט לייכטזיניקע מעטאָדן געקעמפט קעגן קיעוו און האָט געטרעטן מיט די פיס אויף דער כאַרקאָווער ראַטן-רעגירונג. מען האָט אונז פון דאָרטן פּשוט פאַרוואָרפן מיט טענות און גערעכטע פּראָטעסטן. אַ שיין פּנים וואָלט געהאַט די אָקטאָבער-רעוואָלוציע, ווען זי וואָלט אַרויסגערופן דעם איינדרוק, אַז זי פירט מלחמה מיט דער אוקראַינישער נ אַ צ י ע. און דאָ פּלוצלינג שרייבט דעם אַנטאָנאָוון אַ ידידות-בריוו לענין און באַגריסט אים און גיט אים הסכמות, באַגריסונגען און דריי מאָל הסכמות אויפן שטח פון אַ פּאָר צייַלן, דאָס הייסט אָבער, אַז אַנטאָנאָוו און זיין חברה וועלן זיך איצט פונאַנדערבושעווען אויף אַן אמת און די רעוואָלוציע וועט קומען אין געפאַר.

עס האָט אונז אויפגעבראַכט נאָך מער דער טעראָריסטישער צוג אין דער גאַנצער מעשה. לענין האָט נישט נאָר נישט אויסגעזידלט דעם נאַרישן העלד פאַר זיין באַפעל קעגן די קוילנגרובן-מאַגנאַטן, נאָר ער האָט אים נאָך געשטאַרקט און אָנגעוואונטשן אַ פולן קאָפּ. גלאַט אָן שום טעם, אָן אַ משפט האָט מען אייגנטלעך מענטשן באַשטימט אויף קאַטאָרזשנער אַרבעט. וואָרים נישט אַנטאָנאָוו און נישט לענין האָבן דאָך נישט געוואָלט פון די מאַגנאַטן קיין ריכטיקע אַרבעט אין די קוילנגרובן. און דעם דעמאַגאָגישן שפּיל האָבן זיי ביידע געקרוינט נאָך דערמיט.

וואָס זיי האָבן די מענטשן איינגעזועצט אין אַ וואַגאָן, וואָס שטייט אויף די רעלסן צווישן די צערייצטע מענטשן פון בירגער-קריג: דאָס הייסט אייגנטלעך באַשטימען זיי אויף געלינטשעט ווערן פון המון. וואָלט נאָך לעגין דאָס ידידות-בריוול געשיקט שטילערהייט, ווי אַ פּאַרטיי-דאָקומענט צווישן פּאַרטיי-חברים, וואָלט דאָס געווען נאָך אַ האַלבע צרה, ווייל צו דעם טעראָריסטישן נוסח פון באָלשעוויקעס זענען מיר געווען שוין געוואוינט. אָבער לענין האָט דעם בריוו זיינעם אָפּגעדרוקט אין דער אָפיציעלער סאָוויעטצייטונג און לענין איז פּאָרזיצער פון דער רעגירונג. הייסט דאָס, אַז דאָס איז די מיינונג פון דער גאַנצער ראַטן-רעגירונג...

ס'איז צווישן אונז געווען קלאָר, אַז מיר וועלן פּראָטעסטירן קעגן דעם אַקט אויף דער זיצונג פון דער רעגירונג. נאָר איינער האָט אַרויסגעזאָגט אַ פּאָר סקעפּטישע ווערטער. פּראָשיאַן, וואָס איז געווען אַ שונא מוהלט פון דער בורזשואַזיע, האָט אויך מיט פאַרטראַכטע אויגן דערקלערט, אַז קעגן דער קאַטאַרזשנער אַרבעט, וואָס מען באַשטימט כלאחר יד לשם דעמאַגאָגיע, מוזן מיר אַרויסטרעטן. אָבער צי וועט מען דאָס פאַרשטיין אין אַרבעטער-פאָלק? דאָס זענען דאָך בורזשויען און זייער גרויסע בלוטזויגער, וואָס האָבן אין די קוילנגרובן געפּייניקט די אַרבעטער צענדליקער יאָרן...

דערויף האָט עמעצער אים געענטפערט, אַז דערפאַר, ווייל זיי זענען בורזשויען, מוז מען זיך אָננעמען זייער קריוודע... אַז ביסט, וועט דער טעראָריסטישער שפּיל אַלץ מער פאַרפלייצן דאָס לאַנד... אַז מיר זענען איצט אין דער רעגירונג, טאָרן מיר דאָס נישט צולאָזן... מען האָט אָפּגעשטימט, נאָר פּראָשיאַן האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון שטימען. אָבער ווי נאָר ס'איז אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס פון צ. ק., איז ער שוין געוואָרן אַ באַפעל פאַר אונזערע פאָלקס-קאָמיסאַרן אין דער רעגירונג, ד. ה., אויך פאַר פּראָשיאַנען.

* *

*

די פערזאָן פון פּראָשיאַן איז געווען אַ גרויסע מענטשלעכע דערשיינונג. אין דער רעוואָלוציע-צייט איז ער געווען נאָך אַ יונגער, אָבער אַ פעסט-אַנטשלאָסענער, קאָנצענטרירטער מענטש, מיט אַ צעבראָכן געזונט, אָבער מיט אַן אייזערנעם ווילן. ערשט אַז ער איז אָנהייב 1919 געשטאָרבן, האָבן מיר דערפאַרן, וואָס פאַר אַ מאַרטירער-לעבן ער האָט געהאַט שוין הינטער זיינע פּלייצעס. אין 1905 האָט מען אים, אַלס אַן עס-ער, אַרעסטירט פאַר דעם העזהדיקן פאַרזוך אויפצורייסן די אָדעסער טורמע און באַפרייען די פּאָליטישע געפאַנגענע. מען האָט אים פאַרשיקט קיין סיביר אויף זעקס יאָר קאַטאָרגע. דער יונגער, פריילעכער סטודענט, וואָס איז פול געווען מיט ליכט און באַגייסטערונג, מיט די האַרמאָנישע לידלעך פון זיין קאווקאַז, וואָס האָט געשפּריצט מיט שכל און לצנות, איז געווען באַליבט אין דער קאַטאָרזשנער טורמע פון אַלע געפאַנגענע. אונטער דעם פריילעכן פּנים האָט זיך אָבער באַהאַלטן אַן ערנסטער קעמפער. אַז מען האָט אין יאָר 1907 געדאַרפט אַרויסשיקן 35 פּאָליטישע סאָלדאַטן און מאַטראָסן אין אַן ערגער אָרט אויף צו פייניקן, אין זערענטוי, איז ער פרייוויליק צוגעשטאַנען צו זיי, אום — אַלס איינציקער אינטעליגענט — געבן זיי בילדונג. און די אין שווערע קייטן געפעסלטע מענטשן זענען אַוועק אין וועג, האָבנדיק לעבן זיך דעם תמיד-זינגענדיקן און זיך-וויצלענדיקן פּראָשיאַן. אַז מען האָט אין אַ יאָר שפּעטער געוואָלט אָנווענדן רעפּרעסיעס קעגן אַ פּאָר פּאָליטישע פרויען, האָט ער, צוזאַמען מיט אַנדערע געפאַנגענע, באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן לשם פּראָטעסט אַ מאַסאָווע זעלבסטמאָרד. מיט גרויסע שוועריקייטן האָבן די חברים אים דערפון אָפּגעהאַלטן. ווי נאָר מען האָט אים, נאָך זעקס יאָר קאַטאָרגע, אַרויסגעלאָזט אויף פּאָסעלעניע, איז ער אַנטלאָפן, אַריין ווידער אין דער פּאַרטיי-אַרבעט, האָט מען אים אַרעסטירט און ווידער בעגעבן קאַטאָרגע. היינטיקעס מאָל האָט מען אים איינגעשפּאַרט אין דער יאַראָסלאַווער טורמע,

וואו די אַרעסטאַנטן האָבן געהאַט אויסצושטיין נאָך הונגער, קעלט, שלעגערײַ, קאַרצער, אייביק שווייגן און הכנעה. ער האָט זיך נישט אונטערגעגעבן, האָט מען אים באַשטימט צו קערפּערלעכער שטראָף. דאָס איז געווען דאָס טיפסטע אין זיין דראַמע. אַז מען האָט אים געבראַכט צום דאָקטאָר, ער זאָל פעסטשטעלן וויפיל שמיץ ער קאָן אויסהאַלטן, האָט פּראָשיאַן דערקלערט, אַז מען זאָל נאָר איינס זאָגן: געבן שמיץ אָדער נישט געבן. און ס'איז עפּעס אַזוינס געווען אין דער שטים און אין די פייערדיק-משוגענע אויגן זיינע, אַז אפילו דער קאַטאָרזשנער דאָקטאָר האָט דערקלערט, אַז ער טויג נישט צו שמיץ. דאַן האָבן די געפענגעניש-אויפזעער אַריינ-געזעצט אים אין אַ פינצטערן קאַרצער אויף גאַנצע דריי חדשים, וואו עס האָבן געהערשט נאָר טויט-שטילקייט און דאָס געפּייניקטע קלאַפּן פון האַרץ. דעם טשוואַק, מיט וועלכן ער האָט געוואָלט דורכשטעכן זיך דער מות, האָט מען ביי אים אָפּגענומען. ערשט אין יאָר 1913 האָט מען אים פאַרשיקט קיין סיביר, פונוואַנען ער איז ווידער אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד. דאָרטן האָט ער געפירט אַ ליידנשאַפטלעכן קאַמף קעגן דער מלחמה. אין דער רעוואָלוציע איז ער גלייך געוואָרן אַ פייערדיקער קעגנער פון קערענסקין. האָט געפירט די פּאַרטיי-אַרבעט צווישן די רוסישע מאַטראָסן אין פינלאַנד. נאָך די יולי-טעג פון 1917, אַז די באָלשעוויקעס האָבן צום ערשטן מאָל געפּרוווט זייערע כוחות, האָט מען אים דאַן, אַלס לינקן עס-ער, אויך אַרעסטירט. אַז ער איז שפּעטער אין דער שטורעמדיקער צייט ערב אָקטאָבער אַרויס פון דער „רעוואָלוציאָ-נערער טורמע“, האָט ער נאָר אַ פּאָר ווערטער געזאָגט: „מיר, קאַטאָרזשניקעס, טאָרן זיך נישט זעצן ווידער אין אַ טורמע!“ ס'איז געווען אין די פּאָר ווערטער אַ מוראַדיקע טראַגיק פון אַ מענטש, וואָס האָט שוין אין דער פאַרגאַנגענהייט צופיל געליטן. און דערביי איז ער אַלט געווען נישט מער ווי 33 יאָר. אַז די אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכן, האָט ער עקשנותדיק פאַרלאַנגט, אַז די לינקע עס-ערן זאָלן אַרבעטן מיט די באָלשעוויקעס האַנט אין האַנט. ער איז געוואָרן איינער פון אונזערע פאָלקס-קאָמיסאַרן (פאַר פּאָסט-און טעלעגראַפן-וועזן) און ער האָט זיך מיט

אַ יונגטלעכער שמחה, מיטן גאַנצן ברען פון זיין נשמה און פון זיין שאַרפן שכל, אַריינגעלייגט אין דער שעפערישער אַרבעט פון די סאָוויעטן. בעת די דייטשן האָבן אין פעברואַר 1918 גענומען פירן ווידער אַן אָפענסיווע קעגן דער רעוואָלוציע, איז פּראָשיאַן, צוזאַמען מיט לענינען, געווען יענער אויבערשטער אָרגאַן, וואָס האָט אָנגעפירט אַלע מלוכה-געשעפטן. אין זיין אָרים אַרבעטס-דעקל, תמיד אַ פריילעכער און זיכערער, איז ער אַרומגעפלויגן אין דער שטאָט פון דער רעגירונג צו דער פּאַרטיי, פון קאָמי-סאַריאַט צו אַ מיטינג, פון אַ מיטינג צו זיינע גייסטיקע שוועסטער, די קאַטאָרזשאַנקעס (ספּירידאָנאָוואַ, קאַכאָווסקאַיאַ, איזמאַילאָוויטש) פון סיביר. און אַז ס׳איז געקומען ווידער אַמאָל דער גרויסער היסטאָרישער נסיון, ווען די באָלשעוויקעס האָבן זיך אונטערגע-געבן דעם דייטשישן אימפּעריאַליזם ביים חתמענען דעם ברעסטער שלום, איז ער געוואָרן זייערס אַ קעגנער, אָבער אין דער זעל-בער מאָס אַ פּייערדיקער קעגנער, ווי פריער זייערס אַ פריינט. ער האָט איצט געזעען אין זיי פאַררעטער פון דער אינטערנאַ-ציאָנאַלער ריצוואָלוציע. אַז מען האָט שפּעטער דערהרגעט דעם דייטשישן געזאַנדטן, גראַף מירבאַך, האָט דאָס באָלשעוויסטישע געריכט צוגעמשפּט אים צו דריי יאָר טורמע מיט צוואַנגס-אַרבעט.

ער איז שוין אָבער געווען אומלעגאַל און ער האָט מיט איבערמענטשלעכע כוחות געזוכט — אונטער די קלעפּ פון דעם רעגירונגס-טעראָר — ווייטער צו שמידן אַ „לינקע רעוואָלוציאָ-נערע פּאַרטיי, וואָס גיט זיך נישט אונטער קיינע אָפּאָרטוניסטישע מלוכה-צוועקן". ער איז ווידער אַרומגעפלויגן אין רוסלאַנד און ער האָט געשריבן צו ספּירידאָנאָווען: „די רעוואָלוציע לעבט, מאַרוסיאַ, אין די הערצער פון די אַרבעטנדיקע; ביי דעם גאַנצן הונגער און קעלט און כעס זייערן פאַרשטייען זיי דאָך אַלץ און ליבן די אידעע פון די סאָוויעטן. ווי שטאַרק איך ליב זיי און וויפיל כוחות זיי גיבן מיר צו". ער איז געווען קראַנק און — כאָטש ער האָט געהאַט אין די הענט זייער גרויסע סומעס פון פּאַרטיי-געלט — האָט ער נישט דערלויבט זיך צו קויפן פאַר

ש י ך א װאַרעם מאַנטל און אַ פּאָר שטיװל און ער האָט געפּרוּװירן. דאָס איז שוין געװען דער גרױזאַמער װינטער 1919. ער האָט אין אַ לײַכטן בגד צופּיס געשפּאַנט אין די װײַט־אָפּגעלעגענע אַרבעטער־קװאַרטאַלן פֿון מאָסקװע. ער — דער נאָר־װאָס געװעזענער פֿאָלקס־קאָמיסאַר, װאָס צו זײַן דינסט איז געשטאַנען די גאַנצע מלוכה־מאַשין — האָט זיך װידער רױק אַראָפּגעלאָזט אין די טיפֿעניש פֿון פֿאָלק, ער איז געפֿאַלן צו בעט. אונטער אַ פֿאַלשן נאָמען אין אַ קראַנקן־הױז האָט ער זיך געראַנגלט מיטן טױט. אין די שעהן פֿון פֿיבער פֿלעגט ער זינגען רעװאָלוציאָנערע לידער, און ער איז געשטאָרבן. — אין זײַן פּערזאָן האָט זיך דראַמאַטיש פֿאַרקערפּערט דער ד ר י י ע נ ד י ק ע ר קאַמף, װאָס דער רוסישער רעװאָלוציאָנער האָט געהאַט צו פֿירן: קעגן דעם צאַריזם, קעגן אַ ליבעראַל־דעמאָקראַטישן רעזשים, קעגן דעם באָלשעװיזם. זײ אַלע דרײַ — סײַ דער צאַר, סײַ קערענסקי, סײַ לענין — האָבן אים געהאַלטן אין זײערע טורמעס. נאָר ס'איז קײן ספק נישט, אַז ביטערער פֿון אַלץ האָט פּראָשיאַן איבערגעלעבט זײַנע לעצטע פֿאַרפֿאָלגונגען, די קלעפּ פֿון דער ברודער־האַנט.

אין דעם טאָג, װאָס מיר האָבן אים אין מאָסקװע (יאַנואַר 1919) צו קבורה געבראַכט, האָט לענין אין דער „פּראַװדאַ" אָפּגעדרוקט װעגן אים אַ הספּד. ער האָט מיט אַ געפֿיל פֿון אַכטונג אָנערקענט זײַנע רעװאָלוציאָנערע פֿאַרדינסטן, נאָר ער האָט צוגעגעבן דערצו, אַז פּראָשיאַן איז געװען „כמעט װי אַ באָלשעװיק". אָט דעמדאָזיקן שבח (װאָס איז אַזױ ענלעך צו די גױישע שבחים פֿאַר ײדן) װאָלט פּראָשיאַן מיט דער גרעסטער אָנטשײדנקײט אָפּגעלײקנט, װײַל ער איז אַװעק פֿון דער װעלט מיט זײַן אײגן, מענטשלעך און רעװאָלוציאָנער פּנים.

* *

*

אין דעם זעלבן אָוונט איז געווען די זיצונג פון ראַט פון די פאָלקס-קאָמיסאַרן, מען האָט פאַרהאַנדלט פאַרשידענע פראַגן און מען איז צוגעטרעטן צום פונקט: אָנפראַגע וועגן אַנטאָנאָווס האַנדלונגען. לענין און די באָלשעוויסטישע קאָמיסאַרן האָבן מיט אינטערעס געקומען הערן. מיר האָבן געלאָזט רעדן וועגן דעם אונזער שטענדיקן דיפּלאָמאַט דעם ח׳ קאַרעלין, וואָס האָט פאַרמאָגט די קונסט פאַרצוטראָגן אַ קיצלדיקן ענין אין אַ רויקער און ליבנסווירדיקער פאָרם. קאַרעלין האָט אָנגעוויזן ראשית כּל, אַז די לינקע עס-ערן זענען „פאַרוואונדערט“ וועגן דער טעלעגראַם, וואָס לענין האָט געשיקט אַנטאָנאָווען די טעג...

אַז לענין האָט דערהערט, אַז מען רעדט וועגן זיין פּערזענלעכער האַנדלונג, האָט ער זיך באַזונדערס פאַראינטערעסירט און האָט אָנגעשטעלט אויערן. אַ שאָטן פון לצנות איז דורכגעפלויגן איבער זיין געזיכט. קאַרעלין האָט ווייטער גערעדט מיט אַ רויק איבערצייגנדיקער שטימע. ער האָט אָנגעוויזן אויף דער קאָמפּליצירטער לאַגע אין דער אוקראַינע, וועלכע ער קען פיל ווייניק, ווייל ער איז אָקאָרשט געווען דער פאָרזיצער פון דער כאַרקאָווער שטאָט-דומע. ער האָט אָנגעוויזן אויף דער פיינטלעכער באַציונג פון כאַרקאָווער סאָוויעט צו אַנטאָנאָווס מיליטערישער חוצפּה, ס׳איז ווייטער אוממעגלעך, אַז איין אַנטאָנאָוו אַליין זאָל האָבן די רעכט אויפן אַדמיניסטראַטיוון וועג פאַרמשפּטן די קוילן-הערן צו צוואַנגסאַרבעט, און עס שאַפט זיך אַ שווערע לאַגע, ווען נאָך דער הויפּט פון דער רעגירונג, דער ח׳ לענין, שיקט אים אַן אויפמונטערונגס-טעלעגראַמע און לאָזט זי דרוקן אין דער צייטונג. דאָס ווערט אויפגעפאַסט ווי אַן אַקט פון דער רעגירונג, בעת מיר ווייסן גאָרנישט פון אים. ס׳ווערט אַרויפגעלייגט אויף אונז אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס...

לענין האָט געפּרוווט צוערשט אַרויסדרייען זיך פון דער

זאַך מיט אַ פֿאָרמעלן תּירוץ. ער פֿאַרשפּייט גאָרנישט ווי אַזוי־ מ'ברענגט אַריין די זאַך אין דער רעגירונגס־זיצונג. עס האַנדלט זיך דאָך וועגן זיין פּריוואַטער קאָרעספּאָנדענץ מיט זיינע אייגענע פּאַרטיי־חברים. ריין־פּריוואַט מעג ער דאָך זיי שרייבן זיין מיינונג וועגן אַלע ענינים, נישט אָנפרעגנדיק זיך ביי דער קאָאַליציע־ רעגירונג... אַנטאָנאָוו שרייבט אים פּערזענלעך, און פּערזענלעך האָט ער אים געענטפערט...

— ניין, דאָס איז נישט אַזוי, — האָב איך זיך אַריינ־ געמישט. — אַ פּריוואַט־בריוו וואָלט איר נישט געלאָזט דרוקן אין דער „פּראַוודאַ"... איר דרוקט דאָך נישט אין די פּאַרטיי־צייטונגען, צום ביישפּיל, דעם חשבון פֿון דער וועשערין, וואָס מען שיקט אייך צו... געוויס האָט דאָס אָפּדרוקן אַ צוועק: אויפצומונטערן סיי אַנטאָנאָוון, סיי די אַרבעטנדיקע מאַסן צו אַזעלכע מעשים... ס'איז איבערהויפּט אומדערלאָז־ באַר, אַז ביי אונז זאָלן זיך איינבירגערן מנהגים פֿון מאַיעס־ טעטן, וואָס שיקן פֿונאַנדער זייערע פּערזענלעכע וואונטשן און מיינונגען ווי באַפֿעלן... ס'איז אמת, די טעלעגראַמע איז נישט געווען געחתמעט „פּאָרזיצער פֿון די פֿאָלקס־קאָמיסאַרן". נאָר אייער נאָמען אַליין... ס'איז אָבער סיי ווי דער באַקאַנ־ טער נוסח.

ס'איז געוואָרן ביסלעכווייז אַן אָנשטרענגנדיקע אַטמאָ־ ספערע אין זאַל. די באָלשעוויקעס האָבן דערפילט, אַז מיר רעדן אין אַן ערנסט. זיי האָבן באַלד דערזעען, אַז די אַטאַקע ווערט נישט געפירט נאָר פֿון קאַרעליבען און מיר אַליין. לעניִן האָט, ווייזט אויס, באַשלאָסן צו שטערן די אחדות ביי אונז און אָפּצוטיילן פֿון די יונגע קאָמיסאַרן, וואָס געפינען זיך אונטער דעם דרוק פֿון דער „דעמאָקראַטישער" געזעלשאַפֿטלעכער מיינונג, די עלטערע און „מער פּרינציפּיעלע" לינקע עס־ערן. ער האָט אַוועקגעוואָרפן די פֿאָרמעלע זייט און גענומען רעדן וועגן עצם ענין... ווי קאָן מען דאָס גאָר אָנפֿאַלן אויף די מאָס־מיטלען, וואָס אַנטאָנאָוו נעמט אָן קעגן די גרויס־קאַפּיטאַליסטן, די סאָ־ באָטאַזשניקעס, די שטיצער פֿון די קאָזאַקן?... וואָס פֿאַר אַ

פנים וואָלטן אונזערע היינטיקע דעבאַטן געהאַט ביי די אַרבעטער, ווען מען זאָל זיי באַווייזן אָט דעם פּראָטאָקאָל פון זיי! ... פּאָרקערס, נישט קריטיקירן וואָלטן מיר באַדאַרפט אַנטאָנאָוון, נאָר שיקן אים אַ יישר כּוח, אַ מאָראַלישע שטיצע, ווען ער איז אַרומ-געריננגלט פון לויטער קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן אָדער כאַרקאָווער שוועכלינגע...

דאָ איז אַריין אין קאַמף פּראָשיאַן. איך האָב צוערשט מיט פאַרוואונדערונג, דערנאָך מיט אַנטציקונג געקוקט אויף אים. די עטוואָס-קאָלטע באַציונג צו דער זאַך מיט די קוילן-מאַגנאַטן, וואָס איך האָב ביי אים געזעען אינדערפרי אין צענטראַל-קאָמי-טעט, איז פאַרשוואונדן געוואָרן. ער איז געווען אויפגערעגט און האָט גערעדט מיט היץ. לעגין האָט אַריינגעטראָגן אין די דעבאַטן די פאַרטיידיקונג פון ט ע ר אָ ר, ווייל ער האָט דערמיט געמיינט צו געווינען דעם עקסטרעמען רעוואָלוציאָנער, דעם שונא פון דער בורזשואַזיע, פּראָשיאַן. פּראָשיאַן אָבער, וואָס האָט נאָך אינדערפרי זיך געקווענקלט צוליב דעם מה יאמרו האַרבעטער, האָט אין דער היינטיקער האַלטונג פון לעגינען דערזעען די געפאַר, וואָס לויערט אונטער זיין „פּריוואַטער" הסכמה צו אַנטאָנאָוון. און ער, דער מענטש, וואָס האָט, דאַכט זיך, אַזוי פיל יסורים דורכגעטראָגן פון דער אַלטער מלוכה און געקאָנט טראָגן אין האַרץ נקמה-געפילן, האָט גענומען אויף זיך איצט די שוץ פון די קוילן-מאַגנאַטן. ער האָט געפונען איבערצייגנדיקע ווערטער. ער האָט אָנגערופן די שטראָף פון אַנטאָנאָוון ק אָ-ט אָ ר ז ש נ ע א ר ב ע ט, ער האָט געטענהט, אַז מ ע ן ט אָ ר ז י נ י ש ט אַרויפלייגן אויף קיינעם נישט... מיר זאָלן פירן אַ בירגער-קריג, אָבער ער זאָל זיין אַ מאַסן-באַוועגונג, נישט קיין אויסגעלאַסנקייט פון גענעראַלן, פון דעמאַגאָגן...

אין זאָל האָט געהערשט אַן ערנסטע שטימונג. דאָ האָט גערעדט אַ מענטש, וואָס מען קאָן אים נ י ש ט ח ו ש ד זיין אין שוואַכקייט בנוגע צו דער בורזשואַזיע. און ווען ער האָט גערעדט קעגן קאַטאָרגע, האָט ער ג ע ו ו א ו ס ט וואָס

ער רעדט. לענין איז געווען אָפן אין כּעס. ער האָט נישט גערעכנט מסתמא, אַז עס וועט אים פאַרראַטן פּראָשיאַן. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס מען האָט אים פּ ע ר ז ע נ ל ע ך אזוי אָנגעגריפן. ביז היינט פלעגן מיר קריטיקירן אַנדערע, דזערזשינסקין, למשל, און נאָר אומדירעקט אים. היינט האָט ער דערהערט אַנדערע טענער... די דעבאַטן האָבן זיך ווייטער געצויגן. עס האָבן גערעדט אַנדערע באָלשעוויקעס... מען האָט געדאַרפט שוין אַריינטראָגן פּראַקטישע פאָרשלאָגן. מיר האָבן פאַרלאַנגט מען זאָל ערנסט באַטראַכטן די לאַגע אין דער אוקראַינע און אפשר וועט מען דאַרפן אָפּרופן אַנטאָנאָוון. דערווייל אָבער זאָל מען ווי עס איז אין דער פּרעסע צוריקגעמען די טעלעגראַמע פון לענינען. לענין, וואָס האָט בעת די דעבאַטן, ווי שטענדיק, עפּעס געשריבן, האָט אויך אַריינגעטראָגן אַ רעזאָלוציע: דער ראַט פון די פאָלקס-קאָמיסאַרן שטימט איין מיט דער טאַקטיק פון אַנטאָנאָוון אין כאַרקאָוו און ו ו י נ ט ש ט א י ם ער זאָל ווייטער האַנדלען אויף דעם זעלבן דרך...

לענין האָט דאָס דורכגעלייענט און מיט אַ לצנות-שמייכל גענומען קוקן אויף אונז. ס'איז קלאָר: אַז ער האָט דערזעען אונזער אייניקן פראָנט (מיט פּראָשיאַנען) אין דער זאַך, האָט ער געוואָלט שוין נישט נאָכגעבן אין גאָרנישט און זיין אייגענעם פּרינציפּ פאָרמולירן אַמשאַרפסטן.

דאָס איז אָבער געווען אַ באַליידיקונג פאַר אונז. פּראָשיאַן האָט זיך פאַרענדערט אין פּנים און געשוויגן. לענין האָט געשטעלט זיין רעזאָלוציע אויף אָפּשטימונג און זי איז מיט די שטימען פון די באָלשעוויקעס אָנגענומען געוואָרן.

דאַן האָט פּראָשיאַן מיט אַ טעמפּער, אַ ביסל הייזעריקער שטימע דערקלערט: „איך בעט אַריינצוטראָגן אין פּראָטאָקאָל פ אַ ר וו אָ ס איך האָב געשטימט קעגן, און דעם גאַנצן פּראָטאָקאָל אין דער פּרעסע פאַרעפנטלעכן“...

ס'פאַרשטייט זיך, אַז אויך קאַרעלין. אויך קאַלעגאַיעוו, אויך בריליאַנטאָוו, אויך טרוטאָווסקי, אויך איך (אונזערע קאָמיסאַרן)

האָבן דאָס זעלבע דערקלערט. אין ענין באַקעמפונג פון טעראָר בײַ מיט פּראָשיאַנען צוזאַמען איז געווען פאַר אונז נאָר אַ מעלה. — לעניין האָט זיך ערנסט פאַרטראַכט. דאָס איז שוין געווען אַן אָפענע מרידה. אַרויסטראָגן אויף דער גאַס אונזערע סכסוכים האָט זיך אים גאָרנישט געוואָלט. די פאַרהאַנדלונגען פון ראַט פון די קאָמיסאַרן זענען ביז איצט שטענדיק געווען פאַר־מאַכטע. און ער האָט גלייך געפונען אַן עצה. ער האָט געזאָגט: גוט, לאָמיר די זאַך נ אָ כ אַ מ אָ ל באַטראַכטן און אָפּשטי־מען... אָבער נישט היינט, אויף אַן אַנדערער זיצונג... דערווייל לאָמיר די ביידע רעזאָלוציעס, אײַערע און אונזערע, פּשוט צו־לייגן צו די אַקטן... סיי־ווי־סיי וועט מען דאַרפן באַהאַנדלען די אוקראַינער פראַגע אין גאַנצן...

די זיצונג האָט זיך שפּעטער פאַרמאַכט. צווײ פראַגן, פון טעראָר און פון די קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט פון לענינען, זענען געבליבן אָפן. מיר האָבן דעמאָלט אויך אויסגעמיטן מחלוקת מיט די באָלשעוויקעס. און כאָטש אין דער עפנטלעכקייט האָט מען קיין זאַך נישט דערהערט, אָבער מיר האָבן אַ שאַרקן קוועטש געגעבן אויף דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דער באָלשעוויסטישער טאַקטיק. זיי האָבן דערפילט אַ קאָנטראָל.

* *

*

ערשט מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, פון די מעמוארן, זענען מיר איצט דערגאַנגען, אַז אין אַ קורצער צייט אַרום שוין (דעם 21־סטן יאַנואַר 1918) האָט לענין געמוזט שרייבן דעם זעלבן אַנטאַגאָניזם אין אַנדער בריוול: „אום גאָטעס ווילן, נעמט אַן אַלע מיטלען אום אָפּצווענדן אַ ל ע מעגלעכע רייסענישן מיט דעם כאַרקאָווער סאָוויעט. דאָס איז העכסט־וויכטיק פון מלוכה־שטאַנד־פּונקט. אום גאָטעס ווילן, מאַכט מיט זיי אַ שלום און אַנערקענט י ע ט װ ע ד ע זייערע אויבערהערשאַפט“.

* *
*

איין זאך האָבן מיר יאָ דערזעען שוין דאָ, אויף דער זי-
צונג גופא: די מאָראַלישע שיין פון פראָשיאַנס פערזענלעכקייט.
ער האָט איבערמענטשלעך געליטן פון דעם אַלטן סדר אין דער
קאַטאָרגע, אָבער ער האָט פון דאָרטן אַרויסגעטראָגן נישט דעם
וילן אַ נ ד ע ר ע אַ ה י ן אַריינצוגעבן, נאָר דעם איינציקן
וילן אַ ל ע מ ע ן פון איר אַפּצוהיטן.

## דאָס זעקסטע קאַפּיטל

# מעשה קאָזלאָווסקי

איינער פון אונזערע וויכטיקסטע שריט, ביים איבערנעמען דעם יוסטיץ-קאָמיסאַריאַט, איז באַשטאַנען דערין — צו פאַרקירצן די צאָל פון אונטערזוכונגס-קאָמיסיעס, וואָס זענען איבערגעבליבן פון דער ערשטער מהומה-צייט אין דעם אָקטאָבער-אויפשטאַנד. יעדע פון די קאָמיסיעס האָט „געקעמפט” קעגן דער קאָנטער-רעוואָלוציע און שפּעקולאַציע און קיינע האָט נישט געוואָלט זי זאָל ווערן איבעריק. באַזונדערס האָט דעם עולם דעמאָלט אויפגערעגט די „אונטערזוכונגס-קאָמיסיע ביים פּעטראָגראַדער סאָוויעט”, וואָס אין דער שפּיץ זענען געשטאַנען צוויי באָלשעוויקעס, פריערע אַדוואָקאַטן, קאָזלאָווסקי און קראַסיקאָוו. דאָס זענען געווען טיפּן פּשוט אַרונטערגעקומענע פון די בלעטער פון דער רוסישער ליטעראַטור. די רוסישע ליטעראַטור האָט קיינמאָל נישט געליבט דעם פאַלשן אַדוואָקאַט, דעם געדונגענעם מליץ-יושר, דעם וואָרט-פּלאַפּלער, וועלכן זי האָט אָנגערופן מיט דעם שיינעם נאָמען באַלאַלאַיקין. אָבער צוגלייך מיט דעם הויכגעוויקסיקן אַדוואָקאַט, וואָס צייכנט זיך אויס מיט קינסטלעריש-לאַנגע האָר, מיט דעם דונערדיקן מענה-לשון, וואָס רעדט אין איין אָטעם וועגן גערעכטיקייט און האָנאָראַר, קאָן מען אין רוסלאַנד נאָך אַ טיפּ אַדוואָקאַטן: די פּריוואַטע כאָדאַטאַיעס. קורצינקע, שטילינקע, מיט פלינקע אייגעלעך, מיט רירעוודיקע הענט גנבענען זיי זיך אַריין אין דעם צוטרוי-

פון די מענטשן, וואָס זענען אַריינגעכאַפּט אין ראָד פון משפּטים, און דורך אינטריגעס און הינטער-טיר פּירן זיי זייערע עסקים. עס פאַרשטייט זיך, אַז זיי זענען אויפגעבראַכט שטענדיק קעגן זייערע מער גליקלעכע קאָלעגן, וואָס גלאַנצן און שעמערירן אין די גרויסע געריכטס-סצענעס: ווייל זיי האַלטן זיך פאַר אַרויסגעשטויסענע. אָט אַזאַ מין איינדרוק האָבן געמאַכט זיי ביידע: קאָזלאָווסקי און קראַסיקאָוו. אויב קראַסיקאָוו האָט מיט זיין גרויסן וואוקס, מיט זיינע צעשויבערטע האָר און מיט זיין קענען רעדן מיט ברוטאַלן באָלשעוויסטישן נוסח, אפשר נאָך אַ ביסל געהערט צו דעם ערשטן טיפּ פון די קלינגענדיקע אַדוואָקאַטן, האָט קאָזלאָווסקי קלאַסיש פאַרקערפּערט דעם אומלעגאַלן, פאַרביסענעם און גיפטיקן ווינקל-אַדוואָקאַט. אַ נידעריקער און דיקער, מיט אַ פליך איבערן גאַנצן קאָפּ און גאָלדענער פענסנע אויף דער נאָז, מיט אַ שטיל קולעכל און אַ פריינטלעכן פאַלשן אַקצענט, האָט קאָזלאָווסקי זיך מיר שטענדיק אויסגעדאַכט ווי אַ ווילד-פרעמדע דערשיינונג אין סמאָלני-אינסטיטוט. זיי זענען אָבער ביידע געווען אַלטע באָלשעוויקעס. קראַסיקאָוו דערצו נאָך אַ חבר פון לענינען פון פאַר 20 יאָרן. זיי האָבן ביידע פיינט געהאַט די גאַנצע רוסישע אַדוואָקאַטור און אינטעליגענץ מיט דער טיפסטער שנאה. און מען קאָן זיך פאַרשטעלן מיט וואָס פאַר אַ גיפטיקער לצנות און אָפּטמאָל אכזריות זיי האָבן געאַרבעט אין זייער אונטערזוכונגס-קאָמיסיע. און אַרעסטירן און פאַרזעצן און חוקר ודורש זיין האָבן זיי דאָך דעמאָלט געקאָנט ווען זיי גלוסט זיך נאָר און אויף ווי לאַנג זיי ווילט זיך. אַרויסלאָזן ווען-עס-איז איז זיי געווען שווערער ווי קריעת ים-סוף. איך האָב געוואוסט, אַז זיי זענען פאַרהאַסט ביי דער גאַנצער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפטלעכקייט און אַז ס'גייען אַרום אין שטאָט די ערגסטע חשדים וועגן זיי. דער פּעטראָגראַדער קאָמיטעט פון די לינקע עס-ערן האָט מיר אויך געשריבן וועגן דעם. האָט מען געוואָלט אַפּרייניקן די לופט אין דער אַטמאָספערע פון רעפערעסיע, האָט מען געמוזט קודם כל נעמען זיך פאַר דערדאָזיקער שיינער קאָמיסיע, וואָס האָט געמאַכט פאַר זיך שבת אויסער דער טשעקאַ.

צוערשט האָב איך געזוכט צו באַגרענעצן אירע רעכט; איך האָב געזוכט צו פאַרוואַנדלען זי נאָר אין אַ פּשוטן אונטערזוכונגס-אָרגאַן, וואָס גרייט צו מאַטעריאַלן פאַרן געריכט, פאַרן רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל. בשעת עס פלעגט זיך אַנטפּלעקן עפּעס אַ גרעסער פאַרברעכן, פלעג איך די זאַך אָפּשיקן אין קאָזלאָווסקיס קאָמיסיע. איך געדענק, צום ביישפּיל, אַז צו זיי האָב איך איבערגעשיקט דעם ענין פון מיאַסאָיעדאָוון. ווי באַקאַנט, האָט בעת דער מלחמה דער גרויספירשט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש, אום צו באַרויקן די געמיטער, אָרגאַניזירט אַ שפּיאָנאַזש-פּראָצעס, אין וועלכן מען האָט אָן אַ שום באַווייז פאַרמשפּט און גלייך געהאָנגען אַכט מענטשן, צווישן זיי דעם פּאָלקאָווניק מיאַסאָיעדאָוו און דעם ייד פריינאַט. אַז דער ברודער פון פריינאַטן האָט מיר דעם 20-סטן דעצעמבער 1917 דערלאַנגט אַ פּאַפּיר מיט דער בקשה איבערצוקוקן די זאַך, האָב איך זי איבערגעשיקט אין קאָזלאָווסקיס קאָמיסיע מיט די פאָלגנדע ווערטער: „יענער משפּט איז געווען, ווי עס ווייזט זיך אַרויס, אַ קייט פון די שווערסטע פאַרלעצונגען פון די געזעצן און אַ ריי פון פאַרברעכנס פון הויכשטייענדע באַאַמטע (דער געוועזענער גרויספירשט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש, מיניסטער שטשעגלאָוויטאָוו, פּראָקוראָר ניזשין און אַנדערע). דער פּועל-יוצא פון די אַלע פאַרברעכנס איז געווען נישט נאָר טויט-שטראָף פאַר גאַנץ אומשולדיקע מענטשן, נאָר אויך אַן אייביקער פלעק אויף דער גערעכטיקייט, בעת מיליאָנען מענטשן זענען געשטאָרבן אויפן שלאַכטפעלד. איך בעט די אונטערזוכונגס-קאָמיסיע תיכף אָנצוהייבן פירן דעמדאָזיקן שוידערהאַפטן פּראָצעס פון אַלטן רעזשים". דורך דעמדאָזיקן בריוו האָב איך געוואָלט, נאָך איידער מען וועט פאָרמעל-יוריסטיש אונטערזוכן די זאַך, שוין תיכף געבן אַן אָפענע כאַראַקטעריסטיק פון דעם שרייענדיקן פאַרברעכן. עס זענען געווען נאָך פאַרשידענע ענינים, מיט וועלכע מיר האָבן געוואָלט באַשעפטיקן די קאָמיסיע. דאָס האָט זיך אָבער נישט געלאָזט. די מנהיגים אירע און זייערע משרתים האָבן געגאַרט נאָך לעבעדיקערע געשעפטן: „קאָנטררעוואָלוציע און שפּעקולאַציע" פלעגט צושטעלן ממשותדיקע זאַכן.

זיי האָבן געסטאַרעט זיך אַרויסצושטופּן פון זייערע ד׳ אמות יעדן ערלעכן מענטש. זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, פאַרנומען פאַר זייער בוצלעכער אַרבעט נישט אַנדערש ווי אַ פּאַלאַץ, טאַקע דעם פּאַלאַץ פון ניקאָלאַי ניקאַלאַיעוויטש. פון די רייך-באַפּוצטע, קאַקעטיש-מעבלירטע צימערן האָבן זיי פאַרנומען אַ ריי חדרים, וואו עס האָבן געקלאַפּט שרייב-מאַשינען, זענען אַרומגעלאָפן קוריערן און מיט אָנגעלאָדענע ביקסן זענען געשטאַנען די רויט-גוואַרדייער, אַרבעטער. אָבער אין דעם זעלבן פּאַלאַץ האָט זיך געפונען אויך דער רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל, וואָס בראש פון אים איז געשטאַנען אַ פּעטראָגראַדער אַרבעטער, דער באָלשעוויק זשוקאָוו. דאָס איז געווען אַן עכטער פּראָלעטאַריער מיט אַ געזונטן חוש פאַר דערווירקלעכקייט און מיט אַ פאַרשטענדניש פאַר פאַרבאָרגענע מחשבות. בעתן געריכט איבער קאָנטר-רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן געציטערט פאַר דעם נאָמען אַליין פון טריבונאַל, פלעגט זשוקאָוו אַרויסווייזן קענטניש פון ענין און אַ מיטגעפיל פאַר די מענטשלעכע ליידן פון די געמשפּטע. ער פלעגט נישט אַרויסטראָגן קיין שטרענגע שטראָפן און ער האָט פיינט געהאַט די שפּילעריי אין טעראָר. צבער טאַקע דערפאַר מסתמא האָבן אים פיינט געקריגן די ביידע אינטעליגענטע אַדוואָקאַטן. זיי האָבן אים גערודפט אַזוי שטאַרק מיט זייער לצנות איבער זיין „נישט-יוריסטישע״ האַלטונג, אַז ער האָט דערלאַנגט אין דעמיסיע. איך האָב אים אָבער געבעטן צו פאַרבלייבן און ער האָט מיר דעם 4-טן יאַנואַר אָפּגעענטפערט: „באַקומענדיק אייער בריוו, וואו איר בעט מיך איך זאָל בלייבן פאָרזיצער פון טריבונאַל, בין איך אייך מודיע, אַז איך וועל מקיים זיין אייער וואונטש און איך צי צוריק מיין דעמיסיע״. ער האָט דאָס געטון שוין דערפאַר, וואָס איך האָב אים אין אַ קאָנפערענציעלן שמועס געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מיר זענען אויך קעגן קאַזלאָווסקיס קאָמיסיע.

אין אַ פּאָר טעג אַרום בין איך מיט מיין פאַרטרעטער פלוצלינג אָנגעפאָרן אין דער קאָמיסיע צו זעען ווי עס פירן זיך דאָרטן די ענינים. שוין אין הויף פון דעם פּאַלאַץ האָבן מיר מיט פאַרוואונדערונג דערזעען ווי מען לאָדעט עפּעס אָן סחורה: צוקער,

זעק מעל, טעקסטיל און אנדערס. וואס איז דאס? — האבן מיר געפרעגט די וואך. — דאס זענען סחורות. וואס מען נעמט אפ ביי די שפעקולאנטן... — א שיין ארט איז דערצו טאקע די קאמיסיע! און צי פירט זי חשבונות פון דידאזיקע סחורות?...

אז מיר זענען דורך אלע קאראוולן און אריינגעקומען אין קאבינעט פון קאזלאווסקין, האבן מיר געמאכט זיך נישט-זעענדיק זיין פארוואונדערונג און געבעטן אים באווייזן א פאר „דיעלעס" פון די, וואס זיי פירן. באזונדערס האב איך געבעטן די דיעלא פון די געוועזענע מיניסטארן פון קערענסקין: פון שינגאריאון, דעם קאדעטישן פירער, פון אווקסענטיעוון, דעם עס-ערישן פירער, וואס אלע זענען זיי געזעסן אין פעטער-פאוולאווער פעסטונג. וויפיל מאל איך פלעג נישט בעטן די קאמיסיע ארויסלאזן זיי אויף ערבות, פלעגט זי שטענדיק אפזאגן. איצט האב איך געוואלט זעען אין וואס מען באשולדיקט זיי און וואס פאר באווייזן עס זענען דא קעגן זיי. מיט אן אומרויקן שמייכל האט מיר קאזלאווסקי דער-לאנגט די דינינקע העפטלעך פון רויט פאפיר, אויף וועלכע עס איז געווען אויפגעשריבן: דיעלא פון... איך האב געעפנט אלע און האב אינעווייניק גארנישט געפונען, בפועל ממש גארנישט. עס זענען נאר געלעגן פאראָרדנונגען וועגן ארעסט. ביי די אנדערע, די ווייניקער הויכשטייענדע ארעסטירטע, איז געווען פונקט דאס זעלבע. אז איך האב צום נידעריקן קאזלאווסקין אראפגעלאזט די אויגן מיט א שאלה, האט ער געפרווט ענטפערן: זייערע קאנטער-רעוואָ-לוציאָנערע מעשים זענען דאך אלע באקאנט, מ'דארף נישט קיין באווייזן...

— אויב אזוי, איז וואס האלטן נאר זיי אליין? און צוואס הייסט איר „אונטערזוכונגס"-קאמיסיע?

מיר זענען אוועקגעפארן פון דארטן מיט כעס און בושה. און שוין אין א פאר טעג ארום איז צו מיר אין קאמיסאריאט געקומען פארסאפעט זשוקאוו און האט דערציילט, אז ער האט שוין באוויזן, אז קאזלאווסקי און קראסיקאוו נעמען געלט ביי די קרובים פון די ארעסטירטע פאר באפרייען, אז דער „קאמף מיט דער שפעקו-לאציע" פארוואנדלט זיך פאר די קאמיסיע-משרתים אין א מיטל

רייך צו ווערן. איך האָב באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף פון דער נעסט, און בין בייטאָג, ד. ה. אין אַ נישט געוויינלעכער שעה, אַוועקגע־פאָרן צו לעניגען. איך האָב אים דערציילט אונזערע חשדים, דעם עקלהאפטן איינפלוס, וואָס דאָסדאָזיקע קרעמל מאַכט אויף די אַרומיקע, און געבעטן אַן עצה, צי זאָלן מיר אַ טאַפּ טון די העלדן, ווייל עס וועט דאָך אַרויסרופן אַ טומל אין דער פּרעסע, פרעג איך זיין מיינונג. לענין האָט זיך פאַרטראַכט, צוגעמאַכט אַן אויג (אין אַזאַ פאַרזאָרגטן צושטאַנד פלעגט זיין געזיכט ווערן כמעט אינגאַנצן מאָנגאָליש) און גענומען דערמאַנען זיך וועגן קאָזלאָווסקיס פאַר־גאַנגענהייט. קאָזלאָווסקי איז נישט געווען קיין לייבלעכער באָל־שעוויק; ער האָט געהערט צו זייערע פריינט אין דער פּויליש ער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. — עפּעס איז געווען קעגן אים שוין אין דער עמיגראַציע — האָט ער געטראַכט אין דער הויך. דערנאָך האָט ער געזאָגט, אַז מען מוז טאַקע מאַכן אַ חקירה ודרישה. אויך זינאָוויעוו האָט מיר דערקלערט שפּעטער, אַז קאָזלאָזווסקי איז אומבאַליבט ביי אַלעמען. אין דעם זעלבן טאָג האָבן מיר געמאַכט אַ באַראַטונג אין יוסטיץ־קאָמיסאַריאַט, אין וועלכער עס האָבן אַנטייל גענומען אויך ושוקאָוו און די אַלטע באָלשעוויסטין פרוי ראַזמיראָוויטש (קרילענקאָס פרוי).

עס איז, אגב אורחא, מערקווירדיק, אַז ביידע, סיי דער פעלדמאַרשאַל פון דער אַרמיי (נאָך אָקטאָבער) קרילענקאָ, סיי ראַזמיראָוויטש, האָבן געהאַט דעם גרעסטן אינטערעס נישט צו מיליטערישע ענינים, נאָר גאָר צו יוסטיץ־זאַכן, צו געריכט און חקירות און דרישות. אַז פרוי ראַזמיראָוויטש איז שפּעטער גע־וואָרן דער פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע, פלעג איך דאָרט שטענ־דיק געפינען זיצנדיק קרילענקאָן. איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז אַ משפּחה־זאַך; עס האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז ער איז אין תוך גאָר אַ יוריסט, אַ פּראָקוראָר, און אַז אין די פאַרהערן פון אַרעסטירטע שווימט ער ווי אַ פיש אין וואַסער. כ'האָב זיך שפּעטער דערמאָנט, אַז אין די אויפגערעגטע טעג ענדע פעברואַר, בשעת מען האָט געוואויגן אויף דער וואָג פון דער געשיכטע אונזערע כוחות בנוגע דעם דייטשישן מיליטאַריזם, האָט קרילענקאָ

אין ראט פון די קאָמיסאַרן עפּעס אָפּגעגעבן אַ יונגלישן דין וחשבון. אָבער נאָך דער זיצונג איז ער צו מיר צוגעגאַנגען און מיט דעם פּייערל פון אַ ספּאָרטסמען אין די אויגן געפרעגט, צי קאָן איך אים נישט שאַפן פאַר דער מיליטערישער הויפּט-קוואַר-טיר... אַ פּאָר גוטע יוריסטן. „פאַרשטייט איר מיך, מען מוז האָבן פּראָצעסן, און מיר האָבן נישט קיין קענער". אָט אַזוי באַ-האַלט זיך אַמאָל הינטער דעם פעלדמאַרשאַל אין דעם קריגערישן מונדיר גאָר אַן אַדוואָקאַט, אַן אונטערזוכונגס-ריכטער. די גמרא זאָגט דאָך אויך, אַז אייגנטלעך האָט דער שוחט און דער מוהל געדאַרפט זיין אַ גזלן, נאָר מין השמים האָט מען עס אים פאַרביטן אויף אַ מילדערן באַרוף.

די באַראַטונג אין קאָמיסאַריאַט האָט באַשלאָסן תיכף צוצו-טרעטן צו דער אַרבעט: פאַרחתמענען די קאָמיסיע, מאַכן הויז-זוכונגען ביי קאָזלאָווסקין און קראַסיקאָוון, מיטצוטיילן וועגן די-רעזולטאַטן דעם ראַט פון די קאָמיסאַרן. די הויז-זוכונגען האָבן, פאַרשטייט זיך, געמוזט ווערן תיכף אויסגעפירט, איידער די המדוברים וועלן זיך אַרומקוקן. אָבער וואו זאָל מען נעמען רויט-גוואַרדייער פאַר אַזאַ מין דעליקאַטן פאַל? נעמען זיי פון מיליציע און שוין אויפהייבן אַ טומל, האָבן מיר נישט געוואָלט, מיר האָבן אָנגעשיקט דעם חבר שריידער אין סמאָלני, ער זאָל נעמען ביי באָנטש-ברויעוויטש (דעם סעקרעטאַר פון דער רעגירונג) אַ פּאָר רויט-גוואַרדייער פון דער סמאָלנער שמירה. עס האַנדלט זיך דאָך וועגן הויכגעשטעלטע פּערזאָנען, קרובים למלכות! און אָט וואָס מיר זעען אין פאַרלויף פון דעם טאָג דערגאַנגען. באָנטש-ברויע-וויטש האָט זיך אַליין נישט געקאָנט אָנטשליסן צו אַזאַ מין אַקציע און האָט אָוועקגעשיקט שריידערן צו לענינען. דאָרטן האָט שריידער דערציילט לענינען אונזער גאַנצן פּלאַן פון אונטערזו-כונג און געבעטן זיין פאַראָרדנונג. לענין האָט מיט אים רויק געשמועסט, אויסגעפרעגט אַלע דעטאַלן, און אין מיטן פון שמועס איז פון דעם הילצערנעם ווענטל אַרויס פּלוצלינג און רויק געגאַנגען צו דער טיר... ווער מיינט איר?... קאָזלאָווסקי-אַליין!

לענין האָט, אַלזאָ, געשטערט די אונטערזוכונג. שריידער האָט מער נישט געקאָנט, ווי אַראָפּלאָזן די הענט און דערקלערן: „איצט איז שוין די הויז־זוכונג איבעריק... ווי באַלד קאָזלאָווסקי ווייסט שוין, וועט ער שוין רויק מבער חמץ זיין ביי זיך...״

אינאָווענט האָבן מיר אָבער די זאַך ווייטער געפירט. דער ראַט פון קאָמיסאַרן האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וואָס איר טעקסט האָט אויסגעאַרבעט לענין: „היות ווי איינצלנע אַגענטן פון דער אונטערזוכונגס־קאָמיסיע האָבן זיך קאָמפּראָמיטירט דורך נישט פיינע אָדער פאַרברעכערישע האַנדלונגען, היות ווי קענען דער גאַנצער קאָמיסיע ווערן דערהויבן באַשולדיקונגען, וואָס זייער ריכטיקייט קאָן נישט פעסטגעשטעלט ווערן אָן אַ גענויער אויספאָרשונג, באַשליסט דער ראַט פאָלגנדעס: באַשטימען אָן אונטערזוכונג איבער דער גאַנצער טעטיקייט פון דער קאָמיסיע און באַזייטיקן פון דער אַרבעט אויף דער צייט פון דער אונטערזוכונג אַלע אירע מיטגלידער״. אין דער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע איבער דער אונטערזוכונגס־קאָמיסיע האָט מען אויסגעקליבן צוויי באָלשעוויקעס און צוויי לינקע עס־ערן.

דער באַשלוס האָט געמאַכט אַ געוואַלטיקן רושם אין דער שטאָט: אַזעלכע גדולים זענען געפאַלן! מאָראַליש איז דאָס געווען אַ גרויס געווינס פאַר דער ראַטן־רעגירונג. זי האָט דערמיט באַוויזן, אַז זי שאַנעוועט אויך די אייגענע נישט, ווען עס איז נייטיק. דער באַקאַנטער סאָציאַליסטישער שריפטשטעלער סוכאַנאָוו, דער רעדאַקטאָר פון גאָרקיס צייטונג „נאָוואַיאַ זשיזן״, איז אומעטום בעגאַנגען און געזאָגט: דאָס איז דער צווייטער נצחון פון דער ראַטן־רעגירונג. — איך האָב זיך געפילט באַפרידיקט, אַז גראָד אין דער אַרבעט, אין דעם רייניקן פון פּאָליציייאישן הקדש, האָט זיך געבילדעט אַ צוזאַמענאַרבעט פון באָלשעוויקעס מיט אונז. — און דאָך בין איך געווען אומרויק: דער שפּיל פון לענינען האָט באַוויזן, אַז די הויכשטייענדע באָלשעוויקעס האָבן גענומען אונטער זייער שוץ די העלדן, און באַזונדערס קראַסיקאָוון, וואָס איז מיט לענינען געווען אין פאַרבינדונג אַמאָל. ווי אין יעדן חצר המלך, האָט מען אויך דאָ אָנגעווענדט די פּערזענלעכע און משפּחה־

פאַרבינדונגען. מען האָט אַרייַנגעמורמלט אין אויער, אַז דאָס איז אַ פּאַרטיי-קאַמף קעגן באָלשעוויקעס. ס׳איז געווען מעגלעך, אַז די ביידע באָלשעוויסטישע מיטגלידער פון דער אויספאָרשונגס-קאָמיסיע האָבן געהאַט דעם אויפטראַג נישט צוצולאָזן קיין באַשולדיקונג פון די קאָזלאָווסקיס.

די קאָמיסיע האָט געאַרבעט. ווייל זי האָט קיין זאַך נישט בעקריגן ביי הויז-זוכונגען, האָט זי זיך געווענדט צו דער באַפעלקערונג מיט אַ פאָרשלאַג, אַלע, וואָס האָבן טענות צו יענער קאָמיסיע, זאָלן קומען דערציילן. עס זענען נישט געקומען קיין סך עדות און מען האָט געמוזט באַגרענעצן זיך מיט דער אויספאָרשונג פון די מאַטעריאַלן פון דער קאָמיסיע גופא. פרוי ראַזמיראָוויטש האָט דערין אויך גענומען אָנטייל און האָט אין אַ רייע פון שריפטלעכע דערקלערונגען צו מיר געמאָלט דעם כאַאָס און די שטיקנדיקע לופט פון קאָזלאָווסקיס חדרים. אָט ווי זי האָט זיך צ. ב. אויסגעדריקט איינמאָל: „די אויספאָרשונגס-קאָמיסיע פון קאָמיסאַרןראַט קלייבט זיך פונאַנדער מיט מי שריט ביי שריט אין די מאַטעריאַלן פון דער קאָזלאָווסקי-קאָמיסיע. אין די מאַטעריאַלן הערשט אַן אויסערגעוויינלעכע, אַזוי ווי אַ בכיוונדיקע אומאָרדנונג״. מיר אַלע האָבן מיט שפּאַנונג געוואַרט אויף די רעזולטאַטן פון דער אויספאָרשונג. די באַזייטיקטע מיטגלידער פון יענער קאָמיסיע פלעגן נישט לאָזן קיינעם צורו... אָבער די צייט האָט זיך געצויגן און קיין ממשותדיקע באַווייזן האָבן די אויספאָרשער נישט געקאָנט אַרויסברענגען. איך האָב דערזען ווי ביי די באָלשעוויקעס האָט זיך אַלץ מער פונאַנדערגעברענט אין די אויגן אַ פייערל פון לצנות, אויף איינער פון די זיצונגען פון דער רעגירונג איז שוין געווען אַן אָנפראַגע וועגן דעם סך-הכל פון דער אויספאָרשונג. אַז לעניו האָט דערהערט, אַז עס האָט זיך וויניקער אָפּגערופן אויף דעם אַפּעל פון דער קאָמיסיע און אַז דער פּעטראָגראַדער קאָמיטעט פון די לינקע עס-ערן האָט זיך אָפּגערופן, האָט ער געמאַכט מיטן קאָפּ אַ באַוועגונג, וואָס זאָל באַדייטן: „אַהאַ! דאָס איז טאַקע אַ פּאַרטיי-אינטריגע קעגן באָלשעוויקעס!״ מען האָט איר געגעבן נאָך צוויי וואָכן צייט, און ענד-

דעך האָט מען דעם 6-טן פעברואַר באַהאַנדלט די פראַגע אין דער רעגירונג.

די אויספאָרשער האָבן צוגעשטעלט זייערע השערות וועגן די זינד פון די קאָזלאָווסקיס און פלענער ווי צו רעפאָרמירן די גאַנצע אַרבעט פון אונטערזוכונג אויף להבא. זיי האָבן אָבער נישט געקאָנט צושטעלן קלאָרע באַווייזן וועגן עמעצנס שולד. און דעמאָלט האָט זיך איבער אונזערע קעפּ אויסגעגאָסן די תוכחה, פאָרזיצער איז געווען היינטיקעס מאָל טראָצקי. דאָס פלעגט געשען זייער, זייער זעלטן, אַז לעניגען זאָל פאַרבייטן אַן אַנדערער. אפשר אָבער האָט לענין נישט געוואָלט היינט אָפּשאַפן די פון אים אַליין אָנגעשריבענע רעזאָלוציע און ער איז נישט געקומען בכיוון. טראָצקי האָט אויסגעהערט דעם באַריכט און איז געוואָרן מלא חמא. ער האָט געגעבן דאָס וואָרט די ביידע מיוחסים, קראַסיקאָוון און קאָזלאָווסקין, וואָס זענען מיט אַ טרער אין שטים אָנגעפאַלן אויף די לינקע עס-ערן פאַרוואָס זיי האָבן צוליב פאַרטיי-מאָטיוון פאַרשוואַרצט זייער נאָמען. זיי האָבן געוואוסט מיט וואָס צו נעמען דעם עולם: זיי האָבן פאַרגעשטעלט זיך ווי קרבנות פון באָלשעוויזם אויפן מזבח פון דער „בירגערלעכער דעמאָקראַטישער באַנדע”, און זיי האָבן געוויין, וואָס פאַר אַ קלאַפּ זייער רעאַביליטאַציע וועט זיין פאַר דער גאַנצער בורזשואַזיע... מיט אַן איינגעהאַלטענעם כעס, וואָס האָט זיך איבערגעריסן דורך זיין פאַרשטיקטער, מעטאַליש-קלינגענדיקער שטים, האָט טראָצקי געווענדט זיך צו מיר: „ווי האָבן מיר געקאָנט אַזוי אריינשלעפּן אין בלאָטע דעם נאָמען פון פאַרדינסטפולע באָלשעוויקעס? ווי האָבן מיר זיך געלאָזט טרייבן פון דער „שמוציקער געזעלשאַפטלעכער מיינונג” פון דער בורזשואַזיע?... ווי האָבן מיר — יוריסטן — אָנגעהויבן אַן אונטערזוכונג, אַז עס זענען נישט געווען קיין יוריסטישע באַווייזן פון פאַרברעכן?”

אויף דעם האָב איך געענטפערט, אַז מען האָט נישט געוואַרט פאַרלאַנגען פון מיר קיין יוריסטישע באַווייזן, בעת איך האָב אויפגעהויבן די זאַך, ווייל אויב ס'וואָלטן שוין דעמאָלט געווען אַזעלכע קלאָרע באַווייזן, וואָלט איך, אַלס יוסטיץ-קאָמי-

סאר, נישט געהאלטן קיין עצות מיט לענינען, נאר איך וואלט
די פארברעכער אליין געהייסן ארעסטירן... אויב מען זאל האבן
קלארע יוריסטישע באווייזן, וועל איך קאנען הייסן ארעסטירן
יעטוועדן פאלקס-קאמיסאר, אפילו אייך, חבר טראצקי... איך האב
זיך אבער געהאלטן אן עצה און ארויסגערופן א ספעציעלע פאר-
ארדנונג דערפאר טאקע, ווייל עס זענען נישט געווען קיין פאר-
מעלע באווייזן... עס איז געווען נאר א שטיקעדיקע לופט פון
חשדים, מסירות און מאראלישע פוילקייט, וועלכע מען האט נישט
געקאנט צולאזן ווייטער... צוליב מלוכהש-מאראלע טעמים האבן
מיר געמוזט דעם זומפ אויפטרייסלען... און מיר האבן אויך
היינט קיין חרטה נישט אויף דעם רעש... נאר זאל מען דאס נישט
פארוואנדלען אין א פארטיי-סכסוך... נישט דורך אזעלכע וועגן
פירט מען פארטיי-קאמפן...

די ליידנשאפטן האבן זיך פונאנדערגעברענט. מענטשן האבן
אונז פארשאטן מיט טענות, מיט ביטערן מוסר. מען האט זיך אזוי
געהיצט, ווי ס'וואלט זיך געהאנדלט וועגן ריינע — מיט ווייסע
פליגלען — מלאכים. דזערזשינסקי, וואס האט מיט קאזלאווסקין
צוזאמען געהערט צו דער פוילישער פארטיי, איז נישט געקומען
פארטיידיקן די באעוולטע: ווייזט אויס, ער האט געוואוסט ווער זיי
זענען. דערפאר האט זיך באזונדערס געקאכט אן אנדערער חבר
פון קאזלאווסקין אין דער פוילישער פארטיי, בראנסקי, דער
האנדלס-קאמיסאר. איך האב מיט פארוואונדערונג צוגעקוקט זיך
צו דערדאזיקער סצענע. זי האט מיך דערמאנט אן עפעס אן אומ-
קלאר, לאנג פארגעסן בילד, און אז בראנסקי איז פלוצלינג אויפ-
געשפרונגען פון שטול מיט געוואלט-געשרייען און צערייצטע
באוועגונגען, האב איך זיך דערמאנט. דאס איז דאך געווען א בילד
פון אן עמיגראנטן-קרייזל ערגעץ-וואו אין זשענעווע צי אין פאריז:
פונקט אזוי פלעגט מען זיך רייסן דארטן אין קליינלעכע פארטיי-
און פראקציע-סכסוכים. טאקע די זעלבע מענטשן, וואס דא היינט
אין סמאלני, פלעגן דארטן אין די ענגע קאפע-צימערן מיט
התלהבות און באהאלטענער שנאה — אין נאמען פון דעם זעלבן
אידעאל — רייסן צווישן זיך די סאציאליסטישע פעדים — אט דעם

קליינלעכן פראַקציאָנעלן פּאַטריאָטיזם, וואָס איז פאַרשטענדלעך געווען אפשר אין ביטערן גירוש, אין דער אָפּגעזונדערטקייט פון די מאַסן — האָט מען אַריבערגעטראָגן אַהער, אין דעם שטורעמדיקן לאַנד, וואו מען איז געשטאַנען פעסט אַרומגערינגלט פון די מיליאָנען. עס גלייבט זיך שווער, אָבער ס'איז ריכטיק: אַ גאַנצן אָוונט האָט מען אָפּגעגעבן דער מעשה־קאָזלאָווסקי דעם 26־סטן פּעברואַר 1918. דאָס הייסט, אין די טיף־דראַמאַטישע טעג, ווען דער חלף פון אימפּעריאַליסטישן דייטשלאַנד איז געלעגן איבערן האַלז פון דער רעוואָלוציע.

ענדלעך האָט מען אָנגענומען פאָלגנדע רעזאָלוציע פון טראַצקין מיט 12 שטימען קעגן 5: „דער קאָמיסאַרן־ראַט קאָנסטאַטירט, אַז אַלע באַשולדיקונגען קעגן די פאַראַנטוואָרטלעכע פירער פון דער אונטערזוכונגס־קאָמיסיע אין שוחד־נעמען און אַנדערע פאַרברעכנס האָבן קיין יסוד נישט און אַז דער גאַנצער אָנגריף קעגן זיי שטעלט מיט זיך פאָר אַ טייל פון דער אַלגעמיינער קאַמפּאַניע פון ליגן און רכילות, וואָס די אַגענטן פון דער בורזשואַזיע פירן קעגן דער סאָוויעטן־רעגירונג; נעמענדיק אין אַנבאַטראַכט, אַז די אויספאָרשונג האָט זיך געפירט אָפן, אַז אַלע פאַראינטערעסירטע מענטשן האָבן דערפון געוואוסט פון די צייטונגען און האָבן אין משך פון 6 וואָכן געקאָנט צושטעלן זייערע ידיעות וועגן דער קאָמיסיע, דערקלערט דער קאָמיסאַרן־ראַט די אויספאָרשונג פאַר געענדיקט. קראַסיקאָוו, קאָזלאָווסקי און נאָך דריי חברים קערן זיך אום אויף זייערע פּאָסטנס".

די פּנימער ביי די באָלשעוויקעס האָבן געשטראַלט. אין קאָרידאָר האָבן געוואַרט די קלענערע באַאַמטע פון דער קאָמיסיע אויפן גזר־דין. מען איז אַרויס גלייך זיי מודיע זיין. און אַז איך בין פון דער זיצונג געגאַנגען פאַרביי זיי, האָבן זיי מיט פרייד־בייזע אויגן מיך באַגלייט. איך בין דאָך אַרויסגעגאַנגען פון דעם קאַמף „אבל וחפוי ראש".

* *

*

און פונדעסטוועגן האָט דער פּאַרטיי-נצחון נישט געקאָנט גובר זיין דאָס לעבן. קאָזלאָווסקי און קראַסיקאָוו האָבן זיך נישט אומגעקערט אויף זייערע פּאָסטנס. די קאָמיסיע האָט דאָך פונקציאָנירט ביים פּעטראָגראַדער סאָוויעט, און זינאָוויעוו, דער פּאַרזיצער פון סאָוויעט, האָט זיי מער נישט צוגעלאָזט אהין. ער האָט אונטערגעאיילט זיך צו באַשטימען אהין די פרוי ראָזמיראָוויטש פאַר אַ פאַרזיצער. און שוין אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט די נייע קאָמיסיע מיט חתימות פון באָלשעוויקעס און לינקע עס-ערן אַריינגעטראָגן צו מיר און צום פּעטראָגראַדער סאָוויעט אַ דערקלערונג מיט אַ לאַנגער רשימה פון פאַרברעכנס, וואָס קומען פאָר אין דער טשעקאַ. דעם 5-טן מערץ, אין איין וואָך אַרום שוין נאָך דער „רעאַביליטאַציע" פון קאָזלאָווסקין, האָב איך דעמדאָזיקן דאָקומענט ביי דער אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט פון אַלעמען (און טראָצקין בתוכם) פאָרגעלעזן אין קאָמיסאַרן-ראַט. לענין און אַלע האָבן מיט אַ שווער געפיל געשוויגן. אין דאָקומענט האָט זיך דערציילט, אַז די אַגענטן פון טשעקאַ נעמען צו ביי די הויזזוכונגען זאַכן פאַר זיך, שלאָגן מכות-אכזריות ביי די פאַרהערן, פּרעסן אויס ביי די קרובים פון די אַרעסטירטע געלט אויף צו באַפרייען זיי... „דידאָזיקע אָנקלאָגן געפינען זייער באַשטעטיקונג אויך אין דעם, וואָס מען האָט אָנגענומען אין דינסט פון טשעקאַ באַאַמטע פון דער פריערדיקער אונטערזוכונגס-קאָמיסיע, וועגן וועמענס נישט-פיינער טעטיקייט מיר האָבן אומצווייפלהאַפטע באַווייזן". ביי דעם דאָקומענט זענען געווען צוגעלייגט 20 אָנקלאָגן.

דאָס הייסט, אַלזאָ, אַז די טשעקאַ האָט מען שוין געמוזט אָפּהיטן פון קאָזלאָווסקיס שיינע חברים און משרתים!

און וואָס איז געווען דאָס ווייטערדיקע מזל פון דיביידע תכשיטים? קאָזלאָווסקי איז נאָך אַ פּאָר יאָר געווען אַ מיטגליד פון יוסטיץ-קאָמיסאַריאַט, און נאָך עפּעס אַ געהיימנישפולער מעשה פאַרשוואונדן. קראַסיקאָוו אָבער איז געגאַנגען למעלה. ער איז גע-

חאַרן פּאָרזיצער פון אייבערשטן קאַסאַציע־געריכט פון לאַנד, דער שומר פון גערעכטיקייט און מאָראַל. און אפשר האָט ער דאָס טאַקע כשר פאַרדינט: אַז אין יאָר 1923 האָט מען דערשאָסן זעקס סאָציאַליסטן אין דער טורמע פון סאָלאָחקי און ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורעם אין דער גאַנצער וועלט, האָט די רעגי־רונג געשיקט אויספאָרשן די לאַגע פון די רעוואָלוציאָנערן... דווקא קראַסיקאָוון. ער איז געקומען פון דאָרטן צוריק און האָט באַשטעטיקט, אַז ס'איז דאָרטן ג ו ט...

## דאָס זיבעטע קאַפּיטל

# דער מאָרד פון שינגאַרעוו און קאָקאָשקין

דאָס איז געווען דעם 7-טן יאַנואַר 1918, אין יאָר, ווען רוסלאַנד און די וועלט האָבן איבערגעלעבט די גרעסטע דערשיטערונגען. דאָס איז אָבער געווען אין חודש, ווען רוסלאַנד האָט זיך פּנים אל פּנים צוזאַמענגעטראָפן מיט דעם גרויסן אומבאַקאַנטן, וואָס צו אים האָט עס אַ יאָרהונדערט געשטרעבט און וואָס האָט אָקאָרשט זיין פאַרשלייערט געזיכט באַוויזן: מיט דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג. אין זיבצעגטן יאָר האָט מען זי גערופן מיט פאַרחלומטע אויגן פון ליבע. פון איר האָט מען מיט פרייד געוואַרט אַ לייזונג פון אַלע פּראָבלעמען, אין אַכטצענטן יאַר איז זי געוואָרן אַ פאַרעלטערטע כּלה, אַ פאַרשפּעטיקטע חתונה. ס'האָט שוין געבריזט און געשטורעמט די סאָוויעטן-מאַכט; ס'זענען שוין אַרויס די דעקרעטן וועגן אָפּנעמען ערד ביי די פּריצים; ס'זענען שוין געגאַנגען די אונטערהאַנדלונגען וועגן שלום אין ברעסט. און דעם 5-טן יאַנואַר, ווען נאָך לאַנגע אָפּלייגענישן איז די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג אין טאַורישן פּאַלאַץ צוזאַמענגעקומען, האָט זי פאַר זיך געפונען אַ שטאַלצע רעגירונג, אַ פעסטע רעוואָלוציאָנערע מאַכט, אַן עכטע מאַסן-באַוועגונג, וואָס גלייבט אין זיך און אין איר מזל. ס'זענען געווען אָפן פאַר איר נאָר צוויי וועגן: אָדער זוכן אַ פּשרה מיט דער ראַטן-רעגירונג און אין אַ לעבעדיקן משא-ומתן מיט איר פאַרבינדן די ביידע כּליגלען פון רוסישן אַרבעטער-

פאָלק, אָדער אָנהייבן אַ קאַמף קעגן די ראַטן, פאַרלאַנגענדיק פאַר זיך אַליין די איינציקע פאַרשטייערשאַפט פון פאָלק. די פירער פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג האָבן אויסגעמיטן די ביידע וועגן. זיי האָבן געפרווט פ א ר ב י י ג י י ן די ראַטן-רעגירונג, מאַכן זיך ווי נישט-זעענדיק זי. דאָס האָט נישט געקאָנט דעמאָלט גע-לינגען. ווען דער אימפעט פון דער גרויסער אמונה און דער שטאָלץ פון די ערשטע נצחונות האָט זיך געהעפט נאָך אָן די פאָנען פון די אָקטאָבער-זיגער. און די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג איז געוואָרן פון דער רעגירונג אויפגעלייזט, ווייל זי אַליין האָט נאָך פריער, אין דעם איינציקן טאָג פון איר קיום, קיין לעבנס-סימנים נישט געקאָנט באַווייזן. דעם 6-טן יאַנואַר האָט שוין דער ציק (דער אַלרוסישער קאָמיטעט פון די ראַטן) דעם רעגירונגס-דעקרעט באַ-שטעטיקט און די לינקע דעפוטאַטן פון דער געשטאָרבענער איינ-ריכטונג צו זיך אויפגענומען.

אַזוי איז געגאַנגען אין די העכערע ספערן פון פּאָליטיק; אין די טיפענישן אָבער פון פאָלק איז דער גרויסער אויפרודע-רונגס-פּראָצעס געגאַנגען פאַמעלעך. אָבוכאָווער אַרבעטער און אַלטע פאַרטיי-מענטשן האָבן זיך געלאָזט דעם 5-טן יאַנואַר אויף דער גאַס די אַלטע געליבטע פאַרטיידיקן; און נישט אַזוי מוראדיק ווי מען האָט געציטערט, אָבער דאָך האָט זיך מענטשן-בלוט פאַרגאָסן אין דעם טאָג, פאַרגאָסן אין פעטערבורג און מאָסקווע. די, וואָס האָבן געקעמפט אין אָקטאָבער, האָבן מורא געהאַט, אַז ס'וועט זיך אומקערן די בלענדעניש פון קערענסקיס מלוכה-צייט. די, וואָס האָבן געהאַסט דעם אָקטאָבער, האָבן געזעען, אַז אין די טעג פאַרלירן זיי זייער לעצטן שטיץ-פונקט, זייער אייביקע הייליקייט. זייערע צוזאַמענשטויסן זענען געווען פאַרשטענדלעך, און אין פעטערבורג האָט דעמאָלט געהערשט די גרויסע אומזיכערקייט און אומאָרד-נונג פון אַן ערב-פסח-בהלה. מען האָט דאָך געהאַלטן ביים אויס-רוימען נישט מער און נישט ווייניקער ווי אַ גאַנצע וועלט, אַ וועלט מיט חסרונות און מעלות, אַ וועלט מיט רשעות און שיינ-קייט, מיט אומענדלעכן שלעכטן און אייביקן גוטס. ס'איז גע-שטאַנען איבער די קעפ דער גרויסער האַרטער און שנייאיקער

ווינטער, ס'איז געשטאַנען ביי דער טיר דער חוצפּהדיקער הונגער און דלות, וואָס האָט זיך אין שטילן געלאַכט איבער די איבערמענטשלעכע האָפנונגען פון דער רעוואָלוציע. ס'איז נאָך פול געווען די ריזיקע שטאָט מיט רייכטימער, מיט געדאַנקען, מיט די מענטשן פון דער קאַפּיטאַליסטישער און אַפּיצירישער וועלט; אָבער ס'האָבן אין אַלטע שינעלן און צעטרעטענע שטיוול מיט דרייסט אין די בליקן און געווער אין דער האַנט געטרעטן אויף די רויט-גוואַרדייצעס: די מלאכי-חבלה, ווי די אָפּשטאַרבנדע האָבן געמיינט, די טרעגער פון ישועה — ווי דער פיינפילנדער פּאָעט בלאָק האָט געזעען. רעגירונג און מענטשן פון גאַס, יונגוואַרג און אַלטע, אַרבעטער פון פאַבריק, אָדער פריי-געוואָרענע סאָלדאַטן — זיי אַלע זענען ווי שיכור געווען פון דער אומבאַגרענעצטער פרייהייט און פרישקייט און מאַכט, וואָס איז זיי אַריינגעפאַלן דעמאָלט אין האַנט. און ווי פאַרשיכורט פון כעס און פּיין זענען אַרומגעגאַנגען אויך אַלע, וואָס האָבן געטראַכט, אַז ס'גייט אונטער אַ וועלט, אַז אין קאָן ווערט געשטעלט רוסלאַנד, איר נאַציאָנאַלע ווירדע און איר אייראָפּעישע אַנטוויקלונג. ביי דעם שטויב און דעם רויך פון די פאַלנדע מויערן, ביי דעם געוואַלטיקן עכאָ פון דער סאָציאַלער מהפּכה האָבן זיך די גייסטער אַמשאַרפסטן צעטיילט: ווער צו די קאָנסערוואַטאָרן, ווער צו די רעוואָלוציאָנערן. און ס'האָלט אַ וואונדער געווען, ווען אין דער זודיקער לופט פון שמחה און כעס, פון הונגער און שיכּרות, פון שאַפונגס-פרייד און לעבנס-צער וואָלטן זיך נישט אַריינמישן — ווי שטענדיק אין קריטישע פּעריאָדן פון דער געשיכטע — די מענטשן-טייוולאָנים, די צווייפיסיקע שאַקאַלן, וואָס נוצן אויס די עפּאָכע פאַר זיך, פאַר זייער מאַטעריעלער אָדער גייסטיקער תאווה. ס'האָט זיך טאַקע שוין דעמאָלט, צווישן די אויפגעברויזטע און הויכע מענטשן-געפילן פון ביידע צדדים — אויף דער ערד געשלענגלט דער מיאוסער גייסט פון עזות, פון גנבה, פון רציחה. . .

שוין פאַרמאַטערט בין איך, נאָך די איבער אָנגעשטרענגטע טעג, געלעגן ביי זיך דעם 7-טן יאַנואַר פרי. ס'האָט אָבער פּלוצ-

לינג מיך אַ רוף געטון צו זיך דער טעלעפאָן, און אין זיין הייוריקער שטים האָב איך דערהערט אַ שרעקלעכע בשורה. דאָס איז געווען אַ טעלעפאָנאָגראַם פון לענינען, אין וועלכן ס'האָט זיך דערציילט, אַז אומבאַקאַנטע מאַטראָסן האָבן אין דער נאַכט געהרגעט די ביידע געוועזענע קאַדעטישע מיניסטאָרן, שינגאַרעוו און קאָקאָשקין. ס'האָט זיך עפּעס ווי אָפּגעריסן אין האַרץ, ווען איך האָב דערהערט גראָד זייערע נעמען. אַזוי ווי אַ פינסטער מזל וואָלט זיך בכיוון אָנגעזעצט אויף זיי צו מאַכן זיי פאַר קרבנות פון גרויסן סאָציאַלן געשעען. גראָד מיט זיי ביידן האָב איך געהאַט צו טון פיל אין די לעצטע פאָר טעג. ווי די מערערע געוועזענע מיניסטאָרן פון קערענסקיס קאַבינעט, זענען זיי געזעסן אין פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג. קיין באַזונדער פאַרברעכן האָט מען קעגן זיי נישט געקאָנט אויפווייזן; זיי זענען געוויס געווען אָנגעזעענע מיטגלידער פון זייער פאַרטיי, זיי זענען געווען איבערגעגעבן זייערע ליבעראַל-קאַדעטישע איבערצייגונגען און, פאַרשטייט זיך, שאַרפע קעגנער פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע. אָבער נישט זיי האָבן געשפּילט דעמאָלט די ערשטע פידל אין קאַדעטישן לאַגער און זייערע נעמען זענען נישט געווען פאַרבונדן אין פאָלקס-באַוואוסטזיין מיט עפּעס באַזונדערע שלעכטע מעשים. מען האָט זיי געהאַלטן אין געפענגניש, ווייל זיי זענען געווען באַקאַנטע מענטשן אין לאַנד*). זיי זענען אָבער געווען קראַנקע מענטשן און דער דאָקטאָר מאַנוכין פון פּאָליטישן רויטן קרייץ האָט מיר דערלאַנגט אַ פּאַפּיר, אַז מען מוז זיי אַריבערפירן אין מאַריענסקער קראַנקן-הויז. איך אַליין האָב נישט געקאָנט באַפרידיקן די בקשה, ווייל אַזעלכע הויך-אָנגעשטעלטע אַרעסטירטע

*) קעגן אַזעלכע רעפּרעסיעס, וואָס האָבן געדינט נישט דעם תיכּפדיקן ווילן פון דער רעוואָלוציע, נאָר דעם איינציקן צוועק, „למען ישמעו וייראו“, האָבן די לינקע עס-ערן דעמאָלט אין דער רעגירונג געפירט אַ האַרטן קאַמף מיט די באָלשעוויקעס. וועגן דעם אָבער אַן אַנדערש מאָל.

זענען געשטאַנען נישט אונטער דער השגחה פון פאָלקס-קאָמיסאַר פון יוסטיץ, נאָר פון דעם גאַנצן ראַט פון פאָלקס-קאָמיסאַרן. די „ווּעטשעקאַ“, וואָס איז געשאַפן געוואָרן נאָך אין די ערשטע וואָכן פון דער מהפכה מיט די גרעסטע פולמאַכטן און האָט דורכגעפירט די אַלע אַרעסטן, איז יורידיש געווען ווי אַ מיניסטעריום פאַר זיך, און האָט זיך נישט געלאָזט קאָמאַנדירן פון יוסטיץ-קאָמיסאַר. דזערזשינסקי, דער איינציקער און פאַקטישער דיקטאַטאָר פון דער ווּעטשעקאַ, אַ באַוואוסטער פריינט און פּאָליטישער חבר פון לענינען, האָט מיט טויזנט אויגן געהיטן זיינע פולמאַכטן, און מערער פאַר אַלץ מורא געהאַט, מ'זאָל נישט מיינען חלילה, אַז די ראַטן-רעגירונג איז אַזוי ווייך, ווי די קערענסקי-מלוכה. דערפאַר האָט ער דעמאָלט — מ'קאָן זאָגן, אין דער הומאַנישער צייט, אין פאַרגלייך מיטן שפּעטערן טעראָר — שטאַרק געקעמפט קעגן יעדער באַפרייונג פון טורמע. ס'פלעגט זיך אים דאַכטן, אַז ער לאָזט דאָ אַרויס פון זיין האַנט די פעדים, וואָס פירן צו דער אמתער פאַר-שווערונג און אומגליק. און אַזוי ווי דער פאָלקס-קאָמיסאַריאַט פון יוסטיץ, וואָס איז געווען אין די הענט פון די לינקע עס-ערן, האָט בעהאַט פונקט אַ היפּוכדיקן שטאַנדפונקט אין דער פראַגע, האָט תמיד געקעמפט מיט דזערזשינסקין, האָט מען ממילא געמוזט יעדעס מאָל די שאלה פון אַ וויכטיקן אַרעסטירטן באַהאַנדלען אויף דער געמיינזאַמער רעגירונגס-זיצונג. ס'פלעגט זיין נישט לייכט צו פועלן די באַפרייונג אָדער דערלייכטערונג פון דער לאַגע פון אַ קאָנטער-רעוואָלוציאָנער; מ'האָט געמוזט דערצו זוכן אַ גוטע גע-לעגנהייט אָדער אַ פּאַסנדיגע צאָל שטימען (באָלשעוויקעס זענען געווען עלף און לינקע עס-ערן נאָר זיבן). היינטיקעס מאָל אָבער, דעם 2-טן יאַנואַר, פאַר שינגאַרעוון און קאָקאָשקינען איז דאָס בעלונגען. די רעגירונג האָט דערלויבט דעם יוסטיץ-קאָמיסאַר אַריבערצופירן זיי ביידן אין קראַנקן-הויז אונטער אַ מלוכהשער שמירה, אויב אַ דאָקטאָר-קאָמיסיע וועט באַשטעטיקן זייער קראַנק-הייט. די קאָמיסיע האָט באַשטעטיקט און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע שוועריקייט. די צייט איז געווען אַ נערוועזע, אַ גע-לאָדענע מיט אויפרעגונג פון די מאַסן. אין דריי טעג אַרום האָט

זיך געדאַרפט צונויפקומען די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. און דער גאַרניזאָן פון דער פעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ באַזונדערן היטער פון רעוואָלוציאָנערע כשרות, האָט נאָך מער אַכטונג געגעבן אויף די אַרעסטירטע. אַז מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק איז פאַרביי לעבנס אויטאָמאָביל אויף דער גאַס דורכגעפלויגן אַ קויל און די „פּראַוודאַ" האָט געמיינט, אַז דאָס איז געווען אַן אַטענטאַט אויף אים, איז פּלוצלינג דער זעלבער גאַרניזאָן אַרויסגעטרעטן מיט אַ רעזאָלוציע: „אויב ס'וועט זיך נאָכאַמאָל איבערחזרן אַזאַ מין מעשה קעגן זייער געליבטן פירער, וועלן זיי אָנריכטן אַ סעפּטעמבער־מאָרד אין די געפענגענישן".

לענין אַליין האָט זיך דערמאָלט אַ ביסל פאַרטראַכט איבער דער גרויסער „טריישאַפט און ליבע", וואָס האָבן גערעדט קלאָרע דבורים אין דער בלוט־דורשטיקער רעזאָלוציע, און צוזאַמען מיט מיר האָט ער אַוועקגעשיקט אַ בריוול צו דעם קאָכעדיקן סאָלדאַטן־קאָמיטעט מיט אַ דאַנק פאַר זייער איבערגעגעבנקייט דער רעוואָלוציע, אָבער מיט אַ הייסער בקשה נישט צו מישן זיך אין די ענינים פון דער רעגירונג, וואָס זעט ווייטער און טיפער. ס'פאַרשטייט זיך, אַז דער קאָמיטעט און איינער פון זיינע אָנפירער, פּאַוולאָוו, האָבן זיך דערמיט נישט באַרויקט און אַש להבה געקוקט אויף זייערע אַרעסטאַנטן, צווישן וועלכע עס זענען געווען אַלע פאַרטרעטער פון פּאָליטישן רוסלאַנד. אָנהייבנדיק פון ביילים־מיניסטער, שטשעגלאָוויטאָוו און פורישקעוויטש, אַריבערגייענדיק צו דעם מיניסטער טערעסשטשענקאָ און קאַרטאַשעוו, ביז צו אַוקסענטיעוו און סאָראָקינען — זענען אַלע דורכגעגאַנגען שוין אין דער רעוואָלוציע די היסטאָרישע קאַמערן פון טרובעצקאָי־באַסטיאָן.

די פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג האָט געהאָלפן נעמען דעם ווינטער־פּאַלאַץ, וואו די קערענסקי־רעגירונג האָט זיך געשיצט ביז צו לעצט. אין אירע ווענט זענען געזעסן, ווי מען האָט געמיינט, די געפערלעכסטע פיינט פון די ראַטן. אירע סאָלדאַטן האָבן דערפאַר קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט פון זיי. היינט ווי איז מעגלעך, — ערב דעם פינפטן יאַנואַר, ווען מ'וואַרט אויף די גרעסטע געשעענישן — אַז די שמירה וועט אַרויסלאָזן פון

אירע הענט שינגאַרעווין און קאַקאָשקינען. מיר האָבן דאָס דער-
קלערט שינגאַרעווס שוועסטער, וואָס האָט געאַרבעט פֿאַר זיי
ביידן, און אָפּגערעדט צוזאַמען מיט איר אָפּצולייגן דעם איבער-
פיר אויף נאָך דעם 5-טן יאַנואַר, ביז די געמיטער וועלן זיך
עטוואָס באַרויקן. זי איז מרוצה געווען. דאָך שוין דעם 6-טן גאַנץ
פֿרי (פֿון דער גרינדונגס-פֿאַרזאַמלונג זענען מיר אַלע צערודערט
אַוועקגעגאַנגען ערשט פֿינף אַ זייגער פֿאַרטאָג) האָט זי מיר אָנגע-
קלונגען און געבעטן באַפרייען איר ברודער. אין מיניסטעריום,
וואו מיר האָבן זיך מיט איר געטראָפֿן, האָב איך אָנגעשריבן אַן
אָרדער אויף אַריבערפירן זיי ביידן אין קראַנקן-הויז און אַ באַ-
זונדערן באַפֿעל צום מיליץ-קאָמיסאַריאַט וועגן בילדן אַ וואַך צו
זייער באַגלייטונג. מער האָב איך אין דעם טאָג זיך נישט פֿאַר-
נומען דערמיט. די אויספֿירונגס-אָפּעראַציע האָט שוין געדאַרפֿט
גיין כשורה, ווייל נאָך מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק האָבן מיר אויף
דעם זעלבן וועג פֿון דער פֿעסטונג אין קראַנקן-הויז אַריבערגע-
פֿירט פֿיר געוועזענע מיניסטאָרן.

און פּלוצלינג הער איך די שרעקלעכע בשורה... תיכף בין
איך געפֿאָרן אין סמאָלני, וואו ס'איז געווען דער זיץ פֿון דער
רעגירונג. און אין מיין אויפֿגערעגטן באַוואוסטזיין האָבן זיך ווי
אַ שטורעם געטראָגן נישט נאָר די אַלגעמיין פּאָליטישע געדאַנ-
קען, דער צער וועגן צעבראָכענע לעבנס פֿון מענטשן, די מורא
פֿאַר דער צעררייצטער כוואַליע פֿון כעס און בלוט. דאָס פֿאַרויס-
זען פֿון פֿאַרשאַרפֿטן סאָציאַלן און פּאָליטישן קאַמף. ניין, דעם
לאַנגן וועג פֿון מיין דירה ביז צום סמאָלני דורך די פֿאַרשנייטע
גאַסן האָט מיר געגעבערגט דעם מוח אַן אַנדערער געדאַנק: ווי
פֿאַרהיט מען איצט די לעבנס פֿון די אַנדערע מיניסטאָרן? לעבין
און זיינע באַקאַנטע האָבן אפֿשר נישט געוואוסט, אַז אין אַן אַנדער
קראַנקן-הויז לעבן איצט נאָך פֿיר געוועזענע פֿירער פֿון דער גע-
פֿאַלענער בורזשואַזיע: קאָנאָוואַלאָוו, דער פֿאַרטרעטער קערענ-
סקיס סמירנאָוו, טרעטיאַקאָוו און קאַרטאַשעוו*). אויב די היה

---

*) איך האָב דאָס [illegible] געוואוסט, ווייל דאָס איז געווען אַ מיטל זי[illegible]

פון צערייצטן המון (נישט פון רעוואָלוציאָנערן פאָלק!) האָט שוין איינמאָל דערשפּירט, אַז זי קען, וואו וועט זי וועלן זיך אָפּשטעלן? ווער זענען די מאַטראָסן און ווי האָבן זיי גובר געווען די שמירה? מיר וועלן, פאַרשטייט זיך, אומבאַרהמנותדיק פאַרפאָלגן די מערדער, אָבער מ׳מוז דאָך צוערשט אָפּהיטן די לעבנס פון לעבעדיקע. און איך האָב באַשלאָסן איצט, ביי דער אויפרעגונג אויך פון די באָלשעוויקעס, נישט לייגן קיין אַכט אויף דער פאָרמעלער זייט פון אונזער קאָאַליציע-רעגירונג און זיי אַלעמען באַפרייען מיט מיין אייגענער מאַכט. — שפּעטער האָט זיך אַרויסגעשטעלט טאַקע, אַז די זעלבע מאַטראָסן, וואָס האָבן געהרגעט שינגאַרעוון און קאָקאָשקינען, האָבן געוואָלט אויפזוכן אויך די אַנדערע קראַנקע קאַדעטן, זיי האָבן אָבער דעם אַדרעס נישט געוואוסט, אָדער זיי זענען געווען שוין צו שטאַרק צערודערט פון דער ערשטער רציחה. און דאָ מוז איך פאַרדערציילן א מערקווירדיקע מעשה. אַז איך האָב מיך געווענדט צום רויטן קרייץ און געזאָגט זיי וועגן דער מעגלעכער באַפרייונג פון יענע פיר מיניסטאָרן. האָב איך געטראָפן אַן אָפּזאָג... פון אים און די פאַרוואַנדטע פון זיי. די שטאָט איז געווען אַזוי אויפגערודערט און דאָס אונטערערדישע פייער האָט אַזוי שטאַרק געכמאַליעט די פיס, אַז זיי האָבן מורא געהאַט פאַר א באַפרייונג, פאַר אַן אומקערן זיך פון די אַרעסטאַנטן אַהיים. וואו זיי וועלן שוין בלייבן אָן א וואַך. און זיי האָבן מיר דעמאָלט אונטערגעזאָגט א באַשלוס, וואָס קלינגט היינט ווי א ביטערע ליצנות: מ׳זאָל זיי אַלעמען אַריבערפירן אין געפענגעניש צוריק, נישט אין פעטראָפּאַחלאָווער פעסטונג, וואָס האָט שוין געהאַט אַן אייגענעם פאַחלאָוון, נאָר אין „קרעסטי“. דאָס איז די באַרימטע פעטערבורגער טורמע, וואָס דורך אירע גאַסט-פריינטלעכע ווענט זענען דורכגעגאַנגען צענדליקער טויזנטער פאָליטישע געפאַנגענע, און וועלכע איז געווען איצט פון איינעווייניק

---

שטופנוויז צו באַפרייען פון טורמע. זיי אַלע זענען געווען אויך דאָרטן אונטער א שמירה.

געשיצט דורך אן ארבעטער-קאָמיסיע. די קאָמיסיעס, אויף וועלכע ס'וואָלט זיך געלוינט אָפּצושטעלן באַזונדער, זענען געווען איינגעריכט מיט אַ ספּעציעלן צוועק: נישט צו דערלאָזן קיין איבערפּילונג פון די געפּענגנישן, פון איינעווייניק שטענדיק צו רעוידירן די אַרעסטאַנטן-ליסטעס און צו זיין אַן אויג פון יוסטיץ-קאָמיסאַריאַט קעגן די ווילקיר-אַקטן פון דער טשעקאַ. די קאָמיסיעס, אין וועלכע עס זענען אַריינגעגאַנגען צו דריי ערנסטע אַרבעטער, האָבן אין אַ קורצער צייט זיך דערוואָרבן דעם גרעסטן צוטרוי פון די אַרעסטירטע. און אויך די פיר מיניסטאָרן האָבן נישט געוואָלט קיין בעסערן מקום מקלט ווי ביים חבר סמירנאָוון אין „קרעסטי".

לענינען האָב איך געפונען, כאָטש עס זענען אַריבער מער ווי אַ פּאָר שעה, אין אַ האַלב-געדריקטער שטימונג. ער פלעגט געוויינלעך זייער ווייניק אַרויסווייזן פאַר זייטיקע מענטשן זיינע געפילן. איך ווייס נישט ווי ער פלעגט זיך פירן אין זיין קדשי-קדשים, אין צענטראַל-קאָמיטעט פון זיין פּאַרטיי. אין פאַרהאַנדלונגען אָבער מיט פרעמדע מענטשן, ווי אין ראַט פון די פאָלקס-קאָמיסאַרן, איז ער געווען אַן איינפאַכע, נישט געקינסטלטע פאַרקערפערונג פון אויסערלעכער רו און זעלבסט-צוטרוי. דאָס מאָל אָבער האָב איך געזען, אַז די אויפרעגונג פון די ערשטע מינוטן נאָך דער שרעקלעכער בשורה האָט נאָך געציטערט אין זיין באַנעמען. איך האָב דאָס באַזונדערס פאַרשטאַנען פון איין קליינעם פאַקט, מיט וועלכן ער האָט מיך מקבל פּנים געווען. נישט רעדנדיק קיין ווערטער, האָט ער מיר אונטערגערוקט אויפן טיש אַן אָפּגעקלאַפּט אויף דער מאַשין פּאַפּיר צו אַלע מלוכה-אָרגאַנען וועגן אַ שטרענגער אונטערזוכונג פון דעם פאַרברעכן און אַרעסט פון די שולדיקע מאַטראָסן. דאָס אויפפאַלנדסטע אין דעם פּאַפּיר איז אָבער געווען נישט דער אינהאַלט, נאָר די צוזאַמענשטעלונג פון די אונטערשריפטן: ס'איז געשטאַנען דער אונטערשריפט פון דעם פאָרזיצער פון ראַט פון די פאָלקס-קאָמיסאַרן און ס'איז געבליבן אַן אָרט פאַר דעם יוסטיץ-קאָמיסאַר. געוויינלעך האָט לענין געהאַלטן, אַז זיין אייגענע חתימה איז גענוג פאַר יעדער מלוכה-

האַנדלונג און האָט באַזונדערס אויסגעמיטן די התימה פון דער יוסטיץ, וועלכע פלעגט דערמיט אריינטראָגן עפעס אַ ריח פון דעם בירגערלעכן פּאַרלאַמענטאַריזם. על אחת כמה וכמה האָט ער געמוזט אויסמיידן די לינקע עס-ערישע יוסטיץ, וואָס האָט געפירט אַן אייגענע פּאָליטיק אין הלכות רעפּרעסיע און איז שוין באַקאַנט געווען דורך איר ווייכער האַנט צו די „קאָנטר-רעוואָלוציאָנערן". אָבער טאַקע דערפאַר האָט ער איצט, אין אויפרעגנדן מאָמענט, ווען — ער האָט עס פאַרשטאַנען! — די בירגערלעכע און רעכט-סאָציאַליסטישע קרייזן האָבן געקריגן דורך דער רציחה בלוטיק וואַסער אויף זייערע פּאָליטישע מילן, האָט ער געוואָלט אַרויסרוקן פאָרויס די ווייכערע, די צוגעלאָזטערע העלפט פון דער רעגירונג. נישט איין מאָל, אויך שפּעטער האָט עס געטון די באָלשעוויסטישע רעגירונג, ווען זי איז שוין געבליבן פאַר זיך אַליין אָן די פּאַר אויגן פון די לינקע עס-ערן. ווען מען האָט געדאַרפט באַרויקן דעם עולם, ווען מען עס האָט דערעסן די תקיפע האַנט פון לעבינען און טראָצקין, פלעגט מען רופן דעם זיסן מליץ-יושר לונאַטשאַר-סקין, די הייסע הענטשקעס פון קאָמעניעוון, אָדער דעם כבוד פּה קאַלענינען...

לענין האָט אַ פּאָר מאָל מיר אונטערגערוקט דאָס פּאַפּירל און מיר האָבן געגומען באַטראַכטן דאָס מיטל ווי צו געפינען די מערדער. אַז מ'מוז זיי געפינען און אויפן שטרענגסטן אופן באַשטראָפן — דערין איז נישט געווען קיין צווייפל, נישט ביי לענינען, נישט ביי זיין פּאַרטרוילעכן העלפער און משרת — בייבאָנטש-ברויעוויטשן, דער באַקאַנטער אויספאָרשער פון די רוסישע סעקטאַנטן, אַן אַלטער באָלשעוויק און אַ ברודער פון דעם איינציקן שטאַבס-אָפיציר, וואָס איז דעמאָלט צוגעשטאַנען צו אונז. באָנטש-ברויעוויטש, איז געווען דער היפוך פון פרצס העלד — באָנטשע-שוויג. אַ דיק-לייביקער, אַ לעבנס-פריידיקער, אַ קלוגיטשקער מענטש, האָט ער מיט הנאה געבאָדן זיך אין דער מהומה פון סמאָלני, אין דעם קאָך און דעם זוד פון אָקטאָבער — און האָט פאַרשאָטן די וועלט מיט דבורים. לענינען איז ער — דער סעקרעטאַר פון דער רעגירונג — געווען איבערגעגעבן מיט לייב

און לעבן*). אז מ׳דאַרף אַרויסרופן אהער דיבענקאָן, דעם מאַ־רינע־און מאַטראָסן־קאָמאַנדיר, ער זאָל אונז העלפן געפינען די מערדער, איז געווען קלאָר אויך לענינען: מ׳האָט אים טאַקע שוין אַרויסגערופן. און מיט באָנטש־ברויעוויטשן האָבן מיר צוזאַ־מענגעשטעלט אַ דרינגלעכן טעלעפאָנאָגראַם צו אַלע רעגירונגס־אַנשטאַלטן אין שטאָט און גובערניע, מ׳זאָל „אויפהייבן אַלעמען אויף די פיס״ און געפינען די רוצחים. און אַלע צוויי שעה זאָל מען געבן ידיעות דעריבער אין סמאָלני. באָנטשן איז אָבער איינגעפאַלן נאָך אַ בעסערער געדאַנק, וואָס באַווייזט ווי ענג מיר זענען דעמאָלט געווען פאַרבונדן מיטן אַרבעטער־פאָלק אין פעטערבורג. דער זעלבער טעלעפאָנאָגראַם האָט זיך געווענדט אויך צו די באַצירקס־קאָמיטעטן פון די ביידע דעמאָלט הערשנדע פּאַר־טייען: פון די באָלשעוויקעס און די לינקע עס־ערן. — מ׳האָט זיי געבעטן אויסצוקלויבן תיכף פון יעדן באַצירק אַ גרופּע חברים, וואָס זאָלן זיך אַרונטערלאָזן אין דעם ברויזנדיקן פּעטערבורגער פאָלקס־ים און אַרויסגעפינען אין אים די פאַרברע־כער. און אַזוי איז געשען. אין אַ שעה אַרום שוין, בשעת ס׳איז נאָך גאָרנישט געווען קיין אָנהייב פון אַ געריכטלעכער אויספאָר־שונג, האָבן זיך צענדליקער חברים געלאָזט אויפן וועג און מיט אימפּעט געזוכט...

געקומען דיבענקאָ, דער העלד פון אָקטאָבער, דער פירער פון די באַלטישע מאַטראָסן, וואָס האָבן איינגעוואָרפן דאָס לופט־ביידל פון קערענסקיס רעגירונג. אַ הויכער, אַ ברייטער, אַ שוואַרצער, מיט ברענענדיקע אויגן, מיט אַ רויק געמיט האָט ער אויסגעהערט אונזער ידיעה און נישט נשתומם געוואָרן. „גוט, — האָט ער געלאַסן געזאָגט — איך וועל באַלד אָנשרייבן

---

*) ס׳פאַרשטייט זיך, אז אויך פאַר דעם בעזונטן און אומפאַראַנטוואָרט־לעכן בעל־גוף איז געקומען די שעה, אז מען האָט אים געמוזט חושד זיין אין אַלערליי מעשים טובים, און דער לייב־חבר האָט זיך געמוזט זוכן אַן אַנדערע מלאכה, ווי שטיין ביי די פיסלעך פון טראָן.

אַן אויפרוף צו די מאַטראָסן, אַז זיי זאָלן דאָס מער נישט טון און אַז די פאַרברעכער זאָלן זיך אַליין שטעלן צום געריכט". זיין שטים איז געווען רויק און אין די אויגן האָט געבלאַנדזשעט אַ פייערל.

„אוודאי וועלן זיי האַלטן — האָט ער מוסיף געווען — אַז דאָס איז געווען אַן אַקט פון פּאָליטישן טעראָר". דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל דערהערט, אַז מ׳קאָן די העסלעכע רציחה אויף אַזאַ אופן פּאָליטיש פאַרקליידן. וואו איז דאָס וואונדער, אַז דער זעלבער דיבענקאָ, וואָס איז איצט מיט הכנעה געשטאַנען פאַר לענינען, האָט שפּעטער נישט איין מאָל געביטן זיין פּאָליטיש פּנים? אין צוויי חדשים אַרום ווערט ער — צוליב דעם ברעסטער שלום — אַ שונא פון לענינס אויסווייכונגס-טאַקטיק, גייט ער אין מלחמה קעגן די דייטשן, ווערט ער אויסגעשלאָסן פון פּאַרטיי און וועט צוליב זיין עזות אַרעסטירט ווערן אין סאַמע ראַטן-קאָנגרעס. ער וועט שטיין אין דריי חדשים אַרום פאַר אַ רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל, און אַז די אַרבעטער-ריכטער וועלן אים פרייזאָגן, וועט ער זיך נאָך אַרומטראָגן מיטן געדאַנק פון אַ געוואַלטשטורץ פון דער רעגירונג. און אין דריי יאָר אַרום, אַז מ׳האָט שוין ווידער אַריינגענומען אים אין פּאַרטיי און אַרמיי, וועט ער — דער היינטיקער פאָטער פון די מאַטראָסן — מיט פייער און בלוט גיין איינעמען דעם ווידערשפּעניקן קראָנשטאַט. היינט אָבער — אין יאַנואַר פון אַכצענטן יאָר — שטייט ער מיט אַ רויקער מינע אין לענינס קאַבינעט.

ער איז אַרויס און האָט אָנגעשריבן דעם אויפרוף, און מ׳ר האָבן באַשלאָסן זאַלבעפערט — ער, באָנטש, איך און אַ פאַרטרעטער פון אַ מאַטראָסן-אָרגאַניזאַציע — פאָרן אין קראַנקן-הויז מאַכן די ערשטע אויספאָרשונג אויפן אָרט און שטעלע. ס׳איז געווען מערקווירדיק. די ערשטע טריט שוין האָבן אונז אויפגעדעקט דאָס גאַנצע בילד פון פאַרברעכן. בשעת מיר האָבן גענומען פונאַנדערפרעגן דאָס פערסאָנאַל, ווי האָבן די מערדער געקאָנט אַריינגיין אין די צימערן, וואָס זענען געווען געשיצט פון דער וואַך, האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז קיין פרעמדע מענטשן

האָט די דינערשאַפט גאָרנישט געזען, אויסער דער וואַך. ס'זענען געקומען דריי מענטשן מיט פּאַפּירן, מיליטעריש געקליידט, און זיי האָבן אַרויסגעשיקט די שמירה, וואָס איז געשטאַנען פון טאָג, זינט מ'האָט די מיניסטאָרן געבראַכט. מיר האָבן ערשט שפּעטער פאַרשטאַנען, אַז די רוצחים זענען געווען די דריי. „צי קאָנט איר באַשרייבן די מענטשן?"

אין דעם מאָמענט האָט זיך אַ טיר שטיל געעפנט און אין טיפן טרויער איז שינגאַרעוס שוועסטער אריין. ווי עפּעס אַ קראַמף וואָלט אונז אַ שטופּ געטון, מיר אַלע האָבן זיך אויפגעהויבן פון די ערטער און אַן ווערטער געשטאַנען. איך האָב נישט געזען די געזיכטער, אָבער אַ טיפער בזיון פאַר די קרבנות האָט אונז אַלעמען געפּייניקט. „אָט האָבן מיר זיי טאַקע באַפרייט" — האָט זי מיט אַ ביטערן שמייכל געזאָגט און געבליבן דאָ שטיין. אין אַ ווײַלע אַרום האָבן מיר אויפגעהויבן די אויגן און ווייטער געפרעגט דעם דינער: צי קאָנט איר באַשרייבן די דריי? — ער האָט אַ ביסל געטראַכט, געמאַטערט דעם זכרון און מיט שוועריקייט געזאָגט: „די פּנימער זייערע געדענק איך נישט, נאָר איינער פון זיי האָט געדאַרפט זיין אַן עסטאָנעץ, ביי איינעם איז געווען אַ מאַטראָסקע היטל מיט אַ בענדל, און זייער פירער האָט געהאַט אויף זיך אַ האָריק היטל, ווי אַ פּאַפּאַכע". פון ווינקל פון צימער האָבן מיר דערהערט אַ ציטעריקע שטימע. פרוי שינגאַרעוו איז אויפגערעגט געגאַנגען צום דינער.

— דאָס היטל זיינס איז געווען מיט לעדער? די לעדער צעלייגט? ער איז אַ הויכער?

— יאָ, יאָ, — האָט געענטפערט דער דינער.

— נו, איצט איז דאָך קלאָר, — האָט זי פאַרענדיקט — דאָס איז דאָך דער זעלבער, וואָס האָט זיי אויך פון פעסטונג אַהערגעפירט ביי טאָג!...

מיר האָבן שוין אַלע פאַרשטאַנען; מיר האָבן געזען די פאַרברעכער, מיר האָבן געפונען דעם וועג צו זיי. די זעלבע מענטשן, וואָס האָבן געדינט נעכטן אַלס אַ וואַך ביים אַריבערפירן, האָבן באַשלאָסן זיי אומצוברענגען און האָבן דאָס אויך

מקיים געווען. מ'דאַרף זיך איצט נעמען פאַר דעם מיליץ-קאָמי-סאַריאַט. עפּעס מיט אַ געפיל פון באַפרידיקונג — און דאָס גע-פיל האָב איך צום דערשטוינען באַמערקט אויך ביי פרוי שינ-גאַרעוון — זענען מיר אַרויס אין דעם הויף. דער הויף, שוואַרץ פון מענטשן, האָט אונז אָבער גלייך געגעבן צו פילן, אַז אונזער ריטערלעכע באַפרידיקונג האָט קיין ווערט נישט פאַר דעם דער-שיטערטן פּאָליטישן און מענטשלעכן געמיט, וואָס איז געקומען זעען די הרוגים.

„רוצחים! געוואַלט-טוער! דיקטאַטאָרס!" מיט אַזעלכע גע-שרייען האָט מען אונז אויפגענומען. און צו דער גאַס זענען מיר געגאַנגען צווישן צוויי ווענט פון שנאה, כעס און נקמה-שפּריצנדע אויגן. שטאַרק איז דער מענטש און זיין רצון, ווען ער ווערט נישט פאַרברענט פון אַזעלכע בליקן! אויך ביי באַנטשן און די-בענקאָן איז געווען אַ פאַרלוירענער שמייכל אויפן געזיכט. דאָ אויפן וועג האָט מען אונז געפרעגט, צי מיר ווילן אין דער אונטערזוכונגס-קאָמיסיע אַריינעמען אַ פאַרטרעטער פון דער נישט-סאָוויעטישער געזעלשאַפט. מיר האָבן געענטפערט, אַז יאָ, און שוין נאָכמיטאָג האָט מיט אונז צוזאַמען אין סמאָלני גע-בעט דער אַדוואָקאַט מאַגיליאַנסקי.

אין סמאָלני, אַז מיר זענען געקומען צוריק מיט אונזערע ידיעות, האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז אין אַלע עקן פון שטאָט אַרבעטן שוין די פּאַרטיי-חברים, וואָס מיר האָבן מאָביליזירט, און אַז אַ טייל פון די שולדיקע האָט מען געפונען. און אַז דער פריער ווינטערדיקער אָוונט איז צוגעפאַלן און איך בין אַריין אין צי-מער 40 פון סמאָלני, אויפן פערטן שטאָק, וואו ס'האָט געדאַרפט זיך צוזאַמענטרעפן אונזער קאָמיסיע מיט די חברים פון די ראַ-יאָנען, האָב איך דערזעען אַ מערקווירדיק בילד. דאָס איז געווען דאָס זעלבע צימער, וואו מיט אַ פּאָר טעג פריער האָט אוריצקי געמאַכט אַ שטרענגן פאַרהער דעם געוועזענעם רוסישן נאַטשעלניק, מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטש. אָבער אויב דעמאָלט איז אויף דעם צימער געווען אויסגעגאָסן עפּעס ווי אַן אידילישע שטילקייט און נאָר די מיליטערישע וואַך האָט עדות געזאָגט אויף דעם כאַראַקטער

פון שמועס, וואָס מ'האָט דאָ געפירט, האָט איצט דאָס צימער געהאַט אַ צערודערטן און אַ געדריקטן כאַראַקטער. עס איז פול געווען מיט מענטשן. זיי זענען געשטאַנען אין אַלע ווינקלעך מיט אָנגעשטרענגטע פּנימער. אַ טייל פון זיי, כמעט אַלע אין סאָלדאַטסקע שינעלן, כמעט אַלע צווישן זיך גלייך, זענען געזעסן אַרום אַ לאַנגן קיילעכדיקן טיש*). דורך דער געשטיקטער לופט און די פינסטערלעך שיינענדע עלעקטרישע לעמפּעלעך, האָב איך בּענומען דערקענען געזיכטער. פון איין זייט פון טיש זענען פאַרמאַטערטע און מיט שווייס אויף די שטערנס, אָבער צופרידן געזעסן אַ פּאָר מאַטראָסן. פון אונזער קאָמיסיע, דאַכט זיך, דיבּצנקאָ, באָנטש-ברויעוויטש און מאָגיליאַנסקי. פון דער אַנדערער זייט זענען זעזעסן אין אַ לאַנגער רייע מענטשן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ אָדער פאַרשטערטע געזיכטער. הינטער זייערע רוקנס האָבּן אין דער געדיכטער לופט-טונקל געגלאַנצט די שטיקעס פון דער אָכראַנע. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די אומעטיקע מענטשן, דאָס זענען די אמתע אָדער מעגלעכע פאַרברעכער, וואָס מ'האָט צוזאַמענגעקליבן פון שטאָט. איינער פון דער קאָמיסיע האָט אַ שעפּטשע געטון, אַז אַ האַלבע אַרבעט איז שוין אָפּגעטון, אַז אַ העלפט פון די אַרעסטירטע האָט זיך מודה געווען און אַז די חברים פון די ראַיאָנען (דאָס זענען זיי איצט געשטאַנען ביי דער וואַנט פון צימער) האָבּן אַממיינסטן געהאָלפן ביי דעם שעהן-לאַנגן פאַרהער פון די געבּראַכטע. געבּראַכט זענען אָבער געווען אַלע קאָנוואָינע, וואָס האָבּן אַריבּערגעפירט די מיניסטאָרן פון פעסטונג אין קראַנקן-הויז, אַלע רויט-גוואַרדייער, וואָס זענען אין יענער נאַכט געווען אויף דער וואַך ביי די קראַנקע, און די צוויי מיליץ-קאָמיסאַרן, וואָס האָבּן דעם קאָנוואָי צוזאַמענגעשטעלט. אמת, מאַטראָסן זענען צווישן זיי נישט געווען, אָבער דער מענטש, וואָס האָט זיי צו דעם מקום-רציחה געבּראַכט, דער מענטש מיט

---

*) מ'האָט בעקאַנט מיינען, אַז דאָ קומט פּאָר עפּעס אַ זיצונג פון סאָוויעט-דעליגירטע.

דעם משונהדיקן היטל, איז געשטאַנען פאַר אונז. זיין נאָמען איז געווען באַוואוסט, דאָס בילד פון פאַרברעכן איז שוין געווען קלאָר.

די ביידע מיליץ-קאָמיסאַרן מיכאַילאָוו און קוליקאָוו האָבן, לויט דעם באַפעל פון יוסטיץ-קאָמיסאַריאַט, געבילדעט דעם קאָנוואָי פון פיר רויט-גוואַרדייער מיט באַסאָוון בראש. זיבן אַ זייגער אין אָוונט האָבן זיי שינגאַרעוון און קאָקאָשקינען צוגעשטעלט אין קראַנקן-הויז, אָבער שוין אונטערוועגנס איז צווישן די סאָלדאַטן פון קאָנוואָי געווען אַ שמועס, אַז אייגנטלעך האָט מען די מיניסטאָרן געדאַרפט אַריינוואַרפן אין טייך און נישט פירן אין שפּיטאָל, און אַז באַסאָוו איז געקומען צוריק אין מיליץ, האָט דער קאָמיסאַר קוליקאָוו אים געזידלט: „ביסט אַ גאָרנישט, נישט קיין סאָלדאַט — נישט געקאָנט פּטור ווערן פון זיי!“ און שוין איצט האָט קוליקאָוו גענומען זאָרגן וועגן דעם, אַז אויף דער וואַך ביי די מיניסטאָרן זאָלן שטיין מאַטראָסן און נישט רויט-גוואַרדייער. שפּעטער האָט אויך קוליקאָוו צוגעפירט באַסאָוון מיט אַ גרופּע מאַטראָסן, וואָס זענען איינס אַ זייגער ביינאַכט זאַלבעצענט אָדער מער געקומען צום קראַנקן-הויז. צום שווייצאַר האָבן זיי געזאָגט: „דאָ זענען די אַרעסטירטע מיניסטאָרן. מיר זענען געקומען בייטן די וואַך“. אַז זיי זענען אַרויף אויבן האָבן זיי די רויט-גוואַרדייער געהייסן אַוועקגיין און געשטעלט זיך אויף זייער אָרט. ווייטער האָט באַסאָוו דערציילט: שינגאַרעוון האָט געוואָרגן און דערנאָך דערשאָסן דער דיקער עסטאָנעץ... קאָקאָשקינען האָט מען נישט געוואָרגן, מען האָט אים געפונען זיצנדיק אויפן בעט און די מאַטראָסן האָבן אין אים געשאָסן... בשעת דעם שיסן האָבן זיי געזאָגט: „דאָס קומט אייך פאַר 1905 יאָר. גענוג האָט איר אונזער בלוט געזאָפּט“... באַסאָוו אַליין האָט בשעת דעם מאָרד באַלויכטן דאָס צימער מיט אַ לאָמפּ, וואָס ער האָט ביי דער קראַנקן-שוועסטער גענומען... געפירט דאָס גאַנצע געשעפט האָט איינער אַ דיקער מאַטראָס. נאָך דער רציחה האָט אַ מאַטראָס באַסאָוון געגעבן אַ לעדערנע טוזשורקע, וואָס ער האָט פון שינגאַרעווס צימער געבראַכט... ביי איינעם פון די מאַטראָסן איז אויפן היטל געווען אָנגעשריבן „טשע-

סאַ"... אַז אַלע זענען געגאַנגען צוריק אין באַסאַוו האָט געזאָגט, אַז ער האָט מורא, האָבן אים די מאַטראָסן געענטפערט: נישקשה, מיר וועלן דיך שיצן. אַז ער האָט שפּעטער דערציילט קוליקאָוון, ווי דער מאָרד איז געשען, האָט ער געזאָגט: „זיי האָבן דאָס ערלעך פאַרדינט...״

אין צימער האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. מענטשן האָבן זיך געשעמט אין די אויגן צו קוקן. ביי אַנדערע זענען שאָטנס פון צאָרן געלעגן איבערן פּנים. אָט דאָס איז די רעוואָלוציע און דאָס איז איר שכר!... אַזוי נידעריק קאָן זי פאַלן אין אירע בייזע פאַרטרעטער. דער אומעט און דער בזיון האָט אַרומגעכאַפּט אויך זיי, די רוצחים און זייערע משרתים, די אַלע, וואָס האָבן געטון, און די, וואָס האָבן געוואוסט און געשוויגן. קיין איינער האָט נישט געפּרוווט רעדן פון פּאָליטישן טעראָר, פון וועלכע ס'איז טעמים. אַלע זענען דאָ געשטאַנען — די פאַרברעכער, די ריכטער, די וואַך — זיי אַלע זענען געווען גלייכע קינדער פון פאָלק, פון דעם געקנעכטעטן און היינט הערשנדן פאָלק, און אין זייערע אויגן האָט געציטערט דער עכטער פאַרדראָס פון געפייניקטע מענטשן, דאָס הייסט, האַרציקע מיטגעפיל צו דערמאָרדעטע מענטשן, וואָס האָבן געהערט צו זייערע קלאַסן-פיינט אין דער רעוואָלוציע. זיי האָבן איצט אַלע באַשיינפּערלעך געזען, ווי צוויי קראַנקע, געדריקטע, פּאָליטיש באַזיגטע עלטערע מענטשן, וואָס האָבן ערשט זיך אַרויסגעריסן פון דומפּן געפענגניש, וואָס האָבן געהאַפּט אויף אַ מנוחה, וואָס האָבן געטרויט דער שמירה פון דער ראַטן-מלוכה — האָט מען דאָרטן אין דער נאַכט, פאַרלאָזט פון שוץ, זאַלבעצוועלט געוואָרגן, געשטיקט און דערשאָסן... און אויך זיי — די נעכטיקע חיות — האָבן היינט דאָס פאַרשטאַנען אונטער דעם שווייגנדיקן דרוק פון די אויגן פון זייערע חברים. די אכזריות און די פּאָליטישע טעמפּקייט איז ערשט דאָ געוואָרן בולט פאַר זיי. אין דער שטילקייט אַרום האָט מען געקאָנט מיינען, אַז די נשמה פון אַלע די האַרטע און שטעכיקע מענטשן, פון דער רעוואָלוציע אַליין איז געלייטערט געוואָרן, . . . אָט אַזאַ מין געפיל און פאַרשטענדניש

דאַרפֿן מיר ברענגען אין טריבונאַל, וואו דאָס פֿאָלק וועט משפּטן אָט די פֿאַרברעכער קעגן זיין ערד, קעגן זיין גערעכטי־קייט־געפֿיל.

...שפּעטער האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער דיקער מאַטראָס האָט געהייסן קרייס, און דער אַנדערער, וואָס האָט גע־מאָרדעט — מאַטוועיעוו. ביידע האָבן זיי געהערט צום עקיפּאַזש פֿון דער שיף „טשאַיקאַ". עס האָט זיך נאָך מער אַרויסגעשטעלט: שוין נאָך דער רציחה, אויף מאָרגן איז קרייס געווען אין קאָמי־סאַריאַט, און מיכאַילאָוו האָט מיט אים גערעדט און אים נישט פֿאַרהאַלטן. ס'איז פֿון דער קאָמיסיע און פֿון פֿאָלקס־קאָמיסאַריאַט פֿון יוסטיץ באַשלאָסן געוואָרן פֿאַר דעם געריכט פֿון טריבונאַל — אין וועלכן עס וועלן אויסער אַרבעטער נעמען אָנטייל אויך צוויי מאַטראָסן — צו רודפֿן קרייסן, מאַטוועיעוון, באַסאָוון, קוליקאָוון, מיכאַילאָוון, די פֿאַר רויט־גוואַרדייער, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער וואַך אין דער בלוטיקער נאַכט.

אָבער דאָ הייבט זיך אָן די לעצטע פֿאַזע פֿון דער טראַ־געדיע, אפֿשר די נישט ווייניקער טראַגישע. יענער און יענע, וואָס האָבן געהאָלפֿן געבן דעם ערשטן אָנשטויס צו דער אויפֿריכטיקער ליקווידאַציע פֿון פֿאַרברעכן, האָבן חרטה געקריגן אָדער פּשוט איבערגעטראַכט. לענין און זיינע מקורבים האָבן שוין נישט צוגע־געבן מער קיין וויכטיקייט דעם גאַנצן ענין און באַזונדערס נישט געהאַלטן פֿאַר נייטיק האָבן קאָנפֿליקטן צוליב אים. סכסוכים זענען אָבער געוואָרן אומפֿאַרמיידלעך, ווייל מ'האָט אַריינגעזעצט די באַ־סאָווס און קוליקאָווס, אָבער מ'האָט נישט געהאַט קרייסן און מאַט־וועיעוון. נישט דער אויפֿרוף דיבענקאָס, נישט דער באַפֿעל פֿון דער אויספֿאָרשונגס־קאָמיסיע האָט נישט געווירקט אויף זיי ביידן, זיי זאָלן זיך פֿרייוויליק שטעלן צום געריכט פֿון פֿאָלק. אָבער אויך די גרויסע אַנאָנימע מאַטראָסן־מאַסע, צו וועלכער די ראַטן־אָרגאַנען האָבן אַפּעלירט, האָט זיך נישט אָפּגערופֿן, האָט געשוויגן. מיר האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז דער עקיפּאַזש פֿון „טשאַיקאַ" באַהאַלט פּשוט די צוויי מאַטראָסן. אָבער אָן זיי האָבן מיר נישט געוואָלט אָנהייבן דעם פּראָצעס, דאָס וואָלט הייסן פֿאַרשוועכן די רעוואָלו־

ציאָנער-מאָראַלישע באַדייטונג פון אים און דערצו נאָך אונטערשטרייכן די מאַכטלאָזיקייט פון דער ראַטן-רעגירונג.

דאַן האָב איך אויפגעהויבן די פראַגע אין ראַט פון די פאָלקס-קאָמיסאַרן. דערויף האָט לענין קאַלטבלוטיק, ווי זיין שטייגער איז געווען, מיט א לייכט-שימערירנד לצנות-פייערל אין די אויגן, דערלאַנגט אונז אַ פּאָר פּאַפּירן, וואָס האָבן גענומען גיין פון האַנט צו האַנט צווישן די קאָמיסאַרן אין דער גאַנצער לענג פון די ביידע טישן, ביי וועלכע זיי אַלע זענען געזעסן. א סך פון די באָלשעוויקעס האָבן אויף אונז, די לינקע עס-ערן, געקוקט מיט פיל-ווייסנדע אויגן. די פּאַפּירן זענען געווען טעלעגראַמעס פון מאַטראָסן-קאָמאַנדעס פון קלענערע קריגס-שיפן, וואָס זענען געשטאַנען אין רעוועל אָדער אין פינלאַנד. אין האַרבע דבורים האָבן זיי געגעבן לענינען צו וויסן, אַז זיי וועלן נישט דערלאָזן דעם פּראָצעס, וואָס מען גרייט צו. אַז זיי באַטראַכטן דעם מאָרד פון די קאַדעטישע מיניסטאָרן אַלס א פּאָליטישן טעראָר, קעגן וועלכן א סאָוויעטישע רעגירונג טאָר נישט גיין, און אַזוי ווייטער. דיבענקאָס וואָרט קעגן טעראָר איז טאַקע דאָך אויסגעשוואומען! מיר האָבן דאָס דורכגעלייענט און אויפגעהויבן פאַרוואונדערט די אויגן. אָבער לענין האָט מיט א פאַרהאַלטענעם שמייכל געפרעגט און געענטפערט: „וואָס, מיר וועלן איצט גיין קעגן זיי?“... דאָס איז געווען א צייט, ווען מ'האָט געלעבט און געהאַלטן זיך אָן דעם חסד פון מאַטראָסן. ערשט א פּאָר טעג פריער האָט לענין געשפירט זייער פריינטשאַפט צו אים. דאָס איז געווען דעם 5-טן יאַנואַר, אין טאָג פון גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, אין טאַווערישן פּאַלאַץ. אין „מיניסטאָרן-פּאַוויליאָן“, וואָס איז געווען צען יאָר דאָס אָרט, וואו די צאַרישע מיניסטאָרן פלעגן זיך צונויפקומען איידער זיי פלעגן רעדן צום „פאָלק“ אין דער דומע, זענען דעם טאָג צונויפגעקומען זיך די פאָלקס-קאָמיסאַרן פון אָקטאָבער. אויף וואַך זענען דאָ, ווי אינם גאַנצן טאַווערישן פּאַלאַץ, געשטאַנען מאַטראָסן. זיי האָבן זייער אויפגאַבע גענומען ערנסט; הינטער זייערע שטורעם-באַהעגטע געזיכטער האָט מען געפילט סיי די איבערגעגעבנקייט אויף לעבן און טויט דער רעוואָלוציע, סיי זייער אומבאַרחמנותדיקן פאַרניכטונגס-ווילן

קענען אַלע אירע קעגנער. ס'זענען דאָך די זעלבע מאַטראָסן געווען, וואָס האָבן שפּעטער אין דריי יאָר אַרום אין קראָנשטאַט קעגן די באָלשעוויקעס מיט דעם זעלבן אימפּעט פאַרטיידיקט די רעוואָלוציע! בשעת אין גרויסן זאַל פון דעם פּאַלאַץ האָט זיך אָפּגעשפּילט די דראַמע פון דער דעמאָקראַטיע, איז אין מיניסטאָרן-פּאַוויליאָן געשען אַ קלייניקייט. לעני'נס מאַנטל איז געהאַנגען אויף אַ וואַנט. אין מאַנטל איז געלעגן זיין רעוואָלווער. איינער פון דער וואַך האָט דעם רעוואָלווער אַרויסגענומען און פאַר זיך צוגענומען. לענין האָט זיך שפּעטער צוריקגעקערט, האָט די אבדה באַמערקט. האָט דעם נאַטשאַלניק פון דער וואַך געזאָגט. יענער האָט פאַרביסן אַ ליפּ פון פאַרדראָס. און אינאָווענט, שפּעטער, אַז עס האָבן זיך דערנענטערט די גסיסה-שעהן פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, זענען מיר דערגאַנגען, אַז די מאַטראָסן-וואַך האָט געפונען דעם גנב פון רעוואָלווער. דאָס איז געווען איינער פון זיי — און זיי האָבן אים שוין דאָ גופא אין גאָרטן פון פּאַלאַץ דערשאָסן...

— מיר וועלן איצט גיין קעגן זיי? — האָט מיט אַ רויקן שמייכל געפרעגט לענין איצט ביי אונז.

— אוודאי, דאָס איז אונזער פליכט איצט... שפּעטער וועט זיין שווערער דעם בלוט-דורשט צו שטילן.

„דער טאַט איז אַ נידערטרעכטיקער. דאָס איז נישט קיין טעראָר... איך פאַרשטיי דאָס אַליין...*)" האָבן די לינקע עס-ערן די באָלשעוויסטישע קאָמיסאַרן געשטאָכן די אויגן.

זיי האָבן געשוויגן, ס'איז געווען זייער מנהג, ווי אין אַנדערע ווייכטיקע פראַגן.

געענטפערט האָט פאַר זיי לענין. „דאָס פאָלק אינטערעסירט זיך נישט מיט אַזעלכע זאַכן. פרעגט ביי אַן אַרבעטער אָדער פויער פון אונטן... ער האָט אפילו נישט געהערט דעם נאָמען פון שינגאַריאָוו... אין דער רעוואָלוציע האָט ער אַנדערע

*) דאָס פאָלק וועט נישט פאַרשטיין אונזער שווייגן... עס פאַרטראָגט נישט אַזעלכע פאַרברעכנס.

אָרגן. דאָס דאַכט זיך אונז נאָר, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פּאָליטיק, אַז דאָס איז וויכטיקער פון אַלץ...״

לענין האָט שוין פאַרגעסן דעם רושם, וואָס די רציחה האָט געמאַכט אויף אים אַליין דעם ערשטן פרימאָרגן... אויב נישט אַ סענטימענטאַלן רושם, טאָ דורך אַ פאַרשטענדניש פון פּאָליטישן שאָדן פון דער הריגה. אין די פאַרגאַנגענע טעג האָט ער שוין אָנגעקליבן אַנדערע איינדרוקן וועגן דעם געשעעניש. אפשר האָבן די מענטשן, וואָס ער האָט געטראָפן, זיך קאַלט באַצויגן צום ענין, און ער האָט באַשלאָסן זיך בעסער צו שטיצן אויף זיי, איידער לאָזן זיך אָננעמען פאַר „קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן״. דאָס קאָן אפשר חס ושלום אָפּשוואַכן די שטויס-קראַפט און די שנאה-געפילן פון דעם בירגער-קריג, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר וויכטיק. ער פלעגט אויך שפּעטער, נישט איינמאָל ביים פאַרטיידיקן דעם ליבן טעראָר, באַווייזן מיטן פינגער אויף זיי, אויף די מאַסן פון פויערים און אַרבעטער, וואָס שאַנעווען נישט דעם קלאַסן-שונא. ווי פאַלש דאָס איז געווען! אין צימער נומער 40, אויפן פערטן עטאַזש, בשעת מען האָט פאַרענדיקט דעם פאַרהער פון די רוצחים, האָבן מיר געהערט ווי די פליגלען פון פאָלקס-יושר האָבן צניעותדיק געפאָכעט און מענטשן האָבן געציטערט פון ווייטיק. דאָרטן האָט גערעדט דאָס געוויסן פון דער מאַסע, וואָס מען האָט אויף איר זיך געשטיצט. דאָ, אין פערטן עטאַזש, אין דער רעגירונג, האָט איצט געהערשט די קאַלטע נשמה פון מלוכה-חשבונות און טאָגענינים. דאָ האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז אין דעם רעש און געפילדער פון די גרויסע געשעענישן ווערט בטל אַ הריגה פון צוויי מענטשן. און איינרייסן צוליב זיי מיט מאַטראָסן — איז דאָס פּאָליטיש קלוג?

— מען טאָר נישט מוחל זיין די מאַטראָסן אַזעלכע פאַרברעכנס... און דווקא ווען זיי סטראַשען אונז מיט זייער כעס, טאָר מען זיי נישט מוחל זיין, — האָבן מיר ווייטער געקעמפט אין אויפרעגונג. — און זעט, איר וועט זיי אַזוי לאַנג שאַנעווען, ביז איר וועט פון זיי קריגן דעם טויט-קלאַפּ... זעט, אַז איר זאָלט נישט שטאַרבן פון דער האַנט פון מאַטראָסן.

לענין האָט געוואָלט מאַכן אַ סוף פון דער דעבאַטע. — „אייגנטלעך האָבן מיר זיך נישט דערמיט צו פאַרנעמען... דאָס איז אַ יוריסטישע פראַגע וועגן באַשטראָפן פאַרברעכער... לאָז דער פאָלקס־קאָמיסאַר פון יוסטיץ קריגן דיביידע מאַטראָסן, זאָל ער גיין אין מאַרסקאָי קאָרפּוס, וואו דער עקיפּאַזש פון „טשאַיקאַ“ לעבט, און ווירקן, אַז זיי זאָלן אַרויסגעבן יענע“...

די יוסטיץ האָט שוין דאָ ווידער אַמאָל געשפּילט אַ ראָלע פון אַ שטיף־קינד.

— גוט, — האָב איך געענטפערט — איך וועל דאָס טון... אָבער איך וועל מער טון... אַז די רייד מיינע וועלן נישט העלפן, מוז איך די מאַטראָסן באַווייזן, אַז מען שפּילט זיך נישט מיט אונז, אַזוי לאַנג ווי מיר זענען אויסגעשטעלט פון פאָלק... איך וויל, אַז ווען איך וועל מיט גאַרנישט אַוועקגיין פון זיי, זאָלן ביים קאָרפּוס שטיין פּולעמיאָטן. איך וועל דעם קאָרפּוס מיט אונזערע גוואַרדיסטן אַרומרינגלען, די פאַרברעכער מיט געוואַלט אַרויסנעמען... גיט איר מיר די פולמאַכט דערצו?...

די פולמאַכט האָט מען נישט געגעבן...

... דער פּראָצעס האָט זיך פאַרשלעפּט. מיר האָבן געמוזט פון די באַשולדיקונגס־אַקטן אויסטיילן דעם פּראָצעס פון קרייסן און מאַטוועיעוון, אָפּלייגן אים — הייסט עס — אויף גאָטס באַראָט*). אָבער אויך דעם פאַרשמעלערטן פּראָצעס האָבן מיר שוין נישט געאיילט זיך צוצושטעלן צום געריכט. פּסיכאָלאָגיש איז דאָס געווען פאַרשטענדלעך. אויך דער פאַרטרעטער פון דער אונז פיינטלעכער געזעלשאַפטלעכקייט, מאַגיליאַנסקי, האָט אונז נישט געשטופּט דערצו. עס זענען אָנגעפאַלן אויף אונז אַלעמען די שטורעמדיקע וואָכן פון דער דייטשישער אָפענסיווע אויף ראַטן־רוסלאַנד, אונזער קאַמף קעגן דעם בריסקער שלום און אונזער אַרויסגיין פון דער רעגירונג.

---

*) מיר האָבן געמוזט באַשטימען נאָר דעם פּראָצעס פון באַסאָוון און זיינע מיטהעלפער. דער באַשולדיקונגס־אַקט איז שוין, געווען אויסגעאַרבעט פון יוסטיץ־קאָמיסאַריאַט.

יוסטיץ-קאָמיסאַר איז געוואָרן כטוטשקאַ, און גלייך האָבן מיר דערהערט, אַז באַסאָוון און די אַנדערע האָט מען פון געפענגעניש אַרויסגעלאָזט. דער פּראָצעס איז לגמרי בטל געוואָרן.

...ווי חידושדיק און לצנותדיק-גרויזאַם איז די געשיכטע. זי האָט געוואָלט אויפקומען אַ פּאָר קעגנער פון דער רעוואָלוציע, און וועמען האָט געטראָפן איר בלוטיקער כעס? קאַקאָשקינען און שינגאַרעוון, וואָס ביידע זענען געווען די אַמווייניקסטן בולטע קעגנער-געשטאַלטן. און ס'איז געווען נאָך מער. אין פּעטראָפּאַוו-לאָווער פעסטונג האָט דער זעלבער שינגאַרעוו געשריבן אַ טאָג-בוך. נאָכן טויט האָבן די פריינט זיינע פאַרעפנטלעכט עס. אין אים זענען געשטאַנען די ווערטער: „איך בין אַ קעגנער פון די באָל-שעוויקעס: איך האַלט זיי פאַר שונאים פון מיין פאָטערלאַנד. איך ווייס, אַז זיי וועלן ברענגען די גרעסטע ענוים דעם פאָלק... נאָר אויב מ'זאָל מיך פרעגן, צי איך האָב חרטה אויף דער רעוואָלוציע, זאָג איך, אַז נישט, — און וואָס ס'זאָל מיך פאַרזענלעך נישט דער-וואַרטן דאָ אין געפענגעניש, זאָג איך — אַז מ'זאָל מיך פרעגן, צי איך וויל נאָכאַמאָל איבערלעבן אונזער רעוואָלוציע, וועל איך ענטפערן: יאָ...“



**זיצונג פון ראַט פון די פאָלקס=קאָמיסאַרן אין סמאָלני, יאַנואַר 1918.**

פון לינקס צו רעכטס: שטיינבערג (לינקער ס. ר.), בריליאַנטאָוו אלעקסעיעוו (ל. ס. ר.), באָנטש=ברועוויטש, טרוטאָווסקי (ל. ס. ר.), שליאַפּניקאָוו, פּראָשיאַן (ל. ס. ר.), לענין, סטאַלין (שטייט), קאָלאָנטאַי, דיבענקאָ (שטייט), פּאָדוואָיסקי. דער ערשטער פון רעכטס טשיטשערין.

(פון דעם לענין=אינסטיטוט).

# דאָס אַכטע קאַפּיטל

## דאָס אַכטע קאַפּיטל

### פרוי שטשעגלאָוויטאָוו

דאָס איז געווען אין דעצעמבער פון יאָר 1917. אין פּעטראָגראַד בשעת די כוואַליעס פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָבן די מענטשן פאַרטרונקען ביז איבער די קעפּ. אין די טיפענישן פון פאָלק איז געגאַנגען דער גרויסער צעשטערונגס-פּראָצעס. מ׳האָט מיט ברען געאַרבעט אין די יונגע פאָלקס-קאָמיסאַריאַטן. און אין דער זעלבער צייט האָט די רעוואָלוציע געזוכט זיך צו באַוואָרענען פון אירע פאַרביסענע קעגנער און געמוזט די האַלטן אין געפענגעניש. מ׳האָט געהאַלטן נאָך פון קערענסקיס צייט אָן אין געפענגעניש די צאַרישע מיניסטאָרן, די מאַקלאַקאָווס, די סוכאָמלינאָווס, די שטשעגלאָוויטאָווס.

איך האָב נישט געהאַט דעמאָלט קיין צייט און קיין מעגלעכקייט טיף אַריינצוטראַכטן זיך אין היסטאָרישע סימבאָלן. ס׳איז אָבער כדאי אויף דערויף זיך אָפּצושטעלן היינט. אין דעם אומענדלעך גרויסן און שווערן מיניסטאָרן קאַבינעט פון שטשעגלאָוויטאָוון איז אויסגעקומען צו אַרבעטן מיר אַלס פאָלקס-קאָמיסאַר פאַר יוסטיץ. אָט דאָ, אין דעם זעלבן צימער, וואו יעדע זאַך

האָט מיט איר מצכיוויטעט און געהיכט געזאָגט עדות וועגן דער מעכטיקער פאַרגאַנגענהייט פון דער צאַרישער מלוכה, וואו מ'האָט דורות-לאַנג געשמידט קייטן פאַר יעדן פרייען געדאַנק, און וואו דער שאַרפער יוריסטישער קאָפּ פון שטשעגלאָוויטאָוו האָט אויסגעאַרבעט די מ'ייוולשע שפּיל פון בייליס-פּראָצעס — איז איצט געזעסן אַ י י ד. דער ייד איז געזעסן נישט ווי אַן אורח, וואָס די שפּאַסיקע לוינע פון דער געשיכטע האָט אים אַריינגעוואָרפן אין דעם פּאַלאַץ. ער איז געזעסן און געאַרבעט מיט דעם פולן באַוואוסטזיין פון אַ נייער וועלט-תקופה, וואָס קאָן זיך נישט ענדערן מער, און ס'איז טאַקע געווען אַ היסטאָרישער יושר דערין, וואָס דווקא אַ ייד איז געקומען אויסצוּרוימען די פאַלשקייט און אכזריות פון פריער, אַרויסצוטרייבן די משרתים און יוצר-משרתים פון דער פאַרפעסטעטער ביוראָקראַטיע. אָט טאַקע דאָ האָט מען געשאַפן די „איגנאַטיעווסקע פּראַווילעס". דאָ האָט מען אויסגעאַרבעט אָדער פאָרמולירט די געזעצן וועגן „משערטאַ" און וועגן „פּראַצענט נאָרמאַ"; אָט דאָ האָבן די יועצי משפט בשעת דער מלחמה צוגעגרייט די טויט-אורטיילן פאַר די יידן אין פּראָצעס פון שפּיאָן מיאַסאָיעדאָוו. די ווענט פון דעם קאַבינעט האָבן געשריגן מיט יידישע קרעכצן; די שטומע פּאַפּירן אַרום זענען געווען אָנגעזאַפּט מיט יידישע טרערן, און זאָלן זיי, די פריערע מושלים, די מיניסטאָרן, וואָס זענען געווען אין אונזערע הענט, די פּראָקוראָרן, וואָס פלעגן דערנידעריקט קומען „אויף פּריאָם", איצט דערפילן די שווערקייט פון אונזער ליידן און אונזער נקמה...

ס'איז אָבער נ י ש ט געווען קיין נקמה-געפילן ביי אונז.

אין איינעם פון די פינסטערע ווינטערדיקע טעג האָט מען מיך אַרויסגערופן אין צימער פון די פּריאָמען. בשעת איך בין אַריין, האָב איך דערזען ווי אין דער האַלב-טונקעלער ווייטקייט פון צימער האָט זיך אויפגעהויבן מיר אַנטקעגן אַ הויכע פיגור. איך בין צוגעגאַנגען נענטער און האָב דערזען אַן איידל געשטאַלט פון אַן עלטערער בכבודער פרוי. זי איז געווען אָנגעטאָן אין טרויער-קליידער און האָט מיט אַ שטיל קול געזאָגט: איך בין די פרוי פון שטשעגלאָוויטאָוו...

אויף אַ ווײַלע האָבן זיך אַ טראַג געגעבן אין קאָפּ אַלע זכרונות, וואָס זענען פאַרבונדן געווען מיט דעם שרעקלעכן נאָמען. אָבער נאָר אויף אַ ווײַלע. איצט האָט זיך נאָר געהערט די שוואַכע שטים פֿון אַ דערשלאָגענער פרוי (עס איז איר געווען נישט לײַכט צו בעטן פאַר יענעם, וואָס איז גראָד אין דעמזאָליקן הויז געווען דער איינציקער הערשער גאַרנישט לאַנג). זי האָט געטענהט: מײַן מאַן זיצט שוין באַלד אַ גאַנץ יאָר... ער איז אַ קראַנקער און אַלטער מענטש... מען מאַכט אים שולדיק פאַר אַלע חטאים פֿון דעם רעזשים... בשעת ער איז דאָך געווען נישט מער ווי אַ דינער בײַם קייזער... זיי, די גרויס-פֿירשטן, די אמתע באַלעבאַטים, האָבן באַהאַלטן זייערע רײַכטימער און האָבן פֿונוואַנען צו לעבן, און מיר, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר זיי, זענען געבליבן אָן וועלכע ס'איז מיטלען... איר זענט דאָך אַליין אַ יוריסט, איר ווייסט, וואָס פאַר אַ ליבע ער האָט פאַר דער וויסנשאַפט... ער איז שוין מער נישט געפערלעך פאַר אײַך... געפערלעך זענען הײַנט פאַר אײַך נאָר אַנדערע, די קאַדעטן... זייט זיך נישט נוקם אָן אים... מאַכט אים נישט שווער די לעצטע יאָרן זײַנע...

די פרוי שטשעגלאָוויטאָוו האָט געוויינט. ס'איז איר שווער געווען אויפצוהייבן די אויגן, און זי האָט גערעדט:

— מאַכט אים נישט שווער זײַנע לעצטע יאָרן... זעט אים צו באַפרײַען... פאַרגעסט נישט. אַז אין דער פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג זענען אונזערע מענער אין אייביקער געפאַר... נישט ער און אַזוינע ווי ער זענען געפערלעך פאַר אײַך...

דעם לעצטן געדאַנק האָט זי און אויך אַנדערע פרויען פֿון צאַרישע מיניסטאָרן ליב געהאַט איבערצוחזרן... צי זענען זיי געווען אויפריכטיק דערבײַ? איך ווייס נישט. ס'איז מעגלעך, אַז יאָ. דער רעוואָלוציאָנערער שטורעם האָט דאָך געשפּרייזט מיט ריזן-שריט אַלץ ווײַטער און ווײַטער, און די צאַרישע צײַט האָט זיך געדאַכט נישט מער ווי אָן אַלטער פאַרגעסענער עבר. און נאָך אַ געדאַנק זייערער האָט זיך געדאַכט אונז אָפּטמאָל פאַר ריכטיק: נישט זייערע מענער אַליין זענען שולדיק אין אַלץ. טאַקע זיי זענען געווען מלאכי חבלה, און נאָך וועלכע! אָבער פאַרט

דאָך נאָר שלוחים, משרתים. היגטער זייערע פּלייצעס איז דאָך געשטאַנען אַ טויזנט-יעריקער שטייגער פון טראַדיציעס, פאָראורטיילן, מאַטעריעלע אינטערעסן פון שקלאַפן. זיי האָבן טאַקע געשניטן מיט מעסערס, אָבער זיי זענען געווען דאָך נישט מער ווי שרייפלעך אין אַן אַלטער מלוכה-מאַשין, וואָס האָט זיך אַליין אויך מיטגעשלעפּט. פאַרוואָס טאַקע נאָר אויף זיי אַליין, אויף זייערע פרויען און קינדער, מקיים זיין דעם שפוך חמתך פון דער רעוואָלוציע?

אין יענער צייט, ווען דאָס פאָלק איז געווען זיגרייך און אין הארץ האָט געזונגען איר ליד די רעוואָלוציאָנערע אמונה, האָט מען געהאַט רחמנות און מיטגעפיל צו די געפאַלענע שונאים אונזערע. און טאַקע דערפאַר, ווייל איך'בין אַ ייד, ווייל אין אירע פאַרמאַטערטע אויגן, זע איך, באַהאַלט זיך די מורא פאַר דער יידישער נקמה — איז צו איר גרעסער דאָס מיטגעפיל. און איר מאַן, דער פאָטער פון אירע קינדער, באַקומט טאַקע אין גיכן אַ גרויסע דערלייכטערונג. פון דער שטרענגער פעסטונג (וואו דער גאַר-יזאָן גיט אַכטונג אויף די אַרעסטירטע), ווערט ער און סוכאָמלינאָוו אַריבערגעפירט אין דער פשוטער געפענגניש „קרעסטי". וואָס איז פריי פון אַלע באַגרענעצונגען און לאָזט צו שטענדיקע באַגעגענישן מיט דער פאַמיליע.

די פרוי שטשעגלאָוויטאָוו האָט אָבער נישט גערוט. זי האָט געוואָלט דורכפירן, אַז מען זאָל איר מאַן אינגאַנצן באַפרייען. דאָס איז אָבער אין יענער צייט געווען אוממעגלעך. די צאַרישע מיניסטאָרן זענען געשטאַנען אונטער דער השגחה פון דעם גאַנצן ראַט פון פאָלקס-קאָמיסאַרן. סוען אַ רעה, פאַרשלימערן דעם גורל פון די געפאַנגענע האָט געקאָנט אויך איין קאָמיסאַר; מאַכן זיי פריי, האָבן געקאָנט נאָר אַלע צוזאַמען.

די אַלגעמיינע לאַגע פון דער רעוואָלוציע האָט זיך דעמאָלט, אין חודש מערץ 1918, צוגעשפּיצט. די דייטשע אַרמיי האָט, נישט קוקנדיק אויף די שלום-אָפּמאַכן, מאַרשירט אין לאַנד. די מאַסן האָבן זיך אין אויפרעגונג געגרייט צו אַ נייער מלחמה. די סאָוויעטן-רעגירונג האָט געהאַלטן ביים אַריבערפאָרן פון פע-

טערבורג קיין מאָסקווע. און ביי די פירער פון דעם טריבונאַל איז אַנטשטאַנען דער באַשלוס אַריבערפירן קיין מאָסקווע די זויכטיקסטע אַרעסטאַנטן. דעם 8-טן מערץ האָב איך, זיצנדיק אין קאַבינעט, דערהאַלטן פאָלגנדיקן בריוו פון דער פרוי שטשעגלאָוויטאָוו:

„געערטער קאָמיסאַר! צי איז דאָס טאַקע אמת, אַז מיין מאַן מוז אויסשטיין די עוואַקואַציע פון פעטראָגראַד? צי איז דאָס אמת, אַז איר גרייט צו אויך דאָס אומגליק פאַר דעם אַלטן, קראַנקן, פיזיש און מאָראַליש צעבראָכענעם מענטש? היינט וואו איז דען די „ליכטיקע צייט“ פון אמת און יושר? אויב די איצטיקע רעגירונג איז געקומען אָנשטאָט דער אַלטער און דער אומטויגלעכער, טאָ איז דאָך דאָס געשעען נישט דערצו אום צו איבערחזרן אָדער פאַרטיפן דאָס, וואָס מוז אונטערגיין אויף אייביק, נאָר דערצו, אום צו באַווייזן דער גאַנצער וועלט, ווי צו וועקצושטעלן דאָס לעבן אין אַ פרייער מדינה, ווי לייכט ס'איז צו לעבן יעדן פרייען און גלייכבאַרעכטיקטן בירגער פון לאַנד!... יעדן טאָג באַפרייט מען פון די טורמעס אייניקע מענטשן, וואָס זענען באַשולדיקט אין פּאָליטישע און קרימינעלע פאַרברעכנס. פון „קרעסטי“ זענען שוין אַרויס אַלע מיניסטאָרן פון דער קערענסקי-רעגירונג און אַ סך אַנדערע. אַ סך האָט מען אַרויסגעלאָזט אונטער אַ קויציע. ביי אונז איז פאַרבליבן אין באַנק אין מאָסקווע 15.000 רובל. דאָס איז אונזער לעצטער רעסורס, וואָס כ'האָב געהאַט פאַר אַ שוואַרצן טאָג. דער טאָג איז אָנגעקומען, און איך בעט צונעמען פון זיי 10.000 רובל, אַלס קויציע, און צו באַפרייען מיין מאַן. די לעצטע 5.000 רובל וואָלט איך געוואָלט לאָזן — פאַר זיך, ביז מיין מאַן וועט אויפזוכן אַ וואָסערע נישט איז אַרבעט, אום נישט צו שטאַרבן פאַר הונגער. איך גלייב אומענדלעך אין אייער פערזענלעכער לאָיאַליטעט און בעט אייך מיט רחמים וועגן הילף... מיט אַן אָנגעווייטיקט געפיל פון צער וואַרט איך אויף אייער תשובה אין אויפנאַם-צימער. איר מוזט מיך אויפנעמען אָדער אָנשרייבן אַ תשובה. איך וועל אָבער נישט אַוועקגיין אָן אַ תשובה — מאַריאַ שטשעגלאָוויטאָוו“.

איך האָב נישט געקאָנט איר געבן אַ זאָפּאָרטיקע תשובה.
איך האָב אויך געהאַלטן, אַז ס'האָט נישט קיין שום זין אַרומצו־פירן מיט אונז די אַלטע מיניסטאָרן. דער שטורעמווינט האָט שוין לאַנג צעווייעט דעם זכרון וועגן זיי. די רעוואָלוציע האָט געהאַט אויסצושטיין גרעסערע נסיונות פאַר זיך. זי האָט נישט געהאַט קיין צייט צו קוקן אויף צוריק. אָבער, ווי געזאָגט, איך אַליין האָב נישט געקאָנט באַפרייען די מענטשן... און דאָ איז געשען פאָלגנדעס:

בשעת איך בין פאַרטראַכט געזעסן און געלייענט איר בריוו, האָב איך פּלוצלינג דערהערט עפּעס אַ גערויש אין דעם נאָענטן פּאַראַדנעם צימער, וואָס פלעגט זיין שטענדיק אָפּגעשלאָסן. איך האָב דערהערט ווי עפּעס לויפנדע טריט דערנענטערן זיך צו מיין קאַבינעט, און אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך דערזען פאַר זיך די פרוי שטשעגלאָוויטאָוו. זי איז געווען אויפגערעגט ביז גאָר. אירע הענט האָבן געציטערט און זי האָט זיך קראַמפּהאַפט געהאַלטן פאַר אַ שטול. פון הינטן האָט זיך באַהאַלטן אין שאָטן דער קאַמער־דינער, וואָס האָט זי אַריינגעפירט צו מיר אָן אַ דערלויבניש. ער האָט זי אַריינגעפירט דורך פאַרשלאָסענע צימערן פון דער געוועזענער דירה פון שטשעגלאָוויטאָוו, דורך אַן אַריינגאַנג, וואָס איז געווען פאַר מיר אומבאַקאַנט. ער איז באַגאַנגען דערמיט אַ גרויס פאַרברעכן (ווייל ער האָט אויסגעמיטן די אָפּיציעלע באַאַמטע מיינע), און האָט איצט מורא געהאַט. אויך זי, די מאַיעסטעטישע פרוי, וואָס איז צענדליקער יאָרן געווען געוואוינט צו הערשן, האָט גע־וואוסט צוואָס זי האָט געבראַכט דעם איינפאַכן דינער. און די זאָרג פאַר אים, די מורא פאַר זיך, די טויטלעכע דאגה פאַר איר מאַן האָבן זיך מיט אַלע פאַרבן אָפּגעשפּיגלט אויף איר פּנים...

איך האָב פאַרשטאַנען די לאַגע. מאָרגן פאָרן מיר פונדאַנען אַוועק. היינט איז דער לעצטער טאָג עפּעס צו פועלן. די באַאַמטע לאָזן זי נישט דורכגיין צו מיר. און דורך די פּאַראַדנע צימערן פון איר אייגענער דירה, וואָס איז געוואָרן אַ געפענגעניש פאַר איר, איז זי געלאָפן צו ראַטעווען דאָס לעצטע. אויף דעם פאַריאָמערטן פּנים פון דינער האָב איך געלייענט: זייט מוחל, חבר קאָמיסאַר, איך האָב נישט געקאָנט זיי אָפּזאָגן...

„לאָזט נישט אַרויספירן פונדאַנען מיין מאַן... ער האָט זיך שוין איינגעוואוינט אין דער קרעסטי... גיט זיי נישט איבער אין זייערע הענט! — האָט זי מיט אַ פיבערהאַפטער שטימע אין דער גרעסטער איילעניש גערעדט, און דאָס ווייסע טיכל האָט געציטערט אין האַנט. — אויב ס׳איז ווייניק 10.000 רובל, נעמט צו די גאַנצע 15.000, מיר וועלן שוין ווי ס׳איז אויסקומען... נאָר לאָזט אים אין פעטראָגראַד...״

מיר האָבן צוזאַמען באַטראַכט די לאַגע. איך האָב צוגעזאָגט צו טון, וואָס נאָר מעגלעך. אָבער דעם מענטשס מזל איז נישט מער ווי אַ שפּענדל אין דער רעוואָלוציע. מיר, די לינקע עס-עֶרן, האָבן דעמאָלט געפירט אַ פאַרביטערטן קאַמף קעגן דעם אונטערגעבן זיך אונטער די דייטשע שלום-באַדינגונגען אין ברעסט. אין פינף טעג אַרום זענען מיר שוין אַרויס פון דער רעגירונג.

און שפּעטער, ווי זאָגט דער פסוק: ויקם מלך חדש אשר לא ידע את יוסף. — די מיניסטאָרן האָט מען איבערגעפירט קיין מאָסקווע. נאָכן אַטענטאַט אויף לענינען האָט מען געשאָסן אויך שטשעגלאָוויטאָון. דאָס וואָלט אָבער געשען אויך אין פעטראָגראַד, דען דער בלוטיקער טעראָר אין יענער צייט האָט נישט געמאַכט קיין חלוקים אין וועלכער ס׳איז שטאָט.

* *
*

יענע טראַגישע און לעצטע באַגעגעניש מיינע מיט דער פרוי שטשעגלאָוויטאָוו האָט איבערגעלאָזט אַ נאָגנדיק געפיל אין זכרון. אפשר איז אויך אין דער סצענע פון דער שטערבלעך צע-שראָקענער פרוי שטשעגלאָוויטאָוו, וואָס ווערט אין איר אייגע-נעם דורכגעזאַפּטן מיט יידן-האס קאַבינעט באַרויקט פון אַ י י ד — געלעגן אַ סימבאָל.

אָבער מיר האָבן נישט געהאַט קיין נקמה-געפילן קעגן זיי דעמאָלט, אויך איצט נישט. נאָר מיר האָבן ז י י ק י י ן א י י ן זאַך נ י ש ט פ אַ ר ג ע ס ן. די צרות און די בזיונות, וואָס זיי האָבן פאַרשאַפט אונזערע פאָלקס-מאַסן, זענען פאַרשריבן אין

די בלעטער פון דער געשיכטע. און דאָרטן, וואו די זעלביקע ביוראָקראַטן און גלחים, מיניסטאָרן און גענעראַלן שטעלן זיך ווייטער אויף די פיס און טראַכטן וועגן אַ נייער ממשלה פאַר זיך, דערוואַכט זיך אין אונז דאָס שטאַרקע באַוואוסטזיין פון בלוטיקן עבר. יאָ קעגן דעם מענטש, דעם מאַן און דעם פאָטער שטשעגלאָוויטאָוו איז נישטאָ קיין נקמה, ווען ער איז געפאַלן. אָבער פאַר די פריצים, וואָס טראָגן אין זיך דעם גייסט פון שטשעגלאָוויטאָוו, קאָנען מיר אויך נישט האָבן קיין געפיל פון הכנעה. נאָכדעם ווי די געשיכטע האָט זיי שוין איינמאָל צוזאַמענגעפירט מיט אונז אין אַ פשוטער מענשלעכער לאַגע, ווילן מיר נישט מער קוקן אויף זיי פון אונטן אַרויף. נישט קיין נקמה און נישט קיין הכנעה, נאָר גלייבע מיט גלייכע, קעגנער און פיינט...

## דאָס נײַנטע קאַפּיטל

# די בּאַראָנען

די אויפגעגרעגטע טעג פון אונטערהאַנדלונגען אין בּרעסט מיט די דײַטשן מכוח שלום. ערשט דאַ, דעם 10-טן פעברואַר, האָט סאָוויעט-רוסלאַנד איבּערגעריסן די פאַרהאַנדלונגען מיט דעם שטאָלצן אויסרוף: מיר שליסן מיט אײַך נישט קיין רויבּערישן שלום, אָבּער מיר ווילן מיטן דײַטשן פאָלק קיין מלחמה אויך נישט פירן! די גאַנצע וועלט איז געשטאַנען אין אַ שטומער פאַרוואונ-דערונג פאַר דער פאַרמעל, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט אין זיך די טרײַשאַפט פון דער רעוואָלוציע צו אירע פּרינציפּן. אָבּער איבּער פּעטראָגראַד איז געלעגן אַן אומגעהײַערע אויפרעגונג. מיר האָבּן אַלע געוואוסט, אַז אויב מיר האָבּן אַן אַ שיעור פאַרהאַנדלט מיט די גענעראַלן, זענען דאָך הינטער זיי געשטאַנען די דײַטשע חילות. אויב די דײַטשע רעגירונג וועט אונזער פאָרמול אויפנעמען ווי אַ קריג, וועט אין אוממיטלבּאַרער געפאַר שטיין פּעטראָגראַד גופא! מען האָט לײַדנשאַפטלעך געוואַרט אויף אַ שלום און מען האָט לײַדנשאַפטלעך געגרייט זיך צו אַ מלחמה. דערווײַל האָט מען אין דערדאָזיקער פּאָליטישער בּין-השמשות-צײַט מיט אַלע מיטלען געזוכט אָנצוזאַמלען כּוחות אויף יעדן פאַל. מען איז געווען אַרומגערינגלט פון אַלע זײַטן מיט פאַרבּאַהאַלטענע שונאים, און מען האָט געזוכט זיי אַרויסצובּאַקומען און צו איזאָלירן. דעם הינ-טערלאַנד פון דעם שווער-קעמפנדן פאָלק האָט מען געזוכט צו בּאַוואָרענען.

נאָך דער ענדע פון אַן צוגעשטרענגטער זיצונג אין סמאָלני-אינסטיטוט, האָב איך זיך אין איינעם אַן אָוונט אַראָפּגעלאָזט פון די טרעפּ. נישט קוקנדיק אויף דער אומרו-שטימונג, איז אין די סמאָלנער קאָרידאָרן געווען אפשר נאָך מער לעבעדיק און רירעוודיק ווי שטענדיק. עס האָט זיך מילד געגאָסן פון אויבן די עלעקטרישע ליכט; הונדערטער מענטשן האָבן זיך האַסטיק און מיט יענער שטילער פלינקייט, וואָס קומט נאָר אין אַן עת בהלה, געטראָגן איבער די קאָרידאָרן. ס'איז געווען גראָד דער מאָמענט, ווען עס קומען אָן די אָוונט-צייטונגען, און איך האָב גענומען איינע פון זיי. צווישן די נייעס, וואָס זענען מיר מער-ווייניק געווען באַקאַנט, האָט זיך מיר אין די אויגן פלוצלינג אַ וואָרף געטון עפּעס אַ משונהדיקע ידיעה. איך האָב זי צוערשט דערשלונגען מיט די אויגן פונקט ווי אַלע אַנדערע, אָבער זי האָט שוין באַלד נישט געלאָזט צורו מיך און אַרויסגעשפּאַרט אַלץ מער פון די ווייס-שוואַרצע שורות. איך האָב גענומען אַריינטיפן זיך אין דעם אינהאַלט פון דער קורצער ידיעה, און איך האָב שוין פאַרשטאַנען פאַרוואָס דער נאָטיץ האָט מיר אַ שטויס געגעבן אין קאָפּ. דאָס איז געווען אַ קורץ-געפאַסטער באַפעל פון פאָרזיצער פון סאָוויעט פון דער שטאָט רעוועל. אינם באַפעל איז געווען געזאָגט פאָלגנדעס: היות, אַזוי ווי די דייטשישע באַראָנען זענען אָפענע קאָנטר-רעוואָלוציאָנערן, וואָס וועלן געבן די גרעסטע שטיצע דער דייטשישער אַרמיי; היות, ווי מען האָט אויפגעדעקט אַ פאַרשווערונג פון די באַראָנען, ווערט אין גאַנץ עסטלאַנד דערקלערט באַלאַגערונגס-צושטאַנד. דער גאַנצער שטאַנד פון די באַראָנען, מענער פון 17 יאָר און פרויען פון 20 יאָר אָן, ווערן דערקלערט אויסערן געזעץ. די חתימה איז געווען פון באָלשעוויק אַנוועלט.

געוויס איז די לאַגע אין עסטלאַנד געווען פאַרצווייפלט. די דאָזיקע פּראָווינץ האָט געברענט אין פייער פון נאַציאָנאַלן און בירגערלעכן קריג. די אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט געבראַכט צו אַ פאַרטיילונג פון דער ערד. זי האָט דערמיט אָנגעגריפן די דייטשע באַראָנען, וואָס זענען געווען די אמתע, די כפל-שמונהדיקע בלוטזייגער פון לעטישן און עסטאָנישן פאָלק, פון די לעטישע און

עסטאָנישע פויערים. דעמדאָזיקן נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן קאַמף האָט אונטערגעוואָרעמט און באַגייסטערט די הויפּטשטאָט רעוועל מיט איר ביזן גרונט רעוואָלוציאָנערע מאַטראָסן און אַרבעטער. נאָך אין יאָר 1906, בשעת דער צאַר האָט פונאַנדערגעטריבן די דומע, האָבן די רעוועלער מאַטראָסן אויפגעהויבן אַן אויפשטאַנד אויף דער שיף „פּאַמיאַט אַזאָוואַ" און בלוטיק באַצאָלט פאַר זייער מוט. אין 1917 יאָר זענען זיי געשטאַנען אין די ערשטע רייען פון קאַמף סיי קעגן קערענסקין, סיי קעגן די דייטשע אימפּעריאַליסטן, בשעת די דייטשן זענען מיט אַן איבער־גרויסער מאַכט אָנגעפאַלן אויף די אינזלען אין באַלטישן ים, האָבן די מאַטראָסן העלדיש געקעמפט, אַרויסלאָזנדיק פריער אַ מאַניפעסט פון אַ וועלטענער גייסט־קראַפט. „ברידער, — האָבן זיי געשריבן, — אין דער שעה, וואָס עס רופט אונז דער סיגנאַל פון טויט, דערהויבן מיר צו אייך אונזער שטים און התמענען אונזער צוואה. אונזער פלאָט גייט אונטער אין אַן אומגלייכן קאַמף. אָבער קיין איינציקע שיף וועט נישט זוכן אויסצומיידן דאָס פייער. מיר וועלן אָפּהיטן דעם צוגאַנג צו פּעטראָגראַד. נאָר מיר טוען עס נישט צוליב דעם באַפעל פון אַ נעבעכדיקן רוסישן באָנאַפּאַרט (קערענסקי), וואָס הערשט נאָר, אַ דאַנק דעם געדולד פון דער רעוואָלוציע. מיר טוען עס נישט צוליב די אָפּמאַכן פון אונזערע מושלים מיט די אַנדערע מלוכות. נאָר מיר דערפילן דאָס העכסטע געזעץ פון אונזער רעוואָלוציאָנערן באַוואוסטזיין... אין דער שעה, וואָס די וועלן פון באַלטישן ים וועלן באַפאַרבט מיטן בלוט פון אונזערע ברידער, בעת די וואַסערן שליסן זיך צוזאַמען איבער זייערע קערפּערס, דערהויבן מיר אונזער שטים צו אַלע אונטערדריקטע פון דער וועלט: הייבט אויף די פאָן פון אויפשטאַנד! זאָל לעבן אַן ערלעכער שלום און דער סאָציאַליזם!" איצט איז די שטאָט רעוועל געשטאַנען אונטערן פייער פון די דייטשן. עס איז געווען קלאָר, אַז אויב זיי וועלן זיך אַריינכאַפּן אין עסטלאַנד, וועלן זיי מאַכן אַ תל פון די אַקטיווע פויערים און אַרבעטער — זיי וועלן שוין אָנזעטיקן זייער נקמה־דורשט. און געוויס וועלן די דייטשע באַראָנען זיין די וועג־ווייזער פון די דייטשן אויף זייער בלוטיקן מאַרש.

מען האָט געקאָנט פּסיכאָלאָגיש פאַרשטיין דעם באַפעל פון אַנוועלטן. אָבער צי מעג מען אַרויסלאָזן אַזעלכע באַפעלן אין דער אָנגעהיצטער אַטמאָספערע? מען האָט דערקלערט אויסערן געזעץ אַלע מענער און פרויען, אָן אונטערשיד. דאָס הייסט דאָך, אַז מען גיט יעדן אַרויס אַ דערלויבניש מאַנספאַרשוינען צו דערהרגענען, וואו נאָר מען טרעפט זיי, און פרויען (פון די באַראָנישע פאַמיליעס) צו פאַרגוואַלטיקן, אויב נישט הרגענען... דער סאָוויעט האָט דאָס אפשר נישט געוואָלט, אָבער דאָס ליגט דאָך אין דידאָזיקע ווערטער... „אויסערן געזעץ" הייסט דאָך: די מלוכה, די סאָוויעטן, קאָנען נישט אין אָן אָרגאַניזירטער פאָרם באַקעמפן די פיינט, זאָל זיך נעמען דערצו יעדערער, ווער עס האָט נאָר אַ ביקס אין דער האַנט... די לופט איז דאָך שוין אַזוי אויך אָנגעזאַפּט מיט בלוט...

איך האָב פיבערהאַפט געטראַכט וואָס מען קאָן טון. מען האָט נישט געטאָרט פאַרלירן קיין רגע. דער באַפעל איז אַרויס נאָך נעכטן. קיין רעגירונגס-זיצונג איז היינט נישט געווען, אָבער איך האָב זיך דערמאַנט, אַז אין טאַווריטשן פאַלאַץ האָט היינט אָוונט געדאַרפט זיין די זיצונג פון דער לינקער עס-ערישער פראַקציע פון צענטראַלן סאָוויעט. איך האָב זיך געכאַפּט פאַרן זייגער. ס'איז געווען שוין 10, די זיצונג האָט זיך אָנגעהויבן אום 7. אפשר וועל איך נאָך טרעפן די חברים. איך האָב זיך אַריינגעוואָרפן אין אויטאָמאָביל און אין אַ מינוט 20 אַרום געלאָפן אויף די טרעפ צו אונזער פראַקציע-צימער. האָט זיך טאַקע געדאַרפט אַזוי מאַכן, אַז די חברים האָבן ערשט אַ יצט גענומען פונאַנדערגיין זיך פון דער זיצונג. איך האָב זיי אַלעמען פון די טרעפ גערופן צוריק אַרויף. אין טיר האָב איך געפּאַקט דאָס פּרעזידיום. עס האָט געעפנט תיכף אַן עקסטרע זיצונג. מיט אַ פאַרוואונדערונג און אומרו האָבן זיך אַלע ווידער געזעצט אויף די בענקלעך. איך האָב זיי דורכגעלייענט דעם באַפעל פון רעוועלער סאָוויעט. צוערשט האָט מען אויך דאָ נישט פאַרשטאַנען דעם זין פון די ווערטער. עס האָט זיך געפונען אפילו אייגער אַ מיטגליד, דער דאָנער קאָזאַק שצמאָוו, וואָס האָט מיט אַ שרייענדיקער שטימע דערקלערט, אַז

אזוי דארף מען טאקע באהאנדלען די בּאראָנען, ער קען זיי פון דער באַלטישער געגנט, נאָך פון יאָר 1905... דאָ האָב איך שוין פּאר די חברים פונאנדערגעוויקלט דעם קנויל פון די ווערטער; איך האָב זיי דערמאַנט, אז פּונקט אזוי פלעגט מען דערקלערן אויסערן געזעץ א גאַנץ פאָלק, די יידן, בשעת דער מלחמה, און וואָס דערפון איז געוואָרן; אז בשעת איך אליין האָב געלעבט אין דער באַלטישער געגנט האָב איך גוט דערקענט די גזלנישע נאַטור פון די באראָנען; אז מען טאָר אָבער נישט אריבערטראָגן אין אונזער בירגער-קריג די גרויזאַמע פּרינציפּן פון די מלוכה-קריגן; אז אפילו פון שטאַנדפּונקט פון נוצן איז דער באַפעל א פארברעכן, ווייל אפילו אויב די באראָנען וועלן דערקלערט ווערן אַלס עורבים, וועט דאָך דאָס פון קיין זאך נישט אָפּהאַלטן די דייטשע ארמיי. פאַרקערט, זי וועט שפּעטער מיט גרעסערער אכזריות זיך נוקם זיין אָן די ארבעטער.

די חברים האָבן דאָס גלייך פארשטאַנען, און האָבן אין א קורצער רעזאָלוציע פאַראורטיילט דעם באַפעל. אויב מען האָט נישט אָנגענומען תיכף קיין אויסערגעוויינלעכע מיטלען, איז דאָס געווען בלויז דערפאַר, ווייל מען האָט מורא געהאַט, אז דאָס פאָלק וועט נישט פארשטיין אונזער באַציונג בנוגע אויסגעשפּראָכענע פיינט פון דעם פאָלק. מען האָט באַשלאָסן זיך צו ווענדן צו דער עקזעקוטיווע פון דעם צענטראַלן סאָוויעט וועגן אָפּשאַפן דעם באַפעל, און מען האָט אויסגעקליבן דריי חברים, וואָס זאָלן באַגינען (ביינאַכט איז שוין נישט געווען קיין פארבינדונג) ארויספאָרן קיין רעוועל באַטראַכטן די דאַרטיקע לאַגע. מען איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען. איך האָב אָבער נישט געהאַלטן די זאַך פאַר דערליידיקט און געטון פאָלגנדעס: איך בין אוועקגעפאָרן אין רעדאַקציע פון אונזער פארטיי-צייטונג „זנאַמיאַ טרודאַ", אום אָנצושרייבן אַן ארטיקל פאַר דעם מאָרגנדיקן נומער. כאָטש עס איז געווען שפּעט און דער נומער איז שוין געווען באַלד פאַרטיק, האָט דער רעדאַקטאָר צוליב דעם אויפגעגעבן פאַל, אויפן אָרט פון אַנדערע ידיעות, אריינגערוקט מיין ארטיקל מיטן קעפּל: „דאָס קאָן נישט זיין!" די פּיבערהאַפטע שורות האָבן זיך ווי-

אַליין געלייגט אויפן פּאַפּיר. „מיר ווייסן, — האָב איך געשריבן, — אַז די רוסישע רעוואָלוציע, דאָס אַרבעטער-פאָלק האָט נישט קיין מער רשעותדיקע, מער פאַרהאַסטע, מער קונציקע שונאים ווי די באַראָנען. מיר ווייסן, אַז די רעוואָלוציע קאָן אַ מינוט נישט האַלטן זיך פאַר זיכער, ביז עס וועלן נישט זיין ביזן שורש אַרויסגעריסן פון דער ערד די גיפטיקע זאָמען פון באַראָנישן פעאָדאַליזם... אָבער צי דען דאַרף די רעוואָלוציע אַזוי זיך באַוואָרענען פון אירע פיינט ? ... מען האָט אויפגעדעקט אַ פאַרשווערונג קעגן דער ראַטן-מאַכט. איז ווער ווערט דערקלערט אויסערן געזעץ ? די שולדיקע, די שוין געכאַפּטע אָדער אויף וועמען עס איז דאָ אַ חשד ? ניין, מען דערקלערט אויסערן געזעץ דעם ג אַ נ צ ן באַראָנישן שטאַנד, אַ ל ע מענער און פרויען. דאָס הייסט, אַז אַלע מענטשן, וואָס האָבן געהאַט דאָס אומגליק געבוירן צו ווערן אין דעם שטאַנד, פאַרלירן יעדע מענטשלעכע שוץ, ווערן אַ ציל-ברעט פאַר לינטש-געריכטן... די סאָציאַלע רעוואָלוציע, וואָס דאָס פאָלק פירט פּנים אל פּנים פאַר אַלע פעלקער, שטורעמט-אויף די וועלט מיט איר מאָראַלישער גרויסקייט. מיר אַלע, וואו מיר שטייען און גייען, זענען מאָראַלישע עורבים פאַר איר כבוד... דער באַפעל איז אַ סימן פון שוואַכקייט... צי איז מעגלעך, אַז גראָד די ר ע וו ע ל ע ר חברים, וואָס האָבן מיט אַזאַ ווירדע געטראָגן די פאָן פון דער רעוואָלוציע אין דער גאַנצער צייט, וועלן איצט פאַרלירן דעם בטחון אין זיך. צי איז מעגלעך, אַז גראָד איצט, נאָך אונזער ברעסטער שטאָלצן אויפרוף פון 10-טן פעברואַר — בשעת רעוועל שטייט אויף דער גרענעץ פון די ביידע וועלטן — וועלן זיי אַרויסרופן אונזערע ספקות אין זיין אינערן כוח ? דערפאַר, — האָב איך געשלאָסן דאָס אַרטיקל, — גלייב איך פּשוט נישט, אַז אַזאַ מין באַפעל האָט געקאָנט ווערן אַרויסגעגעבן אין רעוועל".

דאָס זענען נישט געווען דעמאָלט דעמאַגאָגישע ווערטער. מען האָט דעמאָלט ג ע ל ע ב ט אין דער דערהויבענער וועלט פון אידעען, און עס פלעגט זיין אָפּטמאָל גענוג אויפצוהייבן דעם קאָפּ

פון די מענטשן צו די אידעען, אז זיי זאָלן װעלן װערן איידל און ריין.

פון דער רעדאַקציע נאָך האָב איך געגעבן אויפן הויפּט־טעלעגראַף די פאָראָרדנונג מען זאָל מיר צוגרייטן אַ געשפּרעך דורך דער דירעקטער דראָט מיטן רעװועלער סאָװיעט. אז איך בין פון רעדאַקציע אַ זייגער איינס ביינאַכט אָנגעקומען אויפן טעלע־גראַף, איז די פאַרבינדונג צװישן פּעטראָגראַד און רעװועל שוין געװען צוגעגרייט. איך בין אַריין אין די חדרי חדרים פון טעלע־גראַף. דאָרטן װאו שװייגנדע מענטשן זענען געזעסן איבערגעבויגן איבער די אַפּאַראַטן, אַרויסציענדיק פון זייערע געדערים די װייסע װערטער־שלענגלעך. קיין פּריװאַטער מענטש האָט ניט די רעכט אַריינצוגיין אין דעמדאָזיקן קאַמערל, װאו עס גייען זיך צונויף די נערװן פון דער מלוכה. אין רעװועל איז צום אַפּאַראַט צוגעגאַנגען דער מיטגליד פון סאָװיעט־פּרעזידיום פּרונטאַװ. צװישן אונז איז פאָרגעקומען פאָלגנדער נערװעזער שמועס, װאָס זיין אינהאַלט האָבן מיר אויף מאָרגן אָפּגעדרוקט, אום די באָלשעװיקעס דערמיט צו בינדן. דאָס לשון און דער טאָן פון דעם געשפּרעך זוארפט אַ שיין אויף די דעמאָלטדיקע באַציונגען.

יוסטיץ־קאָמיסאַר: מיר זענען דערגאַנגען, אז איר האָט דערקלערט אויסערן געזעץ דעם גאַנצן שטאַנד פון די באַראָנען, נישט איבערגעבנדיק באַשטימטע שולדיקע מענטשן צום רעװאָלוציאָנערן טריבונאַל. איז דאָס אמת? און אויב יאָ, מיט װאָס איז דאָס אַרויסגערופן?

פּרונטאַװ: יאָ, דאָס איז אמת. קענן אַ פּאָר פון די אַרעסטירטע האָבן מיר דאָקומענטן.

יוסטיץ־קאָמיסאַר: מיר מוזן אָנװייזן, אז דאָס דערקלערן אויסערן געזעץ איז אַזאַ מין שװערע שטראָף, דאָס ביז איצט האָט מען זי געבוירכט נאָר בנוגע צו מענטשן, װאָס האָבן באַפלעקט זיך נאָר מיט אַ באַשטימטן פאַרראַט פון דער רעװאָ־לוציע. איר, חברים, דערקלערט אָבער אויסערן געזעץ הונדער־טער, אפשר מער מענטשן, װעלכע זענען שולדיק נאָר אין דעם, װאָס זיי זענען געבוירן געװאָרן אין באַראָנישן שטאַנד. דאָס אָפּ־

בעמען פון שוץ ביי אַן אומבאַגרענעצטער צאָל מענטשן מאַכט מעגלעך, אַז פאַרברעכער זאָלן פאַרגוואַלטיקן פרויען און הרגענען מענער... מיר רעכענען, אַז אויב מען האָט אויפגעדעקט אַ פאַרשווערונג, מוז מען תּיכּף באַשטימען אַ רעוואָלוציאָנער געריכט, וועלכעס זאָל שטרענג באַשטראָפן די שולדיקע. מיר זענען פון לאַנג אַן געוואוינט צו אַכטן דעם רעוואָלוציאָנערן מוט פון די רעוועלער חברים און מיר צווייפלען נישט, אַז אויך דאָס איצטיקע מאָל וועלן מיר געפינען צוזאַמען מיט אייך אַ געמיינזאַמען באַשלוס.

פּ ר ו נ ט אָ וו : יאָ, מען נעמט אָן עקסטרע מיטלען צו אונטערזוכן די באַשולדיקונגען. קיין איין פאַל פון לינטש-געריכט איז נישט געשעען. אייערע דערקלערונגען וועלן מיר באַטראַכטן און זעען אָנצונעמען די נייטיקע מיטלען.

י ו ס ט י ק - ק אָ מ י ס אַ ר : אייער דערקלערונג, חבר, באַרויקט אונז אַ ביסל. איך בעט אייך, די באַשלוסן אייערע טעלעגראַפיש מיר מודיע צו זיין.

פּ ר ו נ ט אָ וו : גוט.

זאָל זיך דער לעזער נישט חידושן איבער דעם גאָרנישט קאָמיסאַרישן טאָן, אין וועלכן עס האָט זיך געפירט דערדאָזיקער שמועס. ס'זענען געווען דערצו צוויי טעמים. ערשטנס, האָבן די פאָלקס-קאָמיסאַרן גאָרנישט געהאַט קיין צוועק אָנצושרעקן די אָרטיקע סאָוויעטן. מיר האָבן געזוכט מיט זיי אויפן פריינטלעכסטן וועג דורכצוקומען, נישט נאָר באַפעלן. און, צווייטנס, האָב איך דאָך געהאַט צו טון מיט אַ באָלשעוויסטישן פאַרטרעטער, וואָס האָט געוואוסט מסתּמא וועגן דעם חילוק צווישן אונז און די באָלשעוויקעס אין הלכות רעפּרעסיע. דער געשפּרעך אין דער נאַכט אויפן טעלעגראַפישן אופן האָט אָבער געהאַט דעם זין: צו וואָרנען די חברים פון דער פרעמדער פּאַרטיי, באַווייזן זיי, אַז זיי שטייען שוין אונטער אַ שאַרפער קאָנטראָל.

אויף מאָרגן, אַז די צייטונגען האָבן געבראַכט די ידיעות וועגן אַלע אונזערע שריט, האָט דאָס אַרויסגערופן ביי די באָלשעוויקעס אַ גרויסן פאַרדראָס. זיי האָבן אַפּנים געהאַט אַ צווייטנ-

דיק עגמת נפש: אי פאַרוואָס מען שטערט די „רעוואָלוציאָנערע איניציאַטיוו" אויף די ערטער, אי פאַרוואָס מען מישט זיך אריין אין דער טאַקטישער ליניע פון זייער פּאַרטיי. אַז אונזערע חברים האָבן אין דעם זעלבן טאָג אריינגעטראָגן אַן אָנפראַגע וועגן דעם ענין אין דעם עקזעקוטיוו פון דעם צענטראַלן סאָוויעט, האָבן די באָלשעוויקעס געזוכט די זאַך צו מאַכן צו קליין-געלט. באוויזן, אַז איך האָב צוגעגעבן אַ צו ערנסטן כאַראַקטער דעם אויסדרוק „דערקלערן אויסערן געזעץ". זיי האָבן בשום אופן נישט געוואָלט מבטל מאַכן דעם באַפעל, וועלכן זיי האָבן געהאַלטן פאַר אַן אויסדרוק פון רעוואָלוציאָנערער קראַפט. מען האָט אָנגענומען עפּעס אַ באַשלוס, וואָס איך געדענק שוין נישט. מיר האָבן אָבער געזען, אַז דער אימפּעט פון דער זאַך איז שוין ביי זיי פאַרפאַלן, אַז דער באַפעל וועט שוין נישט קאָנען אָננעמען אַ סכנותדיקן כאַראַקטער. מיר זענען פאַרנומען געווען מיט אַנדערע ענינים. די געשעענישן האָבן געשפּרונגען דעמאָלט אַ משוגענעם טאַנץ. די דייטשע אַרמיי האָט באַלד אָנגעהויבן דעם אָנגריף און אָן די באַראָנען האָט מען פאַרגעסן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום זיץ איך אין קאַבינעט פון יוסטיץ-קאָמיסאַריאַט און פּלוצלינג דערזע איך, אַז עס גייען אריין צו מיר צוויי זייער הויך-געוואַקסיקע הערן, מיט עפּעס אויסגעדאַרטע אַריסטאָקראַטישע פּנימער, אין אַן ערנסטער שטימונג. איך האָב זיי איינגעלאַדן צו זעצן זיך, נאָר זיי האָבן זיך נישט געזעצט, און איינער האָט אָנגעהויבן רעדן. דאָ האָב איך דערזען אין זיין האַנט אַ גרויס בוך, גרויס ווי אַ גמרא, מיט אַ דעקל באַפּוצט מיט זילבער. וואָס איז דאָס? דער עלטערער פון זיי האָט אָנגעהויבן רעדן: „דערלויבט אונז פאָרצושטעלן זיך: איך בין באַראָן מייענדאָרף און דאָס איז באַראָן שילינג. מיר קומען אין אויפטראָג פון דער פּעטראָגראַדער דייטשער קאָלאָניע צו דאַנקען אייך דערפאַר, וואָס איר האָט זיך אַזוי מוטיק אָנגענומען אונזער קריוודע"...

איך האָב מיט גרויס פאַרוואונדערונג אויפגעהויבן די אויגן און געקוקט, וואָס וועט דאָ זיין ווייטער. די סצענע האָט אָנגענו-

מען אַ פּייערלעכן כּאַראַקטער. אַלע זענען געשטאַנען אויף די פיס. באַראָן מייענדאָרף האָט גערעדט אין אַ גלענצנדן רוסיש (צי איז ער נישט געווען דער געהילף־פּאָרזיצער פון דער מלוכה־דומע ביים צאַריזם?) ווייטער: „מיר בעטן אייך אָנצונעמען דאָ אונזער באַשיידן געשאַנק, דעם אַדרעס פון דער דייטשער געמיינדע, אַלס אויסדרוק פון אונזער דאַנקבאַרקייט, וואָס איר האָט באַשיצט די רעכט פון די באַלטישע באַראָנען...״

דאָס איז שוין געווען צופיל. אַ שיינעם נצחון האָבן מיר, די ראַטן־מאַכט, אָפּגעהאַלטן: אפילו באַראָנען זענען אונז כּפוי־טובה. איך האָב, פאַרווערנדיק זיך מיט דער האַנט, גיך אָפּגעענטפערט: „אָבער, בירגער, איך פאַרשטיי נישט אייער דאַנק. מיר האָבן זיך אָנגענומען פאַר די באַלטן גאָרנישט דערפאַר, וואָס זיי זענען ד י י ט ש ן, נאָר וואָס זיי זענען מ ע נ ט ש ן. אויב איר האָט געלייענט מיין אַרטיקל, ווייסט איר, אַז די באַראָנען האַלטן מיר פאַר די גרעסטע שונאים...״

— יאָ, יאָ, — האָט מיר איבערגעהאַקט דער באַראָן מיט אַן ערנסט געזיכט — דאָס ווייסן מיר גוט, אָבער מ י ר שעצן דערביי אַן אַנדערע זאַך. קיין איין רוסישע רעגירונג האָט אין משך פון דער מלחמה נישט מזכּה געווען אונז מיט אַ ביסל אויפמערקזאַמקייט, כאָטש מיר זענען געווען טרייע זין פון רוסישן פאַטערלאַנד. מען האָט אונז נישט געאַכטעט נישט ביים צאַריזם, נישט ביי אַלע פּראָוויזאָרישע רעגירונגען אין דער רעוואָלוציע־צייט. ערשט איצט האָבן מיר דערהערט אַ מענטשלעך קול...

— אפשר! — האָב איך געזוכט צו ראַטעווען זיך פון די שבחים, — אָבער אונזער באַציונג צו דער זאַך גייט אַרויס גאָר פון אַנדערע קוועלן ווי איר מיינט...

— געוויס, געוויס, אָבער מ י ר ווילן עס זאָל זיין פאַרצייכנט אין דער רוסישער געשיכטע אונזער דאַנקבאַרקייט. מיר בעטן אייך איר זאָלט אָננעמען אונזער אַדרעס...

און ער האָט אים אַוועקגעלייגט אויפן טיש.

וואָס האָב איך געקאָנט טון? איך האָב זיך געווענדט צו מיין סעקרעטאַר, וואָס איז געשטאַנען דערביי, און געבעטן אים צו

בעמען דעם אַדרעס און צולייגן אים צו די אַקטן פון קאָמיסאַריאַט. נאָך אַ מינוט פון פייערלעכער שטילקייט און די צוויי מאָנומענטן־פיגורן פון עכט דייטשן אַרט האָבן זיך פאַרבויגן און אַרויסגעגאַנגען. — אַ שאָד, איך האָב דעמאָלט אפילו קיין ציים נישט געהאַט דורכצולייענען דעם טעקסט פון דעמדאָזיקן אַדרעס.

און אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט די סאָוויעטן־רעגירונג באַפוילן אַרויסצושיקן די עסטלענדער באַראָנען קיין סיביר און די וואַגאָנעס, פול אָנגעפּיקעוועטע מיט אַריסטאָקראַטן און זייערע פאַמיליעס, זענען אָנגעקומען קיין פּעטראָגראַד, איז צו אונז אין קאָמיסאַריאַט ווידער געקומען מייענדאָרף און האָט געבעטן ביי מיר הילף. ער האָט מורא געהאַט, אַז די שמירה פון די וואַגאָנעס איז אַ שוואַכע, אַז די רויט־גוואַרדייצר וועלן אויף זייער לאַנגן וועג קיין סיביר מאַכן יד־אַחת מיט דעם המון אויף די סטאַציעס און מען וועט ממית זיין די באַראָנען. אפשר איז דאָס אַרויסשיקן פון זיי אין אַ ווייטער און אַ רויקער געגנט געווען אַ ריכטיקער שריט, בשעת עסטלאַנד האָט שוין געברענט אין בירגער־קריג, אָבער אין דער נאַכלעסיקייט און פאַראַכטונג מיט וועלכער מען האָט זיי אַריבערגעוואָרפן, האָב איך דערזעען דעם המשך פון דער באָלשעוויסטישער פּאָליטיק אין רעוועל. אַוועקשטעלן זיי אונטער דער געפאַר פון הריגה, האָב איך נישט געוואָלט, און מיר האָבן באַשלאָסן מיטצושיקן מיט דעם צוג די בעסטע שמירה, וואָס מיר האָבן דעמאָלט פאַרמאָגט: מיטגלידער פון דער לינקער עס־ערישער קאַמף־דרוזשינע פון די אַרבעטער. זי האָט אָבער היינט מיט דער גרעסטער גרייטקייט גענומען זיך אָפּצוהיטן די מענטשלעכע לעבנס פון זייערע קלאַסן־שונאים. באַראָן מייענדאָרף איז געווען צופרידן מיט דעם, ווייזט אויס, ער האָט שוין געהאַלטן אַן עולם ומלואה פון די לינקע עס־ערן. צי איז ער אָבער נישט געווען אומגערעכט צו די באָלשעוויקעס?

עס זענען אַריבער נאָך אַ פּאָר טעג. איך בין געגאַנגען צו דער זיצונג פון די קאָמיסאַרן און האָב זיך אַ ווײַלע פאַרהאַלטן ביים אַרבעטס־טיש פון לענינען. אַ קנויל פון ווייכע פּאַפּירענע טעלעגראַפישע בענדלעך איז געלעגן דאָ, איך האָב אים גענומען

פלאחר יד פונאנדערוויקלען, און פלוצלינג האָב איך זיך שוין נישט געקאָנט איינהאַלטן פון לאַכן איך האָב געוויקלט די שטומע בענד-לעך און געלאַכט אַלץ מער. דאָס איז געווען אַ שמועס פון לענינען מיט דעם פאָרזיצער פון דעם רעוועלער ראַט, אַגוועלטן. זיי האָבן, ווייזט אויס, גערעדט וועגן מיין אַריינמישונג אין „זייער" געשעפט. לענין האָט אים געגעבן פאָלגענדן ראַט: ער זאָל טאַקע נישט אָפּשאַפן דעם באַפעל וועגן דערקלערן די באַראָנען אויסערן געזעץ, אָבער ער זאָל מיט אַלע מיטלען זען, אַז קיין איין איינציקן באַראָן זאָל נישט טרעפן קיין אומגליק; ווייל מען האַלט ביי אונטערהאַנדלונגען מיט די דייטשן און מען דאַרף זיי נישט אויפרעגן...

אַזוי האָט לענין געוואָלט יוצא זיין פאַר ביידע צדדים: לגבי זיין אייגענער חברה האָט ער געוויזן שטאַרקייט און רעוואָ-לוציאָנערן עזות; אָפּשאַפן דעם באַפעל, ווי די לינקע עס-ערן פאַרלאַנגען, האָט ער נישט געוואָלט, און לגבי דער דייטשישער חברה אימפּעריאַליסטן האָט ער זיך געלאָזט אַ טירל צו פאַררופן זיך שפּעטער אויף דעם, אַז זיי איז דאָך אַ האָר נישט געקרימט געוואָרן. אָט אַזוי האָבן אויך אין דעם פאַל דעמאַגאָגיע און רעאַל-פּאָליטיק געלעבט ווי צוויי לייבלעכע שוועסטער. איך האָב שפּעטער, אַז איינער פון די באָלשעוויקעס האָט מיט אַ לצנות דערמאָנט וועגן אונזער „ליבע צו באַראָנען", אויף דער זיצונג פון דער רעגירונג טאַקע דערציילט מכוח דער אַנטפּלעקונג, וואָס איז מיר אַריינגעפאַלן אין האַנט. ביי לענינען האָט זיך באַוויזן אַ פינסטערער שאָטן אויפן פּנים, אָבער ער האָט אים גלייך פאַרטריבן און געמאַכט אַ פּנים ווי שטענדיק.

און אויפן קאַלענדאַר האָבן זיך ווידער איבערגעדרייט אַ פּאָר בלעטלעך. מען האָט שוין געשלאָסן דעם שלום מיט די דייטשן. און זיי האָבן אַרויסגעשטעלט אַלס איינע פון זייערע פאָ-דערונגען: אומקערן תיכּף ומיד פון סיביר אין אַ זיכערן צו-שטאַנד אַלע אַרויסגעשיקטע באַראָנען און ברענגען זיי בשלום קיין עסטלאַנד. און מען האָט געדאַרפט זען, מיט וואָס פאַר אַ פלינקייט און ערנסטקייט לענין האָט געזאָרגט, אַז דאָס

זאָל מאַקע געשעען אזוי. אין אָפּהיטן די תּנאים פון דעם שלום-אָפּמאַך איז ער געווען אַ גרויסער מקפּיד. הײַנטיקעס מאָל האָט מען שוין נישט געדאַרפט קיין לינקע עס-ערישע שמירה פאַר די אריסטאָקראַטן. די לעטישע רויט-גוואַרדייער אַליין האָבן זיי בכבודיק באַגלייט דעם גאַנצן וועג. און דאָס האָבן די באָלשעוויקעס געטון דעמאָלט, ווען מיר, וואָס זענען אויפגעטרעטן קעגן דעם בוקן זיך פאַרן דייטשן מיליטער, האָבן גראָד שוין נישט געהאַלטן פאַר נייטיק צו זאָרגן אין אזאַ מאָס וועגן די באַראָנען. באַשיצן זיי אַלס מענטשן, האָבן מיר געהאַלטן פאַר אונזער רעוואָלוציאָנערן חוב; אַרומטאַנצן אַרום זיי צוליב פּאָליטישע טעמים, האָבן מיר געהאַלטן פאַר אַ ירידה פון דער רעוואָלוציע.

אָבער לענין האָט דאָס מאָל געהיטן זיי ווי אַן אייגן קינד. דורכן טעלעגראַף, וואָס האָט זיך געפונען אין זײַן קאַבינעט, פלעגט ער אָנפרעגן וועגן זייער נסיעה בײַ אַלע גרויסע סטאַציעס, דורך וועלכע זיי זענען געפאָרן.

צי האָט נישט דער באַראָן מייענדאָרף דאָך בטעות איבערגעגעבן מיר דעם זילבערנעם אַדרעס?

### דאָס צענטע קאַפּיטל

## ברעסט-ליטאָווסק

**1**

עס האָט געאַרנישט געהאָלפן! די געוואַלטיקע האָפנונגען אויף שלום, אויף אומקערן זיך צו אַ פרידלעך לעבן, אויף אָנהייבן בויען דעם סאָציאַליזם, וואָס די מאַסן האָבן געבראַכט מיט זיך אין דער רעוואָלוציע, זײַנען געוואָרן צו נישט. דער טריומף-צוג פון דער רעוואָלוציע, וואָס האָט כמעט אָן שוועריקייטן געזיגט אין איין פּראָווינץ נאָך דער אַנדערער, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן שוין אין די באַנאַכבערטע לענדער, פון אויבן אין פינלאַנד ביז אונטן אין רומעניען — דער טריומף-צוג האָט זיך צום ערשטן מאָל אָנגעשטויסן אָן אָן אייזערנער וואַנט. פון ברעסט-ליטאָווסק, פון וואַנען עס האָבן זיך ביז איצט געגאָסן מוטיקע כוואַליעס פון דער רוסישער רעבעלן-פּראָפּאַגאַנדע, האָט זיך דערהערט אַ קאַלטע סאָלדאַטישע שטים פון דייטשן גענעראַל. דעם 16-טן פעברואַר 1918 האָט די דייטשע אַרמיי-פירונג (דער גענעראַל האָפמאַן) צוגעשיקט צו דער סאָוויעטן-רעגירונג די קורצע ידיעה: „דעם 18-טן פעברואַר, 12 אַ זייגער בייטאָג, הערט אויף דער וואָפן-שטילשטאַנד, וואָס איז געווען געשלאָסן מיט דער רוסישער רעפּובליק, און עס הייבט זיך ווידער אָן דער צושטאַנד פון קריג".

דידאָזיקע מעטאַלענע שטים האָט באַדייט אָן איבערקער אין דער גאַנצער לאַגע, און זי האָט תיכף אָנגעצונדן די נשמה פון פּעטראָגראַדער אַרבעטס-מענטש מיט טרויער און אויפברויז. „צו-

שטאַנד פון קריג״? — איצט ווידער אַמאָל, נאָכדעם ווי ד ר י י ח ד ש י ם האָט דער סאָלדאַט אויף ביידע זייטן פון די רוסיש-דייטשע טראַנשעען געלאָזט רוען זיין ביקס און קאַנאָן? נאָכדעם ווי ד ר י י ח ד ש י ם ל אַ נ ג האָבן געקלונגען אין דער צעבלוטיקטער ווינטער-לופט וואַרעמע מענטשלעכע שלום-אונטערהאַנדלונגען? נאָכדעם ווי מען האָט אַרויסגעריסן כאָטש אויף אַ ווײַלע פון דער בלוט-דורשטיקער חיה די גיפטיקע ציין, זאָל די חיה-רעה ווידער אַרײַנזעצן זיך אין דעם סאָלדאַט, וואָס גאַרט נאָך רו, נאָך אַרבעט, נאָך די נצחונות פון דער רעוואָלוציע? נאָכדעם ווי דער דייטשער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך דריי חדשים צוגעהערט צו אונזערע וויכוחים, וועט ער איצט צולאָזן, אַז זיינע באַדריקער זאָלן אָנפאַלן אויף אונז? קיין טיפערע באַליידיקונג און קיין טיפערע און קיין שאַרפערע פּיין האָט נישט געקאָנט איבערלעבן דער מענטש, ווי פון דער קורצער פּראָקלאַמאַציע פון דייטשן מיליטאַריזם.

ווי איז דאָס געקומען צו דערדאָזיקער פּראָקלאַמאַציע?

דעם 10-טן פעברואַר — מיט זעקס טעג פריער — האָט זיך די רעוואָלוציע דערהויבן אין ברעסט-ליטאָווסק אויף איר העכסטער מאָראַלישער און פּאָליטישער הויך. וואָכן-לאַנג האָבן זיך דאָרטן געצויגן די וויכוחים (נישט ממשותדיקע אונטערהאַנדלונגען מיט די גענעראַלן און דיפּלאָמאַטן. די סאָוויעטישע שלוחים, מיט טראָצקין בראש, האָבן אָן וועלכע נישט איז קאָמפּראָמיסן דערקלערט און אַנטוויקלט און פאַרטיפט דעם אינהאַלט פון א ו נ ז ע ד ע פאָדערונגען צום שלום. קיינע דעראָבערונגען פון פרעמדע לענדער! קיינע אָפענע און פאַרשטעלטע קאָנטריבוציעס! יעדעס פאָלק זאָל אַליין באַשטימען זיין ווייטערדיקן גורל! די דאָזיקע פאָדערונגען, אַרויסגעוואַקסן פון דער פאַרוואָרפענער רעוואָלוציאָנערער קאָנפערענץ אין צימערוואַלד, זענען דאָ געוואָרן צו אַ מאַכטפולן פּראָגראַם צו אַ רעוואָלוציאָנער פאָלק. און נאָך מער: די פאַרטרעטער פון ד ע ם פאָלק האָבן אין די פּאָליטישע שלום-פאָדערונגען טאָג אין טאָג אַרײַנגעגאָסן דעם סאָציאַלן תוך פון אַן אַרבעטער-רעוואָלוציע, האָבן טאָג אין טאָג צוגעטערגעריסן די

מאַסקעס פון די כלומרשט פרומע, פרידלעך-געשטימטע דייטשע אימפּעריאַליסטן. מען איז טאַקע געזעסן פאַרשפּאַרט אין דער ברעסט-ליטאָווסקער פעסטונג, אַרומגעצוימט מיט די שטעכיקע דראָטן פון דער דייטשער אַרמיי און צענזור, אָבער דער פאַרשטיקטער קלאַנג פון די סאָוויעטישע שטאָלצע רייד האָט זיך געטראָגן איבער דער פאַרחלשטער וועלט. אַז די רוסישע דעלעגאַציע אין ברעסט-ליטאָווסק האָט נישט קיינע זייטיקע, מלוכהשע אָדער נאַציאָנאַלע פּניות, אַז זי באַמיט זיך באמת אויפצוטרייסלען אַלע פעלקער צו אַ געמיינזאַמען שלום, אין דעם האָט נישט געקאָנט צווייפלען נישט דער סאָלדאַט אין דייטשלאַנד-עסטרייך, נישט דער סאָלדאַט אין פראַנקרייך-ענגלאַנד. אָבער עס האָט געדאַרפט זיין צייט, אַ סך צייט, ביז דערדאַזיקער גייסטיק און פּאַטריאָטיש-פאַרשקלאַפטער סאָלדאַט וועט אַריינזאַפּן אין זיך דעם גליענדיקן באַגער אין רוסלאַנד און די דערקענטעניש פון זיין אייגענער פליכט. די וועלט-רעבעליאָן האָט זיך גענייטיקט אין צייט אום אויסצוררייפן. און דער גייסטיקער גראַנגל פון די צוויי וועלטן, דער שוישפּיל פון אַריסטאָקראַטישע מלוכה-מענטשן אויף איין זייט און רויק-באַגייסטערטע אַרבעטער-און פויערים-פאַרטרעטער, אויף דער אַנדערער זייט, האָט גערופן פון ברעסט צום גלויבן, צו דרייסטקייט, צום האַנדלען. אין יאַנואַר איז טאַקע אין בערלין אויסגעבראָכן דער גרויסער שטרייק פון די אַמוניציע-אַרבעטער, און עסטרייך האָט זיך טאַקע געוואונדן אין שווערע פּראָלעטאַרישע קראַמפּן. מען האָט די באַוועגונגען אויף אַ ווײַלע דערשטיקט. אָבער זיי מוזן אויסדרייפן שפּעטער. דערפאַר האָבן מיר געזוכט צו פאַרציען וואָס לענגער די פאַרהאַנדלונגען אין ברעסט.

אָבער דערפאַר טאַקע האָט דער צד שכנגד געזוכט וואָס גיכער צו פאַרשטאָפּן דאָס מויל פון דעם קלינגענדיקן גלאָק אין ברעסט. און דער דייטש-עסטרייכישער לאַגער האָט אין אָנהייב פון פעברואַר אַרויסגעשטעלט זיין אולטימאַטום. ער האָט אונטערגעטראָגן צו דער חתימה אַ שלום-אָפּמאַך, וואָס האָט געדאַרפט אָפּשניידן די פליגל פון דער רעוואָלוציע, וואָס האָט געמאַכט צו

שטאַנד און צו שפּאַט דעם פּרינציפּ פון זעלבסטבאַשטימונג פון נאַציעס. נאָך דעם 10-טן פעברואַר האָט טראָצקי אויף דעם אול־טימאַטום געגעבן אַן ענטפער, וואָס איז פריער שוין אויסגעאַר־בעט געוואָרן אין פעטראָגראַד פון די ביידע פירנדיקע פּאַרטייען, באָלשעוויקעס און לינקע סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן. דער ענטפער איז געווען קורץ, נאָך קירצער ווי דער אולטימאַטום: „א ז א ש ל ו ם ש ר י י ב ן מ י ר נ י ש ט א ו נ ט ע ר, אָ ב ע ר ק י י ן מ ל ח מ ה ו ו ע ל ן מ י ר ו ו י י־ ט ע ר נ י ש ט פ י ר ן, מ י ר ד ע מ אָ ב י ל י־ ז י ר ן ד י אַ ר מ י י".

די אימפּעריאַליסטישע שלוחים זענען געווען צעטומלט. הערנדיק אַזאַ מין תשובה, וואָס איז ביז אַהער נישט באַקאַנט גע־ווען אין דער געשיכטע פון דיפּלאָמאַטיע. דער דייטשער מי־ניסטער קיולמאַן האָט אויפגערעגט דערקלערט טראָצקין, אַז די דייטשע דעלעגאַציע וויל באַטראַכטן די תשובה. טראָצקי האָט געענטפערט, אַז איצט זענען שוין אַלע פראַגן דערליידיקט.

— אָבער עס מוזן דאָך זיין צווישן אונזערע לענדער וועלכע-נישט-איז אינטערנאַציאָנאַלע באַציונגען! — האָט ווידער גענומען רעדן קיולמאַן. — אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד בלייבן מיר איצט?

דערויף האָט טראָצקי, אונטערשטרייכנדיק יעדעס וואָרט, אָפּגעענטפערט: „אויב דער פּאָרזיצנדער וויל, קאָן איך נאָך אַמאָל דורכלייענען אונזער דעקלאַראַציע. מער האָב איך נישט וואָס מוסיף צו זיין".

אַזוי איז מען זיך אין ברעסט פונאַנדערגעגאַנגען. אָבער דאָס רעוואָלוציאָנערע פאָלק אין רוסלאַנד האָט פ אַ ר ש ט אַ־נ ע ן דיזאָזיקע „משונהדיקע" פאָרמול פון 10-טן פעברואַר. — קיין מ ל ח מ ה מיט דייטשלאַנד-עסטרייך, קיין מלחמה קענען די סאָלדאַטן פון יענע לענדער טאָר נישט זיין! די מלחמה איז געשטאָרבן אויף אייביק, און מיר וועלן זי נישט מחיה מתים זיין. אום צו באַווייזן ווי ערלעך מיר מיינען דאָס, לאָזן מיר פונאַנ־דער די אַרמיי, לאָזן מיר אָן שוץ אונזערע גרענעצן. אָבער

ד ע ם שלום, דעם רויבערישן, אימפּעריאַליסטישן שלום, וואָס וויל אונטער דער מאַסקע פון אונזער איינוויליקונג פֿאַרשקלאַפן פעלקער — וועלן מיר אייך נישט אונטערשרייבן. אַזאַ שלום מיטן דייטשן אימפּעריאַליזם וואָלט נישט פֿאַרשטאַנען דער אַרבעטער אין איראָפּע. ער וואָלט עס באַטראַכט פֿאַר אַ פֿאַרראַט, ער וואָלט זיך דערפֿאַר ווידער זעליש באַהעפט מיט זיינע מושלים. — דאָס לאַנד פון סאָציאַלן איבערקער לאָזט אַרונטער דעם פֿאָרהאַנג פון בלוט. עס וועט נישט אַרויפציען דעם פֿאָרהאַנג פון באַטרוג!

דאָס זענען נישט געווען נאָר געשליפענע ווערטער — קרישטאָלן פון אויפגעקלערטע רעוואָלוציאָנערע מוחות, דאָס איז אין אַ גרויסער מאָס פֿאַרשטאַנען געוואָרן פון גאָר ברייטע מאַסן. זיי האָבן זיך געצויגן מיטן גאַנצן אימפּעט פון דער נשמה צו שלום, צו זייערע היימען און פעלדער, און זיי האָבן אויך געוואוסט, אַז מיט אַ ר ו ס י ש - ד ײ ט ש ן שלום אַליין וועט די רו און זיכערקייט נישט אַראָפּנידערן אויף זייערע היימען און פעלדער. אַזוי ווי צי וועט רוסלאַנד פֿאָרט זיין אַריינגעצויגן אין קריג. און נאָך מער: בעת די באַלעבאַטים פון דער וועלט פּוצן זיך אין מלחמה-קליידער און בעת אין רוסלאַנד האָט דאָס אָרימע פֿאָלק אַראָפּגעוואָרפן די באַלעבאַטים, וועט נישט זיין קיין שלום... ביז די וועלט וועט בלייבן ווי געווען באַלעבאַטיש. סיי די נויטווענדיקייטן פון דער סאָציאַלער באַפרייונג און סיי די מאָראַלישע פֿאַרבונדנקייט מיטן אויסלענדישן האָרעפּאַשניק-סאָלדאַט, וואָס האָט ליכטיק געשיינט אין דער פייערדיקער לופט, האָבן געפירט דעם אַרבעטער און דעם פויער צום געדאַנק פון אַ וועלט-שלום, פון אַ וועלט-רעוואָלוציע.

טאָמער וועט אָבער דער דייטש נישט וועלן צושטיין צו אונזער ערלעכער פֿאָרמול, טאָמער וועט ער ד אָ ך פירן ווייטער מלחמה?

דעמאָלט וועלן מיר ענטפערן דערויף מיט אַ „רעוואָלוציאָנערן קריג" (האָבן געטענהט די באָלשעוויקעס), מיט אַ קלאַסן-אויפשטאַנד (האָבן געטענהט די לינקע עס-ערן). דעמאָלט וועט יעדער פויער און אַרבעטער, וועלכער איז אפילו געלאָפן פון

מלחמה־פעלד וועט דערשפירן דעם סאָציאַלן, קאָנטר־רעוואָלוציאָ־נערן מהות פון אַ נייעם אָנגריף און וועט זיך שטעלן אַנטקעגן. אָבער צי מוז עס קומען דערצו?

מיט אַ קלאַפנדיק האַרץ, אָבער מיט אַ פעסטער איבערצייַ־גונג און שטאָלץ האָט מען דערפאַר אָנגענומען די פאָרמול פון 10־טן פעבּרואַר. מען האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ האָט די רעוואָלו־ציע דערגרייכט איר העכסטן אַקאָרד, אין וועלכן ס׳האָט זיך צונויפגעגאָסן רעוואָלוציאָנערע גרויסקייט מיט פּראַקטישער קלוג־שאַפט, און מען האָט געוואַרט, אַז דער דייטש־עסטרייכישער אַרבעטער וועט איצט, נאָך דעם אַקט, נישט דערלויבן זייַנע הער־שער צו רירן אַ גליד קעגן דעם רוסישן לאַנד. דער אַקט פון 10־טן פעבּרואַר האָט זיך געווענדט מיט דעם גרויסן אויפרוף צו זייַן האַרץ און צו זייַן שכל.

## 2.

אָבער דעם 16־טן פעבּרואַר איז געקומען דער גרויסער קלאַפּ פון אַנטוישונג. פּעטראָגראַד האָט אויפגעציטערט. די סאָוויעטן־רעגירונג האָט נאָך נישט געוואָלט גלייבן אין דער מעגלעכקייט פון אַ ווייטערדיקער מלחמה. טראָצקי האָט טעלעגראַפירט צו דער דייטשער רעגירונג אין בערלין: ער האָט פּ ר אָ ט ע ס ט י ר ט קעגן דעם פּלוצלינגדיקן איבערפאַל פון גענעראַל האָפמאַן (ווייל ער האָט — לויט אַן אָפּמאַך — געדאַרפט אָנזאָגן וועגן דער נייער לאַגע נישט פאַר צוויי, נאָר פאַר זיבן טעג פריער!) און ער ה אָ ט א ָ נ ג ע פ ר ע ג ט צי די רעגירונג אין בערלין באַשטעטיקט דעם אַקט פון איר מיליטערישער לייטונג. ס׳איז באַלד דורך ראַדיאָ געקומען די תשובה: דייטשלאַנד באַטראַכט דעם וואָפן־שטילשטאַנד פאַר געענדיקט און עפנט ווידער אויף דעם קריג קעגן רוסלאַנד.

נאָך די ווערטער זענען האַסטיק געקומען די מעשים. דעם 18־טן פעבּרואַר האָבן מיר דערוואוסט זיך, אַז דייטשע סאָלדאַטן



י. נ. שטיינבערג אַלס יוסטיץ-קאָמיסאַר דעצעמבער 1917

האָבן (נישט אין אַ גרויסע צאָל) אָנגעהויבן אַן אָנגריף אויף דעם
לאַנד. ס'איז איינגענומען געוואָרן די שטאָט־פעסטונג דווינסק...
מ'האָט באַזעצט די שטעט ווינדן (אין ליפלאַנד), די שטאָט לוצק
(אין וואָלין)... שוועדישע שיפן האָבן — בשותפות מיט דייטשן —
באַזעצט די אַלאַנד־אינזלען... ס'האָבן גענומען זיך אויסמאָלן די
קאָנטורן פון אַ פּלאַנמעסיקן אָנגריף אויף פּעטראָגראַד גופא. אויף
זיכער האָט מען דאָס נישט געוואוסט, אָבער די קאָנטורן האָבן זיך
אויסגעמאָלט אויפן האָריזאָנט. מיר האָבן געוואוסט, אַז די גי־
גאַנטישע רעשטלעך פון דער רוסישער אַרמיי דעמאָביליזירן זיך,
אַז זיי פאַרפלייצן אַלע באַנען, אַלע וועגן, אַלע גרענעץ־שטעט.
די שמחה פון דעמאָביליזאַציע, וואָס איז דעם 10־טן פעברואַר
געוואָרן דערלויבט, האָט מיט אימפּעט געטריבן הונדערטער
טויזנטער פאַרמאַטערטע מענטשן אַהיים, אין די דערפער, אין די
טיפענישן פון פּראָווינץ. דער אָנגריף פון דייטשן האָט געמוזט
אַריינטראָגן אין דידאָזיקע פון מיליטער־יאָך באַפרייטע מאַסן אַ
פּאַניק. שטעט און שטעטלעך, מיליטער־סקלאַדן און אַרטילעריע,
באַנען און בריקן וועלן מסתמא אָן ווידערשטאַנד אַריינפאַלן אין
האַנט פון דעם שונא. מיט ווייטיק האָט מען דערהערט, אַז
ד ו ו י נ ס ק , וואו ס'האָט אַזוי שטאָלץ געוויייעט די רויטע
פאָן אין די אַלע חדשים, איז אַריבער צו דעם שונא פון דער
רעוואָלוציע. די איוב־ידיעות פלעגן יעדע פאָר שעה אַריינרייסן
זיך ווי שטורעמס אין שטאָט. אַ טיפע אויפרעגונג האָט גענומען
פאַרכאַפּן די מאַסן אין פאַבריקן, קאַזאַרמעס און שיפן. דער שאָטן
פון אַ נייער טראַגעדיע האָט זיך ברייט אויסגעשפּרייט איבער
דעם אין רעוואָלוציע פאַרכישופטן פאָלק. מען האָט איבערגעכאַפּט
די ראַדיאָ־טעלעגראַמע פון דעם העכסטן דייטשן קאָמאַנדיר אויפן
מזרח־פראָנט, פון ביירישן פּרינץ לעאָפּאָלד. אין דער טעלעגראַ־
מע איז געשטאַנען: „פון מזרח דראָט איצט אַ נייע געפאַר: די
מאָראַלישע אָנשטעקונג. דאָס איצט קראַנקע רוסלאַנד באַמיט זיך
אָנצושטעקן מיט זיין קרענק אַלע לענדער פון דער וועלט. קעגן
דעם מוזן מיר קעמפן. קעגן דער וועלט אומאָרדנונג, וואָס טראָצקי
האָט אַריינגעבראַכט, אום צו צעשטערן די פרייהייט, מוזן מיר

אויפשטעלן די וועלט־אָרדנונג, וועלכע היט אָפּ די פרייהייט. דייטשלאַנד האָט דאָס גליק דורכצופירן -- אין זיינע נאַציאָנאַלע אינטערעסן — דאָס, צו וואָס עס שטרעבן אַלע פעלקער". מיט דידאַזיקע ווערטער האָט די דייטשע אַרמיי קלאָר אַרויסגעזאָגט אירע אמתע פּלענער: זי איז איצט געגאַנגען מיט דעם ווילן צו פאַרניכטן די סאָציאַלע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. זי האָט זיך געפילט ווי דער סאָציאַלער שליח פון דעם גאַנצן וועלט־קאַפּיטאַל.

אויב אַזוי, אויב עס האָט זיך טאַקע איצט אָנגעהויבן דער שטורעם פון דער אַלטער וועלט קעגן דער ערשט ניי־געבוירענער יונגער וועלט — ווען מיר נישט שוויגן! און אַ שטילער, אַנט־שלאָסענער ענטוזיאַזם האָט זיך גענומען פונאַנדערברענען אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן, אומעטום וואו נאָר אַ רעוואָלוציאָנער האַרץ האָט געגליט. אין די טעג איז דער פּאָעט אַלעקסאַנדער בלאָק אַרויסגעטרעטן (אין דער צייטונג פון די לינקע עס־ערן) מיט זיין פייערדיק געדיכט „סקיטן", וואו טיפסטע ליבע צו מענטשהייט האָט זיך אויסגעמישט מיט נבאַישער קראַפט פון דראָונג און אי־בערגעגעבנהייט צו רעוואָלוציע. מיטן פּנים געווענדט צו אייראָ־פּע, האָט ער געדונערט:

אָ דו, אַלטע וועלט!
ביז דו שטייסט נאָך אויף די פיס,
שטעל זיך אָפּ מיט יראה פאַר דעם ספינקס
מיט די געהיימנישפולע אויגן.

רוסלאַנד איז דער ספינקס!
מיט שמחה און מיט צער, באַגיסנדיק זיך מיט בלוט,
קוקט ער, קוקט ער, קוקט ער אין דיר אַריין,
קוקט מיט שנאה און מיט ליבע.

קומט צו אונז! פון די מלחמה־שרעקן,
פאַלט אַריין אין אונזערע אָרעמס!

ביז נישט שפעט — לייגט אַריין די שווערד אין שייד!
חברים! לאָמיר ווערן ברידער!

און טאָמער נישט - נישטאָ וואָס צו פאַרלירן,
אויך מיר קאָנען אייך פאַרראַטן!

. . . . . . . . . . . . . . . . .

מיר וועלן אומדרייען זיך צו אייך
מיט אונזער אַזיאַטיש פּנים!

צום לעצטן מאָל — באַטראַכט זיך, אַלטע וועלט!
צום ברידערלעכן מאָלצייט פון אַרבעט און פון שלום,
צום לעצטן מאָל, צום ברידערלעכן מאָלצייט
רופט אייך צונויף דאָס ליד פון די באַרבאַרן!

אין די טעג האָט זיך דערהערט אַן אַנדערע שטים פון רוסישן דענקער, איוואַנאָוו ראַזומניק, וועלכער האָט רזיק גערופן צו קרבנות און האָפנונג. „אַ גרויס געװעט — צי אַלטע מלוכה צי וועלט-רעוואָלוציע — איז היינט געוואָרפן אויף די וואָגשאָלן פון דער געשיכטע. און זאָל אפילו היינט פאַלן צו דער ערד אונזער גורל, זאָל אפילו די שווערע שווערד פון דרויסן נאָכאַמאָל איבער-וועגן דאָס גאָלד פון רעוואָלוציאָנערן בלוט, זאָל זיך אפילו דער-הערן דער פאַרשיכורטער אויפשריי פון זיגער! אָבער דער פלאַם פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט זיך שוין איבערגעוואָרפן אין לאַגער פון דעם זיגער, און ער וועט אים אויפפרעסן אפשר אַ סך פריער ווי עס מיינען די „קלוגע״ פּאָליטיקער, די בטלנים פון סאָציאַליזם... נישט אונטערגאַנג פון דער רעוואָלוציע, נאָר אונ-טערגאַנג פון דער אַלטער וועלט הערן מיר אין די שווערע טריט פון די ביז ציינער באַוואָפנטע מחנות... מיט דעם גלויבן און וויסן קוקן מיר ליכטיק אין דער צוקונפט, אויב אפילו — אין אַ קורצן נצחון — וואָלט אונז דערשטיקט די שטאָלענע מאַשין. ווייל דער לעצטער נצחון געהערט צו דער קומענדיקער וועלט-רעוואָלוציע״.

דער גרויסער צוזאַמענשטויס האָט געוועקט די גרויסע באַגייסטערונג. וואָס די פּאָעטן האָבן געזונגען, וואָס דאָס האַרץ פון מיליאָנען האָט איבערגעלעבט — דאָס האָבן איצט די פירנדיקע רעוואָלוציע־אָרגאַנען געדאַרפט פאַרוואַנדלען אין קלאָרע פּאָליטישע באַשלוסן. אַלעמענס אויגן האָבן זיך געווענדט צו דער סאָוויעטן־רעגירונג און צום סאָוויעט־פּאַרלאַמענט.

אָבער דווקא דאָ איז די לאַגע נישט געווען פּשוט. אויב די לינקע עס־ערן האָבן זיך אין זייער גרעסטער טייל געהאַלטן שטאָל און אייזן פאַר זייער ערשטער קעגן־פּשרותדיקער ליניע, האָט אין דער פּאַרטיי פון די באָלשעוויקעס אויסגעבראָכן אַ קריזיס. איינער פון זיי איז אַרויסגעטרעטן איצט שאַרף קעגן דער ביז־איצטיקער ליניע. דער איינער איז אָבער געווען ל ע נ י ן. לענין האָט דערביי נישט איבערגעבראָכן זיין אייגענע פּאָזיציע; ער איז מער נישט איצט אָפן אַרויסגעטרעטן מיט איר. לענין האָט שוין לאַנג, נאָך אין דער צייט פון די ברעסטער וויכּוחים, געהאַלטן, אַז מען מוז תּיכּף שליסן מיט דייטשלאַנד אַ סעפּעראַטן שלום. ער האָט דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט פאַרטיידיקט אָן אויפהער ביי זיך אין צענטראַל־קאָמיטעט.

אמת אין די ערשטע וואָכן פון דעם אָקטאָבער־נצחון, בעת מען האָט פונאַנדערגעשיקט צו אַלע מלוכות דעם פאָרשלאַג צוזאַמענצוקומען זיך אויף שלום־אונטערהאַנדלונגען, האָט נאָך לענין אויך געהאַט אַ שטיקל האָפענונג. איך געדענק ווי אין אָנהייב דעצעמבער אין אַן אָוונט בין איך און אַנדערע געזעסן ביי לענינען; ער איז געווען אין אַ געהויבענער פרייליכער שטימונג. צובייגנדיק זיך מיטן קאָפּ צו אונז, האָט ער דערציילט מיט כּוונה וועגן דעם צוזאַמענקופט, וועלכער איז דעם טאָג געווען צווישן טראָצקין און דעם פראַנצויזישן באַטשאַפטער נולאַנס. מיט אומגעוויסער האָפענונג האָט ער דערציילט ווי דער באַטשאַפטער האָט פּלוצלינג טעלעפאָנירט צו טראָצקין, ווי זיי האָבן נאָך ביידע זיך אָן עצה געהאַלטן, אין וואָס פאַר אַ בגד זאָל אונזער קאָמיסאַר גיין אויף דעם צוזאַמענקונפט... עס איז דאָך די ערשטע באַגעגעניש צווישן אונזער דיפּלאָמאַטיע און דער קאַפּיטאַליסטישער...

אודאי איז דאָס נישט קיין ראיה, אַז די מלוכות וועלן נעמען אַנטייל אין די שלום־פאַרהאַנדלונגען... אָבער דאָך האָט דער באַטשאַפטער פונאַנדערגעפּרעגט זיך וועגן די אונטערהאַנדלונגען אין ברעסט... ווייסט דאָס שוואַרצע יאָר, אפשר וועלן זיי אויך אַריינלאָזן זיך אין זיי...

3.

אָבער שפּעטער, אַז מיר זענען פאַרבליבן אין ברעסט אויג אויף אויג מיט די צענטראַל־מלוכות אַליין און אַז ער האָט דער־שפּירט די אייזערנע נעגל פון די כּלומרשטדיקע רודף־שלומניקעס, האָט לענין אָנגענומען פאַר זיך אַ שאַרפן אַנטשלוס: מען מוז תיכּף מאַכן מיט זיי שלום! שלום אונטער אַלע באַדינגונגען! ער איז געווען קעגן דער פאַרשלעפּונג פון די פאַרהאַנדלונגען, קעגן אַפּרוקן די אַנטשיידנדיקע מאָמענטן, קעגן לייגן האָפנונגען אויף די אויפשטאַנדן פון די דייטשע אַרבעטער, קעגן דעם באַ־שלוס פון 10־טן פעברואַר: „נישט קריג און נישט קיין שלום!" אָבער ער האָט נישט געהאַט אין זיין אייגענעם צענטראַל־קאָמי־טעט קיין מערהייט פאַר זיך און ער האָט געלאָזט פירן די ליניע פון טראָצקין און די לינקע עס־ערן. פאַרוואָס האָט ער נישט אויפ־געהויבן שוין פריער קיין שטורעם? אפשר ווייל ער האָט אין האַרץ דאָך געהאַט אַ ברעקל האָפנונג אויף דערפאָלג פון דער אָפיציעלער ליניע, ווייל ער האָט געהאַלטן דעם עקספּערימענט פאַר נייטיק, אום צו איבערצייגן די ווידערשפּעניקסטע אוטאָפּיסטן פון זיין לאַגער. שוין דעם 7־טן יאַנואַר (אויף מאָרגן נאָכן פו־נאַנדערלאָזן די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג) האָט ער פאַרפאַסט — און אין חדרי חדרים פון זיין פּאַרטיי געהיים מיטגעטיילט — זיינע „טעזיסן וועגן שלום מיט דייטשלאַנד". שוין דעמאָלט האָט ער אַרויסגערוקט אַלע אַרגומענטן, וועלכע ער האָט געברויכט שפּע־טער ביים אָפענעם קאַמף. „איר זאָגט, אַז אַ סעפּעראַטער שלום וועט אָביעקטיוו הייסן אַ צונויפרייד מיט די דייטשע אימפּעריאַ־

ליסטן און פולשטענדיקן אָפּזאָג פון אינטערנאַציאָנאַליזם. אָבער בעת אַרבעטער, וועלכע פאַרשפּילן אַ שטרייק, שרייבן אונטער שעדלעכע פאַר זיי און נוצלעכע פאַרן קאַפּיטאַליסט באַדינגונגען, פאַרראַטן זיי נישט דעם סאָציאַליזם. איר זאָגט, אַז שליסנדיק דעם שלום, ווערן מיר אָביעקטיוו אַגענטן פון דייטשן אימפּעריאַליזם, ווייל מיר גיבן אים אָפּ מיליאָנען געפאַנגענע, וואָפן א. א. וו. אָבער אויב מיר וועלן נעמען פירן איצט אַ רעוואָלוציאָנערן קריג, וועלן מיר אויך ווערן אָביעקטיוו אַגענטן פון ענגליש-פראַנצויזישן אימפּעריאַליזם, ווייל מיר וועלן מיטהעלפן זיינע צילן. אָט האָבן דאָך די אַמעריקאַנער פשוט פאָרגעשלאָגן אונזער הויפּט-קאָמאַנדיר קרילענקאָ צו הונדערט רובל אַ חודש פאַר יעדן זעלנער אונזערן, אויב מיר וועלן ווייטער פירן דעם קריג... מען דאַרף נישט קוקן אויף דעם אָדער יענעם אימפּעריאַליזם, נאָר אויף די אינטערעסן פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. מען זאָגט, אַז מיר האָבן דירעקט צוגעזאָגט אין אַ ריי דערקלערונגען צו פירן אַ רעוואָלוציאָנערן קריג און אַז דער סעפּאַראַטער שלום וועט זיין אַ פאַרראַט צו אונזער אייגן וואָרט. דאָס איז נישט אמת. מיר האָבן גערעדט וועגן דער נויטווענדיקייט צוצוגרייטן און צו פירן אַ קריג, און צוגרייטן מוזן מיר אים טאַקע אומבאַדינגט איצט אויך. אָבער די פראַגע איז, צי קאָנען מיר תיכף ומיד פירן אים... אונזער אַרמיי וועט אין די נאָענטסטע מאָנאַטן בשום אופן נישט קאָנען אָפּווערן דעם דייטשן אָנגריף... וואָלט די דייטשע רעוואָלוציע אויסגעבראָכן אין די נאָענטסטע 4-3 חדשים, דעמאָלט וואָלט אפשר אַ רעוואָלוציאָנערער קריג נישט פאַרניכטעט אונזער רעוואָלוציע; אָבער ווער ווייסט דאָס?... טאָר מען נישט דאָס מזל פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע שטעלן אין קאָן צוליב חשבונות צי וועט די דייטשע רעוואָלוציע אָנהייבן זיך אָט תיכף, באַלד, אין אַ פאָר וואָכן אַרום. אַזוי צו ריזיקירן וואָלט געווען אַן אַוואַנטורע... און די דייטשע רעוואָ-

לוציע וועט זיך נישט אָפּשטעלן אויב מיר וועלן שליסן אַ סעפּאַ־ראַטן שלום. פאַרקערט, דער ביישפּיל פון דער סאָוויעטישער רע־פּובליק אין רוסלאַנד וועט וועקן אַלע אַנדערע פעלקער...״

די אַלע אַרגומענטן פון לענינען האָבן דעמאָלט נישט גע־מאַכט קיין איינדרוק אויף די הויכע פענסטער פון די באָלשעווי־קעס. ביי דער אָפּשטימונג דעם 9־טן יאַנואַר האָט זייער צענטראַל־קאָמיטעט באַשלאָסן אַזוי: פאַר דעם פאַרציען די פאַרהאַנדלונגען מיט דייטשלאַנד 12 שטימען, קעגן — איין שטים (מסתמא לענין); פאַר דער פאָרמול פון טראָצקין (נישט שלום, נישט קריג) — 9, קעגן איר — אויך 9. מען האָט באַשלאָסן אַלזאָ: פירן ווייטער די פאַרהאַנדלונגען אין ברעסט. — לענין האָט געשוויגן. דידאָ־זיקע שטימונג אין באָלשעוויסטישן לאַגער, דער וואָרעם פון ספקות און קאַפּיטולאַציע אין זייער קערפּער איז דעמאָלט געבליבן פאַרבאָרגן פאַר דער וועלט, אויך פאַר אונז.

איצט אָבער — בעת דאָס דייטשע מיליטער האָט זיך אַריינגעריסן אויף דער טעריטאָריע פון די סאָוויעטן — האָט לע־נין מיט זיין שטענדיקער תקיפות גענומען דורכזעצן זיין ליניע. שוין דעם 17־טן פעברואַר האָט זיך פאַרזאַמלט דער באָל־שעוויסטישער צענטראַל־קאָמיטעט. די שטימונג האָט זיך שוין גע־ענדערט אין פאַרגלייך מיטן חודש יאַנואַר. לענין האָט פאַרלאַנגט מען זאָל תיכף אַריינטרעטן מיט דייטשלאַנד אין אונטער־האַנדלונגען וועגן אונטערשרייבן שלום. אָבער פון די עלף אָנ־וועזנדע פירער האָבן נאָר 5 (לענין, סטאַלין, סווערדלאָוו, סאָ־קאָלניקאָוו, סמיגלא) געשטימט דערפאַר. זעקס, און דערונטער טראָצקי, זענען געווען קעגנער. אָבער די פּאָזיציע פון די ניין־זאָגער איז געווען אַ שוואַכע, אַ שאָקלענדיקע. ווייל בעת מען האָט אָפּגעשטימט די צווייטע פראַגע — (אויב דער דייטשער אָנגריף וועט ווערן אַ פאַקט און קיין רעוואָלוציאָנערע כוואַליע אין דייטשלאַנד און עסטרייך וועט נישט אויפהייבן זיך, זאָלן מיר שליסן שלום?) — האָט זיך שוין טראָצקי אָפּגעטיילט פון יענעם צד און געשטימט מיט לענינען. טראָצקיס פּאָזיציע האָט דערמיט

בענומען העגגען אין לופטן. לענין האָט דערמיט צום ערשטן מאָל בעקריגן פאַר זיך די מערהייט.

דאָסדאָזיקע געווינס האָט ער נישט צוליבגעלאָזט פון האַנט. און אַז טראָצקי האָט אויף מאָרגן, דעם 18-טן פעברואַר, באַריכטעט אין צענטראַל-קאָמיטעט, אַז די דייטשן הייבן אָן צו מאַרשירן אויפן רוסישן פראָנט, האָט לענין ווידער שטייף אַוועקגעשטעלט די איינציקע פראַגע: שיקן צי נישט שיקן אַ טעלעגראַמע וועגן שלום צו דייטשלאַנד? די פיר רעדנער האָבן געהאַט נאָר צו פינף מינוט צייט צו רעדן. טראָצקי און בוכאַרין האָבן גערעדט קעגן שיקן די טעלעגראַמע. זינאָוויעוו און לענין — פאַר. לענין האָט גערעדט קלאָרע דבורים: „נעכטן האָט מען געשטימט פאַר יאָ, אויב דער אָנגריף וועט זיין און אַ באַוועגונג אין דייטשלאַנד וועט נישט זיין... דער אָנגריף איז שוין דאָ. מען טאָר נישט פאַרלירן קיין איין שעה. מען דאַרף איצט האַנדלען. אָדער מען דאַרף פירן אַ רעוואָלוציאָנערן קריג, וועלן אונז דעמאָלט די מאַסן פאַרשטיין, אָדער מיר הייבן אָן אונטערהאַנדלונגען וועגן שלום". לענין האָט דאָ נישט געקריגן קיין מערהייט: זיין פאַרשלאַג צו שיקן תיכף אַ טעלעגראַמע איז אָפּגעלייגט געוואָרן מיט 7 שטימען קעגן 6. אויף איין-איינציקער שטים האָט זיך געהאַלטן די גאַנצע צייט דער גורל פון דער פראַגע. לענין האָט פאַרביסן די ליפּ און האָט געוואַרט ביז זיין שעה וועט קומען. ביז ער וועט געפינען די פעלנדיקע איינע שטים. דעם זעלביקן טאָג אינאָוונט האָט ער די נייטיקע שטים אין אַ שטורמישער אַטאַקע דעראָבערט.

4.

דעם 18-טן זענען מיר דערגאַנגען וועגן דעם אָנהייב פון דייטשן אָנגריף. מיט אויפגעציטערטע געמיטער האָבן מיר אָבער אין משך פון טאָג אַלע — יעדער אויף זיין פּאָסטן — געטון די טעגלעכע רעוואָלוציאָנערע אַרבעט. מיר האָבן געוואוסט, אַז אינאָוונט און נאַכט וועלן מיר אין סמאָלני-אינסטיטוט מוזן שטעלן פאַר

זיך די אַנטשיידנדיקע פראַגן. ס'איז געקומען דער אָוונט. אין דעם לאַגן, מיט ליכט פאַרגאַסענעם, שטענדיק ערנסט־געמיטלעכן צימער זענען זיך צונויפגעקומען די פאַרזאָרגטע קאָמיסאַרן. מען האָט זיך גענומען — אַ ביסל צעשטרייט — פאַר די לויפנדיקע מלוכה־געשעפטן. די פאַרשטיקטע זאָרג האָט אָבער געלויערט פון אַלע ווינקעלעך. שפּעט אינאָוונט האָט זיך די זאָרג נאָך מער פאַרפינסטערט. זי איז געוואָרן האַרט ווי אַנצושטאָפּן. מען האָט אונז מיטגעטיילט, אַז די דייטשן האָבן איינגענומען דווינסק, אַז זיי שטייען איצט אויף דער ליניע פון פּסקאָוו. ד. ה. אויף דער ליניע פון פּעטראָגראַד. די קאָמיסאַרן־זיצונג מוז זיך באַלד ענדיקן, ווייל ס'ווערן עקסטרע אַהער צונויפגערופן די צענטראַל־קאָמיטעטן פון די ביידע פירנדיקע פּאַרטייען. זיי וועלן דאַרפן באַשטימען די פּאָליטיק אין דער סכנה־צייט, וואָס איז אָנגעקומען, פריער באַזונדער, נאָכדעם וועלן צוזאַמען באַראַטן זיך די צענטראַל־קאָמיטעטן. דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל אין אונזער אַרבעט; ביז איצט האָבן די באָלשעוויקעס קיינמאָל נישט צוגעלאָזט פרעמדע צו זייערע מיסטעריען. ס'איז געווען טאַקע נישט אומזיסט. די קאָמיסאַרן, וואָס זענען אויך מיטגלידער פון די צענטראַלע קאָמיטעטן, בלייבן דאָ אין סמאָלני. די איבעריקע מיטגלידער וועט מען איצט, אין דער נאַכט, זיכער צונויפרופן פון דער גאַנצער שטאָט, וואו זיי זענען פאַרשפּרייט.

די קאָמיסאַרן — וואָס זענען נאָר מלוכה־פירער, נישט פּאַרטיי־פירער — האָבן צונויפגענומען זייערע פּאָרטפעלן און גענומען שנעל פאַרשווינדן. די באָלשעוויקעס זענען אַריבער אין אַ באַנאַכבאַרטן קליינעם צימער צו זייער באַראַטונג. מיר זענען פאַרבליבן אין דעם גרויסן זיצונגס־צימער, וואָס האָט אויסגעזען איצט ווי אַן אויסגעליידיקטע פאַרלאָזטע חתונה־שטוב. די לאָמפּן האָבן געברענט ווי פריער, די לאַנגע הילצערנע טישן האָבן נאָך געטראָגן דעם אָטעם פון די מענטשן. מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אַלע אין ווינקל פון טיש. איינגאַנצן זענען מיר געווען אין דערדאָזיקער אומרויִקער שעה פון צענטראַל־קאָמיטעט זיבן מענטשן (אָנשטאָט

פופצן) : ספירידאָנאָוואַ, טרוטאָווסקי, קאַרעלין, איך און אַנדערע. מער האָט מען נישט געקאָנט אויפזוכן אין שטאָט אַזוי שנעל. אין אַן אויפגערעגטער-מונטערער שטימונג האָבן מיר באַטראַכט די נייע לאַגע. מיר האָבן געטראַכט אויף אַ קול, קאָלעקטיווערהייט אַזוי: ראשית כל, נישט צולאָזן קיין פּאַניק, קיין האַלז-בּרעכערישע באַשלוסן. ווי מען דאַרף האַנדלען אין דעם מאָמענט — ווייסן מיר נאָך נישט. מיר ווייסן אָבער ווי מען דאַרף נ י ש ט האַנדלען. מען טאָר נישט פּראָקלאַמירן קיין קריג (ווי מען זאָל אים נישט אָנרופן: הייליקער, רעוואָלוציאָנערער צי אַנדערער), ווייל ער וועט זיין ענלעך צו דער אָפּענסיווע פון 18-טן יוני אין קערענסקיס צייט, און וועט פירן צו דער פ י ז י ש ע ר מ פּ ל ה פון דער רעוואָלוציע. אַ קריג וועט מאָביליזירן די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע כוחות אין לאַנד. וועט זיי געבן אין האַנט דאָס בעסטע געווער פאַר דער אַגיטאַציע. באַזונדערס קאָן מען נישט רופן צו קריג, נאָכדעם ווי מיר האָבן אין ברעסט דעם 10-טן פעברואַר דערקלערט דעמאָביליזאַציע. מיר קאָנען נישט הרגענען פּשוט „דייטשן". מיר טאָרן נישט אַלס מ ל ו כ ה פירן אַ זעלבסט-שוץ. — מען טאָר אָבער אויך נישט שליסן קיין רויבערישן שלום. דאָס וואָלט געווען אַ מ אָ ר אַ ל י ש ע מ פּ ל ה פון דער רעוואָלוציע. דאָס וואָלט הייסן דערשטיקן די באַוועגונג אין דייטשלאַנד און אויפמונטערן די קאָנטער-רעוואָלוציע אין לאַנד. ס'איז בעסער דערפאַר נישט שטעלן זיך אַנטקעגן — לויט דעם גייסט פון דעם ברעסטער אַקט פון 10-טן פעברואַר. מיר מוזן אָפּטרעטן אויף צוריק, צעשטערנדיק אַלצדינג אויפן וועג. די בירגער זאָל זיין דערלויבט דער פּ אַ ר ט י ז אַ נ י ש ע ר (פּרייווי-ליקער, נישט מלוכהשער) קאַמף. אויב אָבער די דייטשן צילעווען זיך אויף פּעטראָגראַד, מוזן מיר אַריבערטראָגן די הויפּטשטאָט פון דער רעוואָלוציע קיין מאָסקווע, אין אַן אַנדערער שטאָט. דאָ וועלן מיר איבערלאָזן די געביידעס פון די פּאַלאַצן, אָבער נישט די נשמה פון דער רעוואָלוציע... אַזאַ טאַקטיק וועט הייבן דייטשלאַנד צו רעבעליאָן... איינס איז קלאָר: וועלן מיר היינט באַשליסן סעפּאַראַטן שלום אָדער הייליקן קריג, וועט דאָס אונז מיט-

אמאָל בינדן די הענט. בעסער אָפּוואַרטן די ווייטערדיקע געשעענישן. . .

עס האָט געדויערט נישט לאַנג, ביז מיר האָבן אין זיבן פּונקטן פאָרמולירט אונזער שטעלונג. מען מוז גענוי דורך באַגלייבטע קוועלן דערפאַרן, צי עס קומט טאַקע פאָר אַן ערנסטער אַנגריף, אויב ס'איז נישט מער ווי אַ סטראַטעגישע אָפּעראַציע פון מיליטער, וואָס וויל זיך באַפעסטיקן אויף זיינע פּאָזיציעס, דאַרף מען נישט אויפהייבן קיין גוואַלט-געשריי. ווען זיך די ידיעות וועגן דעם אַנגריף אַרויסשטעלן פאַר ריכטיק, זאָלן מיר אָפיציעל אָנפרעגן ביי דער דייטשער רעגירונג וועגן די צוועקן פון אַנגריף. דעמדאָזיקן פאָרשלאַג האָבן מיר געמאַכט אום נישט צוצולאָזן צו האַסטיקע הכנעהדיקע באַשלוסן, אום דער סאָוויעט-עקזעקוטיווע צו געבן צייט און מעגלעכקייט צו באַטראַכטן די לאַגע. „ביז מען וועט נישט קריגן פון דאָרטן קיין ענטפער, זאָל מען נישט פּראָקלאַמירן די לאָזונגען פון הייליקן קריג אָדער פון סעפּאַראַטן שלום”. אויב אפילו די דייטשע אַרמיי וועט ווייטער מאַרשירן אין לאַנד, זאָל מען אונזער אַרמיי און פלאָט אַרויספירן פון קאַמף.

די געפאַר איז אָבער געווען אין יענער שעה געוואַלדיג גרויס. דערפאַר האָבן מיר אָנגענומען דאָ אויך אַנדערע פאָרשלאָגן. „מען זאָל תיכף אָננעמען מיטלען, אַז מען זאָל קאָנען אַריבערפירן דעם אָפיציעלן צענטער פון דער סאָוויעטן-מאַכט פון פּעטראָגראַד קיין מאָסקווע אָדער אין אַן אַנדער אָרט... מען זאָל אָפּריימען פּעטראָגראַד פון פאַרדעכטיקע עלעמענטן... מען זאָל שאַפן איצט, אַרויסגענומען פון דעם באַשטאַנד פון קאָמיסאַרן-ראַט, אַ צענטראַל-אָרגאַן פון פינף חברים (דריי באָלשעוויקעס, צוויי לינקע עס-ערן). דאָרגן זאָל צונויפגערופן ווערן אַ געשלאָסענע זיצונג פון דער סאָוויעט-עקזעקוטיווע”.

אַ זייגער צוויי ביינאַכט האָבן מיר געשלאָסן אונזער זיצונג. אין דער נשמה האָט געהערשט אַ מין רויקער אומרו, אַ ליכטיקע קלאָרקייט. מיר האָבן געזען די גרויסע געפאַר, אָבער מיר האָבן געהערט אויך די טריט פון די גרויסע געשעענישן, וואָס קלאַפּן אין

טיר. עס קומט די צייט פון קרבנות, פון באגייסטערונג, פון די הייליקסטע צילן. מען איז געווען יונג, און העלדישקייט האָט געשפּילט אין דעם בלוט.

מיר זענען געווען פּאַרטיק מיט אונזערע באַשלוסן (נישט שיקן קיין טעלעגראַמע צו דייטשלאַנד, יעדנפאַלס, אָפּלייגן די באַטראַכטונג אויף מאָרגן אין דער סאָוויעט-עקזעקוטיווע) און האָבן גענומען וואַרטן אויף דער געמיינזאַמער זיצונג מיט די באָלשעוויקעס.

5.

וואָס איז אָבער אין דידאָזיקע שעהן געשעען ביי זיי? ס'איז ביי זיי אָנגעגאַנגען אַ זיצונג, דראַמאַטיש ביז גאָר. טראָצקי האָט מיטגעטיילט וועגן דעם פאַלן פון דווינסק און האָט פאָרגעגעשלאָגן אָנצופרעגן די דייטשן וועגן זייערע פאָדערונגען. לענין האָט גערעדט שאַרף: „שפּילן זיך מיט מלחמה טאָר מען נישט. מיר פאַרלירן וואַגאָנס און דעם טראַנספּאָרט. איצט קאָן מען נישט וואַרטן מער. דער שפּיל איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ס'וועט קומען צו אַ מפּלה פון דער רעוואָלוציע, אויב מיר וועלן ווייטער פאַרנעמען אַ מיטעלע ליניע. וואָלטן די דייטשן געזאָגט, אַז זיי פאָדערן אַראָפּצוואַרפן די באָלשעוויסטישע מאַכט, דעמאָלט וואָלט מען אוודאי געמוזט פירן מלחמה. איצט קאָן מען מער נישט אָפּלייגן. אָנפרעגן ביי די דייטשן (ווי טראָצקי וויל), איז נישט מער ווי אַ פּאַפּירל. דאָס איז נישט פּאָליטיק. דאָס איינציקע — פאַרשלאָגן די דייטשן עפענען ווידער די פאַרהאַנדלונגען וועגן שלום... די געשיכטע וועט זאָגן, אַז איר האָט אָפּגעגעבן די דייטשן אונזער רעוואָלוציע... די אַרמיי האָבן מיר דעמאָביליזירט, איז לעכערלעך צו רעדן וועגן אַ קריג... אויב די דייטשן וועלן אָוועקנעמען ליפלאַנד און עסטלאַנד, לאָמיר עס אָוועגעבן צוליב דער רעוואָלוציע. וועלן זיי פאַרלאַנגען, אַז מיר זאָלן אַרויס

פירן אונזער אַרמיי פון פינלאַנד — זייט אַזוי גוט, זאָלן זיי נע־מען דאָס רעוואָלוציאָנערע פינלאַנד...״

מען האָט אָפּגעשטימט לענינס פאָרשלאַג: „ת י כ ף וועגדן זיך צו דער דייטשער רעגירונג מיטן פאָרשלאַג צו שליסן ת י כ ף שלום״. זיבן (דערונטער טראָצקי אויך) האָבן אָפּגע־געבן זייער שטים פאַר י אָ. זעקס (דערונטער דזערזשינסקי, בוכארין, יאָפע) האָט געשטימט מיט נ י י ן. (איינער האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון שטימען.) טראָצקי, וואָס האָט זיך כסדר גע־שאָקלט, האָט געגעבן די איבערמאַכט לענינען. מיט דער זעלבי־קער זיבן־שטימען־מערהייט האָט מען באַשלאָסן צו דערקלערן אין דער ראַדיאָ־טעלעגראַמע, אַז מען איז גרייט אונטערצושרייבן באַ־דינגונגען אויך ערגערע ווי אין ברעסט־ליטאָווסק. לענין און טראָצקי האָבן געדאַרפט אָנוואַרפן דעם טעקסט פון דער טעלעגראַמע...

בשעת אין קלענערן צימער זענען פאָרגעקומען די דעבאַטן, האָבן מיר דערווייל רויק געוואַרט אויף דער זיצונג. אָנשטאָט דעם איז אָבער פּלוצלינג שטיל אַריינגעקומען פון דאָרטן ס וו ע ר ד־ל אָ וו. דער קליין־וואוקסיקער, פעסט־געבויטער, מיטן שפּיציקן מעטאַלענעם פּנים סווערדלאָוו איז געווען דעמאָלט סיי דער פאָר־זיצער פון דער סאָוויעטן־עקזעקוטיווע, סיי דער סעקרעטאַר פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. אויף די מאַסן־פאַרזאַמלונגען פון די סאָוויעטן איז ער געווען דער קאַלט־בלוטיקער ביז דער האַר אויס־גערעכנטער, שטאָלענער שליח פון לענינען. אין זיין טאַשן־ביכל האָט ער געטראָגן די גאַנצע באַלעבאַטישקייט פון דער פּאַרטיי, אין די אינערלעכע כסוכים איז ער געווען דער דיפּלאָמאַט, לגבי דרויסן האָט ער פאַרקערפּערט די אייזערנע דיסציפּלין פון באָל־שעוויקעס. היינטיקע נאַכט, אַז די באָלשעוויקעס האָבן אונז נישט געוואָלט אַרויסבאַווייזן די מבוכה אין זייערע רייען, האָבן זיי דער־ווייל אַרויסגעשיקט צו אונז סווערדלאָוון. ער האָט געזאָלט אַרי־בערשלעפּן אונז אויף דעם באַשלוס פון זייער צענטראַל־קאָמיטעט: שיקן די טעלעגראַמע. צוגעזעצט זיך צום טיש, האָט ער גענומען מאָלן פאַר אונז די סכנות: די דייטשן האָבן זיך שוין אַריינגע־

ריסן, זיי ווילן פאַרנעמען אָן צווייפל אויף פּסקאָוו, ס׳איז מעגלעך, אַז זיי וועלן באַזעצן די סטאַציע באָלאָגאָיע און אָפּשניידן דערמיט פּעטראָגראַד פון מאָסקווע... מען האָט גערעדט שטילערהייט, ווי ביים בעט פון אַ געפערלעכן קראַנקן. מיר האָבן זיך נישט געלאָזט פון אָנהייב אַראָפּשטופּן פון אונזער פּאָזיציע, אָבער אייניקע פון אונז האָבן זיך געטון אַ שאָקל. אַז סווערדלאָוו איז אַוועק, האָבן מיר נאָכאַמאָל אָפּגעשטימט. מיט פינף קעגן צוויי שטימען באַשלאָסן : אונזער רעזאָלוציע נישט צו ענדערן, באַשטיין דערויף, אַז די אַנטשיידונג פון ראַטן־רוסלאַנד זאָל אָפּגעלייגט ווערן ביז מאָרגן אינדערפרי, ווען די סאָוויעט־עקזעקוטיווע וועט זיך צונויפקומען. אַז די באָלשעוויקעס האָבן — אום דריי אין דער נאַכט — דערהערט וועגן דעם באַשלוס אונזערן, זענען זיי געוואָרן זייער פאַרווירט. אָן אונז האָבן זיי נישט געקאָנט דורכפירן זייער באַשלוס. זיי האָבן נישט געקאָנט מער אויסבאַהאַלטן זיך. מיר זענען אַריינגעגאַנגען צו זיי. אין דעם צימער איז געשטאַנען אַ שווערע אָנגעשטרענגטע פאַרדריכערטע לופט פון מענטשן, וואָס קאָנען נישט דורכקומען צווישן זיך. אָנגעשפּאַרט אויפן קאַמין, איז געשטאַנען מיט צעשויבערטע האָר טראָצקי. פינסטער ווי די נאַכט, מיט אויגן פון אַ רויב־פויגל, האָט ער געקוקט איבער אַלעמענס קעפּ אין די פענסטער. מיט אַ צעשטרייט דיקלעך־קינדעריש פּנים האָט זיך קיין אָרט נישט געפונען אין צימער קרילענקאָ, דער הויפּט־קאָמאַנדירנדער פון דער אַרמיי. ביי די ווענט, ביי די פענסטער זענען געשטאַנען יאָפע, קרעסטינסקי, אוריצקי, רייכערנדיק בערוועז פּאַפּיראָסן. נאָר לענין האָט געשפּאַנט מיט ברייטע טריט איבערן צימער, אַריינשטעקנדיק די הענט אין די קעשענעס, און האָט פאַר זיך געשמייכלט. ערשט איצט זענען מיר דערגאַנגען, אַז צווישן זיי הערשן גרויסע חלוקי דעות. יאָפע און קרעסטינסקי האָבן אונז שטיל געזאָגט : „איר האָט אונז אונטערשטיצט”. עס האָבן זיך אָנגעהויבן פּריוואַט־שמועסן אום צו איבערצייגן איינער דעם אַנדערן. מען האָט גערעדט שאַרף און פאַרביסן. אָט האָט אויפגעפלאַמט אַ געשריי פון דער סאָפע, אויף וועלכער ס׳האָבן זיך געטאַמפּערט אונזער קאַרעלין מיט סטאַלינען. מיט פונקען פון

די אויגן, מיט אַ הייזעריקער האַלדז־שטים האָט סטאַלין אין כּעס גערעדט. איך האָב אָנגעכאַפּט פאַרן אַרבל דעם קרילענקאָ, וואָס האָט צוגעשטעלט די איוב־ידיעות. „פאַרוואָס איז ביי אונדז אַזאַ ווידערשפּרעכנדיקע אינפאָרמאַציע? היינט דערציילט איר שרעק־לעכע מעשׂיות, אָבער סיי איר, סיי דיבענקאָ (דער מאַרינע־קאָמי־סאַר) האָבן דאָך נישט לאַנג אַנדערש באַריכטעט!..." די צייט איז געגאַנגען. די שמועסן האָבן צו קיין ברעג נישט געפירט. אַלע זענען אַרומגעגאַנגען פינסטער און טרויעריק. אויף אַלע פיגורן איז געלעגן דער שטעמפּל פון פאַרמאַטערטקייט און אַן אומדער־טרעגלעכער משׂא. סווערדלאָוו איז אָבער געווען פלינק און זיי אַ סאַרווער אויף אַ שׂמחה איז ער געלאָפן פון איין צד צום אַנ־דערן. — מען מוז עפענען אָפיציעל די געמיינזאַמע זיצונג — האָט ער דערקלערט. מיר זענען אַריבער אַלע אין דעם גרויסן זיצונגס־צימער פון שטענדיק, שווייגנדיק. אין אַ שווער געמיט, האָט מען זיך פונאַנדערגעזעצט, ווער וואו עס האָט זיך געלאָזט, צונויפגערוקט ביים אויוון. סווערדלאָוו האָט פאָרגעשלאָגן אָנצוהייבן די דעבאַטע. ס'זענען אַרויסגעטרעטן אַ ריי אונדזערע חברים. אַל־גאַסאָוו האָט באַגרינדעט אונדזער פאָרשלאָג אָפּצולייגן דעם ענין ביז מאָרגן פרי. טראָטאָווסקי (אַ פאָלקס־קאָמיסאַר) האָט געזאָגט: „דער אָנגריף האָט זיך דאָך שוין אָנגעהויבן. די קוואַליטאַטיווע ענדערונג אין דער לאַגע איז דאָך אַלזאָ געשען. קאָן שוין איצט נישט שפּילן קיין ראָלע דער קוואַנטיטאַטיווער (כּמותדיקער) וואוקס פון דעם אָנגריף". קאַרעלין: מיר מוזן בויען אונדזער פּאָזיציע נאָר אין פאַרבינדונג מיט דעם ברעסטער אַקט פון 10־טן פעברואַר. איך האָב געזאָגט: „מען טאָר זיך נישט אונטערגעבן דער פּאַניק, די ערשטע ידיעות. די אינפאָרמאַציע איז אָוועקגעשטעלט שלעכט. אפשר איז דאָס אַ שאַנטאַזש פון דייטשלאַנד, אפשר וועלכע נישט איז ספּעציעל־צוגעקליבענע באַנדעס. לאָמיר וואַרטן אויף ערגערס.

איי<br>ניקע האָבן גענומען שמייכלען. וואָס קאָן, הייסט עס, שוין זיין ערגער. „יאָ, יאָ, — האָב איך ווייטער גערעדט — די לאַגע איז שרעקלעך, אָבער איינצלנע פאַזן פון איר זענען שוין

נישט חיכטיק. נאָר פּאָליטישע פּיינשמעקער קאָנען זיך פונאַנדערקלויבן אין דעם. לאָמיר אָפּלייגן ביז דער סאָוויעט-עקזעקוטיווע אויף מאָרגן און אָננעמען אַן אַנטשלוס אין דער סביבה פון אונזער פּאָלק". קעגן אונז האָבן גערעדט זינאָוויעוו, טראָצקי, לענין. זיי אַלע האָבן געזאָגט: די טעלעגראַמע מוז מען שיקן... מיר בינדן זיך נישט דערמיט אויף ווייטער... ווען די דייטשן נישט ענטפערן אָדער שיקן אַן אוממעגלעכן ענטפער, וועלן מיר דערקלערן דעם פּאַרטיידיקונגס-קאַמף... אָבער — האָט לענין געטענהט מיט אַ שמייכל פון גוטער אויפגעלייגטקייט: — אַ רעגירונג דאַרף קאָנען אָננעמען שנעלע באַשלוסן; אַז נישט וועט אונז די וועלט-געשיכטע נישט מוחל זיין. שעהן שפּילן איצט אַ ראָלע. מען טאָר נישט אָפּלייגן ביז מאָרגן, ווייל די ביידע אונזערע פּאַרטייען הערשן סיי-ווי אין קאָמיסאַרן-ראַט, און די פּאַרטיי-פראַקציעס פון דער סאָוויעט-עקזעקוטיווע וועלן מיט אונז איינשטימען. „יאָ, — האָב איך זיך געווענדט צו לענינען — מען דאַרף קאָנען אָננעמען באַשלוסן שנעלע, אָבער נישט אין אַ שטימונג פון פּאַניק". זינאָוויעוו האָט געדרענגט: „נישטאָ וואָס צו וואַרטן אויף דער רעגירונג ביז מאָרגן פרי. דאָ זיצן גענוג קאָמיסאַרן..." דעמאָלט האָבן מיר פאָרגעלייגט צונויפצורופן מאָרגן אין דער פרי די סאָוויעט-עקזעקוטיווע (אונזער פּאַרלאַמענט, באַשטייענד פון אַ פּאָר הונדערט מיטגלידער). אויף דערויף האָט סווערדלאָוו זיך אָנגערופן: „עס וועט שווער זיין אַזוי פרי צונויפצורופן, און דערנאָך וועלן זיך אָנהייבן זיצונגען פון די פראַקציעס, און מיר וועלן נאָך ווייטער פאַרציען דאָס אָפּשיקן פון דער טעלעגראַמע. און בכלל, אויב איר זענט מרוצה צו שיקן, דאַרף מען עס נישט אָפּלייגן..." טראָצקי האָט עפּעס גערעדט. צו מיר איז צוגעגאַנגען יאָפע און געזאָגט: „אויב שוין יאָ שיקן, איז וואָס איז די נפקה מינה אין דער צייט?..."

ס'איז אַריינגעטרעטן אַ שווער שטילשווייגן. אַלע ווערטער זענען געווען שוין אויסגערעדט. אַ בלייערנע לאַסט איז געלעגן אויף די פּלייצעס. לענין האָט זיך שמייכלענדיק געוואָרעמט ביים אויוון. נישט ווייט איז געשטאַנען ספּירידאָנאָווא מיט די שאַרפ-

אומעטיקע אויגן, מיט די שוואַרצע רענדער אונטער זיי, אין איר־טונקל קלויסטער־קלייד. עס האָט זיך אונז נישט געוואָלט אַננעמען פּאַטאַלע באַשלוסן אין דער טיפער נאַכט. אַליין, אָן דעם וויסן, הינטערן רוקן פון די סאָוויעט־מאַסן. און עס האָט זיך נישט געוואָלט רייסן שאַרף מיט די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן דאָ איצט פאַר אונז אַזוי אָפן און שמערצלעך געטראָגן יסורים*). זאָל מען אפשר דאָך אויסהערן וואָס פאַר אַ טעלעגראַמע זיי ווילן שיקן? איך האָב איבערגעבראָכן דאָס שווייגן מיט דער פראַגע: וואָס פאַר אַ טעקסט איז ביי אייך?

די פראַגע האָט עפּעס ווי לייכטער געמאַכט אַלעמען, מען האָט אָפּגעאָטעמט. לעניגס אָנהענגער האָבן זיך דערפילט שטאַר־קער. זיי האָבן אַרויסגענומען דעם טעקסט און דורכגעלייענט אים. צווערשט איז דאָ געשטאַנען אַ פּראָטעסט קעגן דעם אָנגריף, דערנאָך האָבן מיר דערהערט: „דער ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן זעט זיך ביי דער געשאַפענער לאַגע געצוואונגען צו דערקלערן, אַז ער איז מרוצה אונטערצושרייבן דעם שלום לויט יענע באַדינ־גונגען, וועלכע זענען געווען פאָרגעשלאָגן אין ברעסט. אין סוף פון דער טעלעגראַמע איז נאָך מער געשטאַנען: „דער ראַט פון די קאָמיסאַרן דערקלערט, אַ ז די ת ש ו ב ה אויף נייע שלום־באַדינגונגען, וועלכע די דייטשע רעגירונג וועט שטעלן, וועט געגעבן ווערן אין משך פון 12 ש ע ה". די לעצטע ווערטער האָבן באַדייט פאַרלויפן דעם וועג דעם קעגנער און אַ טיפער בזיון פאַר דער רעוואָלוציע...

מיר האָבן אָנגעהויבן אין אונזער גרופּע שטיל דורכצו־שמועסן זיך, און דאָ האָבן זיך אַרויסגעשטעלט שוואַנקונגען. פ י ר פון אונזערע זיבן האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אָפּשיקן די טעלעגראַמע. אַזוי איז פּלוצלינג אַנטשטאַנען אַ „מערהייט" אין

*) אז דער באַשלוס פון די באָלשעוויקעס איז ביי זיי דורך נאָר מיט איין שטים, האָבן מ.ר דעמאָלט נישט געוואוסט. (ווען מיר וואָלטן דאָס געוואוסט!)

אונזער צענטראַל-קאָמיטעט און אַ „סאָלידאַריטעט“ פון ביידע קאָמיטעטן... ווי איז דאָס מעגלעך געוואָרן, אַז מיר, די ניין-זאָגער, האָבן דאָ נישט שטאַרק פּראָטעסטירט און נישט געמאַכט צו נישט דעם גאַנצן פּלאַן מיט דער דעפּעשע? אפשר, דערפאַר, ווייל די גאַנצע דעבאַטע איז דאָ געגאַנגען נישט אַרום דער פּרינציפּיעלער פראַגע וועגן שליסן שלום, נאָר וועגן אָפּלייגן אויף מאָרגן. אַזוי אַרום האָט די דעבאַטע פאַרלוירן איר שאַרפקייט, געוואָרן כמעט אַ טעכנישער שטרייט. דאָס האָט אָפּגעשוואַכט די שפּיצן פון דעם שטרייט, און דאָס האָט געפירט אייניקע אונזערע חברים אונטער-צוגעבן זיך. און אפשר האָבן אונזערע יאָ-זאָגער געטראַכט, אַז דאָס אָפּשיקן פון דער דעפּעשע וועט סיי ווי נישט אָפּשטעלן די געשעענישן, און אויב דאָס אָפּשיקן איז אפילו אַ פעלער, וועלן מאָרגן די סאָוויעטן-דעלעגירטע קאָנען אָפּענדערן די לאַגע...

מען איז צוגעטרעטן נאָך אַמאָל דורכנעמען און רעדאַגירן די טעלעגראַמע. טראָצקי האָט זיך געזעצט צום טיש און גענומען מיט אַ פעדער אַרבעטן איבער דעם טעקסט. ביים צווייטן אָפּזאַץ פון דעם טעקסט, וואו ס'האָט זיך געזאָגט „מרוצה אונטערצושרייבן דעם שלום“, האָט ער מיט דער שטים אונטערגעשטריכן: לויט יענע באַדינגונגען, וועלכע זענען געווען אין ברעסט. לענין האָט אָבער מיט אַ כמעט-טריומפירנדיקן שמייכל אָפּגעענטפערט פון אויוון: „שוין שפּעט איצטער נאָכצויאָגן זיך נאָך ברעסט... איר וועט זאָגן אַ דאַנק, אויב די דווינסקער באַ-דינגונגען וועלן זיין נישט ערגער...“

אַז מען איז צוגעטרעטן צום דריטן אָפּזאַץ: „אַ תשובה אויף נייע שלום-באַדינגונגען וועט געגעבן ווערן אין משך פון 12 שעה“, — האָבן אַלע געשטעלט זיך אָנטקעגן. אַזעלכע הכנעה-דיקע אויסדרוקן און אַזאַ גרייטקייט צו קאַפּיטולאַציע האָט דאָ קיינער נישט געוואָלט. לענין האָט ווידער מיט אַ רויקער מינע פון אַ זיגער געטענהט: „אַז איר וועט נישט שרייבן קלאָרע דבורים, וועלן די דייטשן די גאַנצע טעלעגראַמע האַלטן פאַר אַ שפּיצל... זיי וועלן טראַכטן, אַז מיר ווילן דערמיט נאָר געווינען

צייט, אָפּצוהאַלטן זייער אָנגריף... איר וועט נאָר פאַרציִען צייט און נאָך מער פאַרלירן...״

ער איז נישט דורכגעדרונגען. ער האָט שוין צופיל געוואָלט אויספירן אויף אַמאָל! מען האָט אויסגעמעקט די ווערטער: „נייע באַדינגונגען״ און „אין משך פון 12 שעה״. אָנשטאָט דעם האָט מען אַריינגעשטעלט ווערטער, וואָס האָבן געהאַט דעם זעלביקן געהיימען זין. „דער ראַט פון די פאָלקס-קאָמיסאַרן דערקלערט, אַז אַ תשובה אויף ג ע נ ו י ע שלום-באַדינגונגען... וועט גע-געבן ווערן ת י כ ף ו מ י ד״. אַז ס'איז געקומען צו די אונ-טערשריפטן, האָט טראָצקי געזאָגט, אַז ז י י ן חתימה איז נישט נייטיק אויף דער טעלעגראַמע (אין אַ פאָר טעג אַרום האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו זיין קאָמיסאַר פאַר אויסערן-פּאָליטיק), אַז ס'איז גענוג לענינס חתימה אַלייך. — „ניין, ניין, — האָט לענין דערקלערט — די אונטערשריפט פון אויסערן-קאָמיסאַר איז אום-באַדינגט נייטיק!״

טראָצקי האָט אונטערגעשריבן אויך זיין נאָמען. סווערדלאָוו האָט זיך האַסטיק פאַרנומען מיט אָפּשיקן די טעלעגראַמע דורך ראַדיאָ. מען האָט זיך שווער אויפגעהויבן פון די ערטער. די ערשטע גרויע פאַסן פון אַ ווינטערדיקן פרימאָרגן האָבן אַריינ-געקוקט אין פענסטער. דער עולם האָט זיך גענומען שטילער-הייט פונאַנדערגיין. מען איז געווען טויטלעך פאַרמאַטערט פון דער אחריות, וועלכע מען האָט דאָ אָקאָרשט אַרויפגעלייגט אויף זיך און אויף אַלעמען. מיר האָבן זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט פון די ברייטע טרעפּ אין דעם סמאָלני, פאַרזונקען אין געדאַנקען. זינאָוויעוו, דער שטענדיק אויפגעלייגטער בעל-גופישער מענטש מיט די פרייליך-געקרייזלטע האָר, וועלכער איז געגאַנגען לעבן מיר, האָט אַרויסגעלאָזט אַ טיפן זיפץ און אַ קלאַפּ געטון מיר איבער דער פּלייצע. — „ווער ווייסט וואָס ס'וועט זיין — האָט ער געזאָגט״. — „נו, אפשר וועלן מיר נאָך אויפהאַלטן די סאָוויעטן-מאַכט — האָב איך זיך אָנגערופן — אָבער מיר האָבן היינט צוגעשטעלט די האַק צו איר וואָרצל; ס'וועט בלייבן אַ שאָטן פון איר...״

מיר זענען אַרויס אויפן הויף פון דעם סמאָלני, וואו אין פרימאָרגנדיקער קעלט האָבן געדרימלט די אויטאָמאָבילן. דאָ אויפן הויף האָט אַלץ געאָטעמט מיט רעוואָלוציע, מיט עזות און גלויבן אין זיך. ס׳האָט זיך נישט געגלייבט, אַז דאָ האָט מען אָקאָרשט אָנגענומען אַ באַשלוס פון קאַפּיטולאַציע. — לענין האָט אין דער נאַכט אָפּגעהאַלטן אַ נצחון פון קאַפּיטולאַציע. מיר וועלן זען, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען.

## 6.

דער מאָרגן האָט געבראַכט אַ שטורעם אין די סאָוועטישע פראַקציעס פון דער עקזעקוטיווע. בעת די טעלעגראַמע איז שוין געלעגן אין בערלין אויפן טיש פון דער דייטשער רעגירונג, האָט די פראַקציע פון די לינקע עס-ערן כמעט איינשטימיק אָפּגעוואָרפן די טאַקטיק פון דער פאַריקער נאַכט און די באָלשעוויקעס זענען געשטאַנען אין אַ האַרטן אינערלעכן קאַמף. די פּאָזיציע פון די לעניניסטן איז געוואָרן אַ שווערע. מען האָט זי געשטורעמט סיי פון פּרינציפּיעלן שטאַנדפּונקט (ווייל דער פּשוטער באָלשעוויק האָט נישט געקאָנט אַזוי שנעל איבערברעכן זיין רעוואָלוציאָנערע ליניע), סיי צוליב פּראַקטישע טעמים. די דייטשן האָבן גענומען פירן אַ פּאָליטיק פון פאַרשלעפּונג און חוזק-מאַכן. מען האָט נישט געקריגן פון זיי קיין קלאָרע תשובה. אמת, זיי האָבן אָנגעפרעגט צי די אונטערשריפטן פון לענינען און טראָצקין זענען עכט אויף דער דעפּעשע. אמת, זיי האָבן פון בערלין קורץ געלאָזט וויסן: „דער־קלערט אייער פאָרשלאַג אויפן פּאַפּיר און גיט אים איבער צו אונזערע פאָרטרעטער אין דווינסק". אמת, מען האָט אַזעלכע שלוחים פייל פון בויגן (דעם 20-סטן פעברואַר) אַוועקגעשיקט קיין דווינסק. אָבער שעהן האָבן געדרונגען און טעג זענען געפלאָסן. פיר טעג זענען אַריבער! — און קיין קלאָרע תשובה אויף אונזער טעלעגראַמע איז נישט געקומען. דער־ווייל אָבער האָט דער אָנגריף פון דער דייטשער אַרמיי אָנגעהאַלטן

אין דער גאַנצער לענג פון פראָנט. דעם 21-סטן איז איינגענומען געוואָרן מינסק. די דייטשן האָבן זיך גערוקט פאָרויס און פאָרויס אָן קאַמפן, פאָרנדיק פשוט אין די צוגן אויף די אייזנבאַן-ליניעס. וואָס זאָל דאָס אַלץ באַדייטן? וועלן זיי בכלל ענטפערן אויף אונזער אָנבאָט, אָדער זיי ווילן האָבן אַן אַנדערע רעגירונג אין רוסלאַנד צום שלום, אָדער וועלן זיי אַריינטראָגן אין שלום-אָפּמאַך נייע, נאָך מער שווערע באַדינגונגען?

די לעניניסטן זענען אַרומגעגאַנגען אָן אַ קאָפּ. אמת, די סאָוויעט-עקזעקוטיווע האָט מיט אַ רוב זייערע שטימען אָנגענומען אַ צוטרוי-רעזאָלוציע צו דער רעגירונג. אָבער זייער אייגענע אָפּאָזיציע האָט געליאַרעמט. דער מאָסקווער קאָמיטעט פון באָל-שעוויקעס האָט דערקלערט אַ פּראָטעסט קעגן דעם באַשלוס פון זייער צענטראַל-קאָמיטעט. עלף פון די וויכטיקסטע פירער (דערונ-טער בוכאַרין) זענען אַרויס אין דעמיסיע און האָבן אָנגעהויבן אַ פיבערהאַפטע פאַרביסענע אַגיטאַציע קעגן לענינס פּאָזיציע. יאָפע, קרעסטינסקי, דזערזשינסקי האָבן זיך באַהעפט צו דער אָפּאָזיציע. אַלע האָבן פאַרלאַנגט צוגרייטונג צום פאַרטיידיקונגס-קאַמף. דער דייטש האָט געשוויגן. וואָס לענגער דאָרטן דאָס שווייגן, אַלץ ברויזנדיקער דאָ דער ווילן צום קאַמף. האָבן אויך די לעניניסטן געמוזט טראַכטן וועגן דעם. אַ ברירה האָבן זיי גע-האַט? צווי אַ זייגער ביינאַכט, דעם 21-סטן פעברואַר, האָט די ראַטן-רעגירונג אַרויסגעלאָזט איר ערשטן אַלאַרם-אויפרוף צו די אַרבעטער, סאָלדאַטן, פויערים. „מיר ווילן שלום, מיר זענען גרייט אָנצונעמען אפילו אַ שווערן שלום. מיר מוזן זיין גרייט צום ווידער-שטאַנד, אויב די דייטשע קאָנטר-רעוואָלוציע וועט פּרווון פאַרציען די שטריק אויף אונזער האַלז. מיר רופן אַלע לאָקאַלע סאָוויעטן און מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס אָנצווענדן אַלע כוחות אויף אויפצובויען די אַרמיי. אַלע פרייע פון אַרבעט האָרעפּאַשניקעס, אַלע מוטיקע קעמפער פון דער רעוואָלוציע, מוזן תיכף אַריינגיין אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי... זאָלן אונזערע שונאים פון דרויסן און פון אינעווייניק וויסן, אַז מיר זענען גרייט צו באַשיצן די רעוואָלוציע ביזן לעצטן טראָפּן בלוט". מיט אַ טאָג פריער

האָט די רעגירונג צוויכגעלאָזט דעם מאַניפעסט: „דאָס כאַציאַ-
ליסטישע פאָטערלאַנד איז אין געפאַר". דאָ זענען געשטאַנען
קלאָרע אינסטרוקציעס וועגן דעם קאַמף. „אַלע כוחות פון לאַנד
ווערן אינגאַנצן אָפּגעגעבן אויף דער רעוואָלוציאָנערער פאַרטיידי-
קונג. אַלע סאָוויעטן מוזן פאַרטיידיקן יעדע פּאָזיציע ביזן לעצטן
טראָפּן בלוט. די אייזנבאַנער-אָרגאַניזאַציעס דאַרפן מיט אַלע מיט-
לען שטערן דעם שונא אַריינצוכאַפּן דעם אַפּאַראַט אין זיין האַנט.
ביים אָפּטרעטן — צעשטערן די ליניעס, אויפרייסן און פאַרברע-
נען די געביידעס, אַלע וואַגאָנעס און לאָקאָמאָטיוון טרייבן צו
מזרח צו, אין טיפעניש פון לאַנד. אַלע ברויט-און געטריידע-זאַ-
פּאַסן, וואָס קאָנען אַריינפאַלן צום שונא, אומבאַדינגט פאַרניכטן.
די האָרעפּאַשניקעס פון אַלע ערטער ביי דעם נייעם פראָנט זאָלן
גראָבן אָקאָפּעס, מאָביליזירן מענטשן צו טראַנשייען". דאָס זענען
געווען שוין עכטע קאַמף-ווערטער, אַרויסגעבראַכט פון מויל פון
דער רעגירונג. און דאָך זענען די דאָקומענטן געווען אין תוך
מאַכלזיניקע און ספקדיקע. ווייל אין דעם קלאָרן ווייץ פון רע-
וואָלוציאָנערער גבורה איז געווען אַריינגעגאָסן דאָס ציטערדיקע
וואַסער פון ה אָ פ נ ו נ ג א ו י ף ש ל ו ם. „מיר האָבן
געשיקט צו די דייטשן אונזערע שלוחים, און דערווייל איז נישטאָ
קיין תשובה. די דייטשע רעגירונג איילט זיך נישט מיט דער
תשובה. זי וויל מסתמא נישט קיין שלום".

אַזעלכע ווערטער פון מאַניפעסט האָבן געמוזט אָפּקילן דעם
קעמפערישן אימפעט פון די אויפגעטרייסלטע רעוואָלוציאָנערן.
אמת, אין דעם מאַניפעסט זענען געווען אַריינגעשטעלט (פון לע-
נינען און טראָצקין צוזאַמען) טעראָריסטישע באַפעלן בנוגע די
בירגערלעכע מענטשן, מען האָט דערקלערט טויט-שטראָף אַלע
„פיינטלעכע אַגענטן, שפעקולאַנטן, רויבער, כוליגאַנעס, קאָנטר-
רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַטאָרן, דייטשע שפּיאָנען". אָבער דידאָזיקע
העלדישקייט האָט מען געקליבן זיך אָנווענדן צו יענע, וועלכע
ויצן אינעווייניק אין לאַנד און זענען נישט די שטאַרקערע קראַפט.
מיט דעמדאָזיקן רעוואָלוציאָנערן מענה-לשון האָט מען געזוכט
אָפּצולענקן אָן א וייט דעם פאָלקס-כעס און קאַמפּס-רצון. אין תוך,

אין דער דעמאָלטיקער הויפּט-פּראַגע, זענען די דאָקומענטן פון דער רעגירונג געווען נישט דורכזיכטיק-אַקטיוו, נאָר חשבונדיק-טאַפּלזייטיק: ווייל לענין האָט געלעבט די טעג נאָר אין הוילער וואַרטעניש אויף אַ תשובה פון דאָרטן.

דערווייל אָבער האָט מען זיך געגרייט צום קאַמף. פּעטראָגראַד איז געוואָרן דערקלערט אין באַלאַגערונגס-צושטאַנד. דער פּעטראָגראַדער סאָוויעט, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דעם רעוואָלוציאָנערסטן אַרבעטער, סאָלדאַט און מאַטראָס האָט (דעם 21-סטן פעברואַר) אויסגעקליבן אַ „קאָמיטעט פון רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיידיקונג" (אין וועלכן עס זענען אַריין פירער פון די באָלשעוויקעס און לינקע עס-ערן, זינאָוויעוו און ספּירידאָנאָווא). ס'האָבן זיך גענומען בילדן אומעטום פרייוויליקע פאָרמאַציעס, די קאָמפּאַניע פאַר פרייוויליקע קאַמפּס-גרופּן האָט זיך ווי אַ לאַווע פונאַנדערגעגאָסן אין גאַנצן לאַנד. פון פּסקאָוו, פון קורסק, פון מאָהילעוו זענען געקומען הילכיקע ידיעות וועגן אַזעלכע פאָרמאַציעס. די כוואַליעס פון באַגייסטערונג האָבן זיך געהויבן פון שעה צו שעה, לינקע עס-ערן און אַנאַרכיסטן, מאַקסימאַליסטן, באָלשעוויקעס פון נישט לעגינשן שניט. אויך די רעכטע סאָציאַליסטן האָבן זיך געוואָרפן אין דער אַרבעט. טויזנטער פלאַמענדיקע רעזאָלוציעס זענען געפלאָסן פון אַלע זייטן. אָט נאָר איינע, למשל, פון סאָוויעט אין קראָנשטאַט: „מיר זאָגן זיך אַרויס קאַטעגאָריש, אַז דאָס רעוואָלוציאָנערע ראַטן-רוסלאַנד קאָן נישט שליסן קיין שלום און אַריינגיין אין וועלכע נישט איז אָפּמאַכן מיט די אימפּעריאַליסטן, סיי פון צד דייטשלאַנד-עסטרייך, סיי פון צד ענגלאַנד-פראַנקרייך. דער איינציקער וועג פאַר אונז איז באַוואָפנטער אויפשטאַנד קעגן די אונטערדריקער. דער אינערלעכער קאַמף פון די האָרעפּאַשניקעס קעגן די עקספּלואַטאַטאָרס מוז אַריבערגעטראָגן ווערן אויך אויפן דרויסנדיקן פראָנט". דער פּעטראָגראַדער קאָמיטעט פון די לינקע עס-ערן האָט דעם 21-סטן פעברואַר באַשלאָסן: „תיכף מאָביליזירן אַלע קאַמפּס-גרופּעס פון דער פּאַרטיי, אויפפאָדערן די חברים צו דערפילן דעם הייליקן

חוב פון אַ סאָציאַליסט, צו שטאַרבן פאַרן גליק פון אַרבעטס-פאָלק, אַריינצוטרעטן יעדערן אין די קאַמפּס-גרופּעס".

און אין דער זעלביקער צייט האָט דער לעניניסטישער צענטראַל-קאָמיטעט געהאַט אַנדערע זאָרגן. דעם 22-סטן פעברואַר האָט טראָצקי באַריכטעט וועגן דער דיפּלאָמאַטישער נאָטע פון דער פראַנצויזישער מיליטערישער מיסיע אין פּעטראָגראַד, אין וועלכער פראַבקרייך און ענגלאַנד שלאָגן פאָר צו שטיצן אונז אין קריג מיט דייטשלאַנד*). דערביי האָט זיך טראָצקי אַרויסגעזאָגט פאַר אָננעמען דעמדאָזיקן פאָרשלאַג, מיט דעם תנאי, אַז אונזער אויסערן-פּאָליטיק זאָל בלייבן אומאָפּהענ-גיק. בוכאַרין, דער וואָרט-פירער פון די לינקע, האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל זיך אָפּזאָגן פון די פאָרשלאָגן פון די „שותּפות-דיקע" אימפּעריאַליסטן. מיט זעקס שטימען קעגן פינף האָט מען אָנגענומען טראָצקיס פאָרשלאַג. לענין, וועלכער איז נישט געווען ביי דער זיצונג, האָט צוגעשיקט פאָלגנדן צעטל: „איך בעט צו-לייגן מיין שטים פאַר נעמען שטיצע און געווער ביי די גזלנים פון ענגליש-פראַנצויזישן אימפּעריאַליזם".

---

*) ס'איז כדאי צו דערמאָנען דאָ, וואָס לענין האָט שפּעטער געשריבן צו די אַמעריקאַנער אַרבעטער": „אַז די העלדן פון דייטש, אימפּעריאַליזם האָבן אין פעברואַר 1918 געוואָרפן זייערע אַרמייען קעגן דעם סאָוועטן רוסלאַנד, האָב איך אויף אַ מינוט נישט געשוואַנקט וועגן דעם, אַז מען זאָל שליסן אַ געוויסן „אָפּמאַך" מיט די פראַנצויזישע מאָנאַרכיסטן. דער פראַנצויזישער קאַ-פּיטאַן סאַדול האָט געבראַכט צו מיר דעם אָפיציר דע ליובערזאַק. „איך בין אַ מאָנאַרכיסט, מיין איינציקער ציל איז צו באַזיגן דייטשלאַנד" — האָט מיר דערקלערט ליובערזאַק. — „דאָס פאַרשטייט זיך פון זיך" — האָב איך אים געענטפערט. דאָס האָט מיר נישט געשטערט צו פאַרשטענדיקן זיך מיט אים וועגן דער הילף, וואָס די פראַנצויזישע אָפיצירן — סאַפּיאָר-מענטשן אין אויפ-רייסן מיט דינאַמיט — האָבן געוואָלט אונז געבן, אום אויפצורייסן די אייזנ-באַן-ליניעס און אַזוי אָפּצוהאַלטן די דייטשע אָפענסיווע. אָט דאָס איז געווען אַ מוסטער פון אַן „אָפּמאַך" אין די אינטערעסן פון סאָציאַליזם".

די לעניניסטן זענען שוין אַלזאָ געווען גרייט צו קריכן אויף אַלע ווענט. זיי האָבן געוואָלט קומען צו אַן „אָפּמאַך" סיי מיט דייטשע אימפּעריאַליסטן, סיי מיט פראַנצויזישע. די גאַנצע אידעאָלאָגיע פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע — רוסלאַנד איזאָלירט זיך פון דעם וועלט-קאַפּיטאַל (סיי אין זיין דייטשער סיי אין זיין פראַנצויזישער פאָרם), אום צו קריגן דערפאַר די מעכטיקע שטיצע פון וועלט-פּראָלעטאַריאַט! — איז מען געווען גרייט אַרויסצוּוואַרפן אין דרויסן. אמת, לענין האָט אָנגערופן זיינע נייע שותפים „גזלנים", אמת, טראָצקי האָט נאָך געשטעלט אַ תנאי, אַז „אונזער אויסערן-פּאָליטיק זאָל בלייבן אומאָפּהענגיק" אָבער וואָס פאַר אַ ווערט האָט געקאָנט האָבן אַזאַ וואָרט-שפּילעריי? און ס'איז דאָך קיין צופאַל נישט, וואָס טאַקע אויף דער זעלביקער זיצונג פון 22-סטן פעברואַר האָט טראָצקי דערקלערט, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון צו זיין ווייטער קאָמיסאַר פון דער אויסערן-פּאָליטיק. מען וואָלט גענומען אַ ביסל שפּרענג-שטאָף פון די אָפיצירן, אָבער וואָס פאַר אַ מאָראַלישן און פּאָליטישן שפּרענג-שטאָף דאָס וואָלט אַריינגעטראָגן אין די פון מלחמה פאַרווירטע מוחות פון די דייטשע-פראַנצויזישע סאָלדאַטן! אין געהיימע דיפּלאָמאַטישע פאַרהאַנדלונגען האָבן זיך די לעניניסטן געוואָרפן אויף אַלע זייטן. אָבער וואָס פאַר אַ שטורעם וואָלטן אַזעלכע ידיעות אַרויסגערופן אין די רעוואָלוציאָנערע מאַסן פון פּעטראָגראַד, אויב זיי וואָלטן געוואָרן זיי באַקאַנט. מען קעמפט קעגן דייטשן אימפּעריאַליסט, אום גאָר צו מאַכן יד-אחת מיטן פראַנצויזישן? ערגער ווי בוימל וואָלטן זיך אַזעלכע ידיעות אַריינגעגאָסן אין דעם ליכטיקן פייער, אין וועלכן ס'האָט געברענט די נאַיווע פאָלקס-נשמה, נאָך נישט קיין געוואוינטע צו דעם גיפט פון „רעאַל-פּאָליטיק".

דערהייל האָט דער דייטש נישט געגעבן קיין ענטפער. ער האָט געשוויגן און געפירט זיין שטימע אָפענסיווע ווייטער. איך געדענק ווי איך בין איינמאָל אין יענע טעג אַריינגעגאַנגען צו לענינען און געפונען אים שטייענדיק ביי דער וואַנט. פאַרדאַגהט

האָט ער געפירט מיטן פינגער איבער דער גרויסער מיליטערישער וואַנט קאַרטע. באַווייזנדיק מיר אויף אַ ליניע, האָט ער, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, געזאָגט: „אָט דאָ ליגט באָלאָגאָיע... זיי קאָנען איינעמען באַלד פּסקאָוו... אויב זיי וועלן באַזעצן באָלאָגאָיע, שניידן זיי אונז אָפּ פון בּרייט...“

ווי אַנדערש האָט אין יענע טעג וויבּרירט די רעוואָלוציאָנערע נשמה פון פאָלק!

## 7.

דעם 23־סטן פעברואַר האָט זיך געביטן די לאַגע. ס'איז געקומען דער ענטפער פון דאָרטן. די אולטימאַטיווע שלום־באַדינגונגען זענען געווען נישט נאָר ערגער פון די ברעסטער תּנאים, נאָר זיי האָבן אָפן און ברוטאַל פאַרלאַנגט די אונטערדריקונג פון תוך פון דער רעוואָלוציע. זיי האָבן דערקלערט, אַז פון רוסלאַנד פאַלן אָפּ און גייען אַריבער אונטער דער מלוכה־השפּעה פון דייטשלאַנד די פּראָווינצן: קורלאַנד, ליפלאַנד, עסטלאַנד, ליטע; פינלאַנד און אוקראַינע ווערן תּיכף אָפּגערייניקט פון די רוסישע אַרמייען און רויט־גוואַרדיכטן; עס מוז תּיכף פונאַנדערגעלאָזט ווערן סיי די רוסישע אַרמיי, סיי די נייע קאַמפּס־פאָרמאַציעס, וואָס זענען געשאַפן פון דער סאָוויעטן־רעגירונג; ס'וועלן באַצאָלט ווערן די הוצאות און די היזקות פון די דייטשע בירגער און קריגס־געפאַנגענע; „רוסלאַנד פאַרפליכטעט זיך אָפּצוזאָגן פון יעטוועדער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע קעגן די אינסטיטוציעס פון די צענטראַל־מלוכות“. די אַלע באַדינגונגען מוזן ווערן אָנגענומען אין משך פון 48 שעה. די רוסישע פאַרטרעטער מוזן תּיכף צוריקפאָרן קיין ברעסט־ליטאָווסק און דאָרטן אונטערשרייבן אין משך פון דריי טעג דעם שלום־אָפּמאַך. אין צוויי וואָכן צייט מוז ער ווערן באַשטעטיקט (ראַטיפיצירט)“.

דאָס בילד איז געווען קלאָר אפילו אַ בלינדן. דער זיגער האָט צעטרעטן מיט די פיס אַלע אידעען פון די ברעסטער שלום־

פאַרהאַנדלונגען. ער האָט אָנעקטירט גרויסע פּראָווינצן, ער האָט זיך אויסגעלאַכט פון „רעכט אויף זעלבסט־באַשטימונג פון פעלקער", ער האָט פאַרלאַנגט אַ געלט־קאָנטריבוציע, און ער האָט נאָך דערצו געוואָלט צונעמען ביים רעוואָלוציאָנערן לאַנד די רעכט אויף זעלבסטשוץ און פּראָפּאַגאַנדע. אין די באַדינגונגען גופא איז געלעגן אַזוי פיל אומקלאָרע פאַרלאַנגען, אַז ס'איז געווען קלאָר: דער דייטשישער מיליטאַריסט וועט קאָנען שטענדיק, ביי יעדער געלעגנהייט, דערגיין די יאָרן דעם סאָציאַליסטישן לאַנד, רוינירן און צאַפּן אים דאָס בלוט ביסלעכווייז. אין די „באַדינגונגען" איז געשטאַנען נאָך אַ קורצער פּונקט: „פריי און אָן אָפּצאָל אַרויספירן פון רוסלאַנד מעטאַלן רוי־מאַטעריאַל". דאָס האָט געהייסן, אַז מיליאָנען פוד פון רוסישן מעטאַל וועלן ווערן איבערגעשמאָלצן אין דייטשע קאַנאָנען און גראַנאַטן, וועלכע וועלן פאַרשטאַרקן די מלחמה אויפן מערב־פראָנט אין איראָפּע! צי דען האָט מען ביי אונז געקעמפט קעגן דעם מיליטערישן שותפות מיט די מערב־מלוכות אום אַריינצוטרעטן איצט אין אַ וואָפן־ברודערשאַפט מיטן דייטשן מיליטער? און די באַדינגונג אָפּצוטרעטן פון קורלאַנד, ליפלאַנד, עסטלאַנד, באַזונדערס פ י נ ל אַ נ ד, וואו עס האָט זיך שוין גענומען מיט א ו נ ז ע ר הילף באַפעסטיקן די סאָציאַלע רעוואָלוציע? צי קאָנען מיר דאָס טון בנוגע די אַרבעטס־קלאַסן פון די נאַציעס, וועלכע האָבן אָנגעהויבן דעם בלוטיקן קאַמף, פאַרלאָזנדיק זיך אויף אונזער ברידערלעכער שטיצע? נישט פאַר טעריטאָריעס און נישט פאַר די נאַציאָנאַלע גרענעצן קעמפט די סאָציאַלע רעוואָלוציע, און נישט דאָס אַליין דרייסט איצט ביי איר די דייטשע מלוכה. עס האַנדלט זיך וועגן די מיליאָנען אַ ר ב ע ט ע ר, פּ ו י ע ר י ם, ס אָ ל ד אַ ט ן, וואָס האָבן אויפגעכאַפּט זיך צו אַ ניי סאָציאַל לעבן — און וועלן איצט פון דער דייטשער סאָציאַלער רעאַקציע אומברחמנותדיק ווערן צעטרעטן. נישט נאָר עס ווערט פאַרשמעלערט דער שטח פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, נאָר דערדאָזיקער שטח פאַלט אונטער דער מאַכט פון דעם קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן, אַנטי סאָציאַליסטישן סדר. צי האָט דאָס סאָוויעטן־לאַנד די מאָראַלישע רעכט אַזוי צו טון? צי וועט דאָס

לאַנד אויך פּראַקטיש נישט פאַרלירן דעם קאָפּ דערבײַ, אויסער דעם סאָציאַליסטישן געוויסן ?...

די אַלע און טויזנט אַנדערע פראַגן האָבן זיך געטומען טראָגן ווי אַ שטורעמווינט דורך די קעפּ און דורך די הערצער פון רעלעכע רעוואָלוציאָנערע מאַסן אין פּעטראָגראַד. זייערע פאַרטרעטער האָבן זיך אַ לאָז געטון צו די העכסטע סאָוויעטישע אָרגאַנען. די אַנטשיידנדיקע באַשלוסן האָט געדאַרפט פאַסן די סאָוויעט-עקזעקוטיווע, נישט מער די רעגירונג. צײַט יענער נאַכט (דעם 19-טן פעבּרואַר) זענען די מיטגלידער פון דעם סאָוויעט-פאַרלאַמענט געשטאַנען אויף די פיס, פאַרטיידיקנדיק זייערע רעכט און צוהערנדיק זיך צו יעדן נייעם שריט אין דער טראַגעדיע. אין די פאַרטיי-פראַקציעס פון דעם פאַרלאַמענט האָבן זיך טאַקע אין דעם טאָג, 23 פעבּרואַר, אָנגעהויבן די פלאַמענדיקע דעבאַטן. ס'איז ווידער כמעט נישט געווען קיין אָפּאָזיציע בײַ די לינקע עס-ערן: אַלע האָבן פאַרלאַנגט אָפּצוּוואַרפן די דײַטשע אימפּעריאַליסטישע חוצפּה. (די זעלבע שטימונג און באַשלוסן — כאָטש מיט אַן אַנדערן צוגאַנג, אַ נאַציאָנאַל-מלוכהשן צוגאַנג — האָבן געהערשט בײַ די רעכטע סאָציאַליסטן.) אָבער בײַ די באָלשעוויקעס האָט זיך געטון חושך. אין דעם טאָג האָט זייער צענטראַל-קאָמיטעט באַטראַכט די פראַגע. טראָצקי האָט מודיע געווען, אַז די 48 שעה פון דעם אולטימאַטום ענדיקן זיך זיבן אַ זייגער אין דער פרי, דעם 24-סטן פעבּרואַר. לענין האָט געמאַכט אַ קורצע דערקלערונג: „די פּאָליטיק פון רעוואָלוציאָנערער פראַזע איז אויס. אויב אַזאַ פּאָליטיק וועט אָנגיין ווייטער, טרעט איך ארויס פון דער רעגירונג און פון צענטראַל-קאָמיטעט. צו פירן אַ רעוואָלוציאָנערן קריג מוז מען האָבן אַן אַרמײ. דאָס איז נישטאָ. הייסט עס, אַז מען מוז אָננעמען די באַדינגונגען". טראָצקי האָט אַרויסגערוקט אַ נײַעם מאָטיוו. היות ווי מען קאָן נישט פירן קיין רעוואָלוציאָנערן קריג בײַם פונאַנדערפאַלן פון דער פאַרטײ, און אַזאַ שפּאַלטונג איז שוין אייגנטלעך דאָ, זאָגט ער זיך אַרויס פאַר אָננעמען די דײַטשע באַדינגונגען. בוכאַרין

האָט געפּאָדערט דעם קריג. ס'האָבן גערעדט אָן אַ שיעור דזערזשינסקי, סטאַלין, סווערדלאָוו, זינאָוויעוו און אַנדערע. לענין האָט ווידער גערעדט און אַנגעשראָקן זיינע חברים. „ווען איר נישט אונטערשרייבן איצט די באַדינגונגען, וועט איר אונטערשרייבן אַ טויט-אורטייל דער סאָוויעטן-מאַכט אין דריי וואָכן אַרום. די אַלע באַדינגונגען באַרירן נישט די סאָוויעטישע מאַכט אַלס אַזעלכע. דעם שלום-אָפּמאַך קאָן מען „טייטשן“ און מיר וועלן אים טייטשן. איך האָב קיין ברעקל ספקות נישט... איינציקע האָבן מיר דאָ פאַרגעוואָרפן. אַז איך שטעל אייך אַן אולטימאַטום. איך שטעל אים נישט צום שפּיל, אום אים אָראָפּצונעמען. איך וויל מער נישט קיין רעוואָלוציאָנערע פראַזע... די דייטשע רעוואָלוציע איז נאָך נישט רייף. דאָס פאָדערט חדשים...“

אָט אַזוי זענען די באָלשעוויקעס אָוועקגעשטעלט געוואָרן פון לענינען צווישן צוויי אולטימאַטומס. וואָלטן זיי זיך דערלויבט אָפּצוּוואַרפן דעם דייטשן אולטימאַטום, וואָלטן זיי געהאַט פאַר זיך זיין אייגענע דראָונג: אָוועקצוּוואַרפן זיי. ס'איז אַ גרויסער ספק צי וואָלט לענין אין יענער סיטואַציע געקאָנט אָנהייבן אַ קאַמף קעגן די רעוואָלוציאָנערסטע כּוחות פון לאַנד: קעגן די מאַכן, קעגן די לינקע עס-ערן, קעגן זיינע אייגענע פּאַרטיי-פריינט*). ער

---

*) ערשט נישט לאַנג, אין יאָר 1926, האָט טראָצקי ניטגעטיילט וועגן דער זיצונג פון באָלשעוו סטישן צענטראַל-קאָמיטעט דעם 14-טן נאָוועמבער 1917. אַרויסטרעטנדיק דעמאָלט קעגן די אָפּאָרטוניסטן מיט זינאָוויעוון אין דער שפּיץ, האָט לענין דערקלערט: „זאָל קומען צו אַ שפּאַלטונג, איז גוט. ווען איר האָבן די מערהייט, נעמט אַריבער די מאַכט אין צענטראַל-קאָמיטעט און האַנדלט, מיר וועלן אָבער גיין צו די מאַטראָסן“. לענין האָט אַלזאָ שוין פריער געדראָט אָוועקצוגיין פון די חברים. אָבער דעמאָלט, אין אָנהייב פון דעם אָקטאָבער-אומשטורץ, וואָלט ער בעגאַנגען צו מאַטראָסן אויף צו באַקעמפן דעם אָפּאָרטוניזם. דהיינטיקעס מאָל וואָלט ער אָבער געמוזט גיין צו רעוואָלוציאָנערע מאַטראָסן מיט זיין אייגענעם אָפּאָרטוניזם!

וואָלט דאָס נישט געטון מסתמא שוין דערפאַר אַליין. וואָס ער וואָלט קיינמאָל נישט געוואָלט אַרויסלאָזן פון האַנט דאָס וויכטיקסטע ביי אים, די מלוכה־מאַכט. אָבער ער האָט געקענט גוט די נאַטור פון זיינע תלמידים, וועלכע ער האָט אויסגעהאָדעוועט אין דיסציפּלינירטער יראת הכבוד פאַר אים. און ער האָט געוואוסט, אַז זיין דראָונג קעגן זיי וועט זיי מכניע זיין פאַר זיין ווילן. ער האָט אויך אויסגעפירט דעמאָלט. ביי דער אָפּשטימונג פון די 15 מיטגלידער האָבן זיבן באַשלאָסן אָנצונעמען תיכף די דייטשע באַדינגונגען; פיר האָבן געשטימט קעגן און פיר האָבן זיך... אָפּגעהאַלטן פון שטימען. אין אַזאַ פאַטאַלער שעה, וואו מען האָט געוואויגן און געוואויגן דעם גורל פון דער רעוואָלוציע, האָבן זיך פיר מענטשן אָפּגעזאָגט צו האָבן אַ מיינונג. דידאָזיקע פיר זענען געווען: ט ר אָ צ ק י, יאָפע, דזערזשינסקי, קרעסטינסקי. און פאַרוואָס האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט? ווייל — ווי יאָפע האָט שפּעטער דערציילט — קעגן אַזאַ וויכטיקן מיטגליד פון דער פּאַרטיי, ווי לענין, קאָנען זיי גאָרנישט טון. אָט אַזוי האָבן פירנדיקע מענטשן דורך זייער מאַנגל אין מוט און דורך עפּעס אַן אידעישן סערוויליזם געלאָזט דורכגיין אַ באַשלוס קעגן זייער אייגענעם ווילן. דער באַשלוס האָט אייגנטלעך גאָר קיין מערהייט נישט געהאַט. אָבער אָפיציעל האָט עס געהייסן, אַז די באָלשעוויקעס האָבן געפּאַסט דעם באַשלוס אָנצונעמען דעם דייטשן אולטימאַטום מיט אַ מערהייט פון שטימען.

קעגן דעם באַשלוס זענען גלייך שאַרף אַרויסגעטרעטן די פירנדיקע שיכטן פון די באָלשעוויקעס אין פּעטראָגראַד און מאָסקווע. וועגן די לינקע עס־ערן איז נישטאָ וואָס צו רעדן. דער ענדגילטיקער באַשלוס האָט געדאַרפט ווערן אָנגענומען אין דער סאָוויעט־עקזעקוטיווע דווקא די היינטיקע נאַכט, פון 23־סטן צום 24־סטן פעברואַר. מען האָט זיך צונויפגעקליבן דאָס מאָל אין טאַורישן פּאַלאַץ, וועלכער האָט פאַר דעם יאָר איבערגעלעבט די שענסטע און די שטורעמדיקסטע מאָמענטן פון ביידע רעוואָלוציעס.

אין די גרויסאַרטיקע קאָרידאָרן און זאַלן זענען דעם אָוונט

מיט פיבערהאַפטן אומרו אַרומגעלאָפן און דיסקוטירט און געליאַ־
רעמט הונדערטער דעפּוטירטע. זיי האָבן אַלע געוואוסט, וואָס פאַר
אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט עס לייגט זיך אויף זיי. מען האָט גע־
מאָסטן און איבערגעמאָסטן יעטוועדן אַרגומענט, מען האָט זיך
געשלאָגן מיר דער דעה און מען האָט מיט צערדיקער פעסטקייט
פאַרטיידיקט יעדער זיין קוק. שפּעט אינאָוונט האָט דער גלאָק פון
סווערדלאָוון אַ רוף געטון אַלעמען אין דעם הויפּט־זאַל. די ביידע
פירנדיקע פאַרטיי־פראַקציעס זענען זיך געשטאַנען אַנטקעגן אין
זייערע באַשלוסן. (כאָטש אין דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי איז
אויך אַ גרויסע מינדערהייט געווען קעגן לעני‍נען). האָט מען איצט
פונקט ווי דעמאָלט אין דער נאַכט צום 19־טן געפּרוואוט געפינען
אַן אויסוועג אין אַ געמיינזאַמער פּריוואַטער זיצונג פון ביידע
פראַקציעס. די זיצונג איז געווען, פאַרשטייט זיך, אַ געשלאָסענע.
נאָר אַ פּאָר מענטשן האָבן זיך יתומדיק געזעען אויף די גאַלעריעס,
וואָס האָבן ערשט מיט זעקס וואָכן צוריק — דעם 5־טן יאַנואַר —
געשטורעמט מיט טויזנטער מענטשן. אין דעם גרויסאַרטיקן זאַל
פון טאַורישן פּאַלאַץ, וואָס איז געווען פון די קייסריים באַפּוצט
און שוין פון דער רעוואָלוציע פאַרהייליקט. האָבן זיך מיט איינ־
געביסענע ליפּן און פינסטערע געזיכטער פאַרזאַמלט די מוטיקסטע,
די פעיקסטע סאָוויעט־מענטשן. און ס׳איז געווען טראַגיש געבויג,
אַז דווקא אין דעם זאַל, וואָס האָט באַקרוינט אַזוי פיל נצחונות
פון פאָלק, האָט מען איצט גענומען באַטראַכטן די פראַגע וועגן
ירידה און קאַפּיטולאַציע. מען האָט באַשלאָסן, אַז פון יעדער
פראַקציע זאָלן אַרויסטרעטן נאָר צו צוויי רעדנער, און דערביי
איינער פאַר, דער אַנדערער קעגן אָננעמען דעם אולטימאַטום.
פון די באָלשעוויקעס לענין און ראַדעק, פון אונז — איך (אַלס
קעגנער) און אַז מען האָט געדאַרפט אָנרופן דעם נאָמען פון
אַן אָנהענגער האָט זיך קיינער נישט געוואָלט מעלדן. אָבער —
און דאָס איז געווען אַ שפּיצל פון לענינען — ראשית כל האָט
געזאָלט אָפּגעבן אַ באַריכט וועגן דעם צושטאַנד פון דער אַרמיי
איר הויפּט־קאָמאַנדירנדער קרילענקאָ.
מיר האָבן נישט געהאַט מער קיין צוטרוי צו קרילענקאָן.

נאָך מיט אַ צען טעג צוריק אָדער פריער האָט ער אין קאָמיסאַרן-
ראַט אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער לאַגע. ער האָט געשילדערט
די לאַגע פון דער אַרמיי אַלס אַ שווערע, ווייל די אַרמיי צעפאַלט
זיך פון טאָג צו טאָג. אָבער ער האָט אונטערגעשטריכן, אַז זי
באַזיצט אַ סך געזונטע און רעוואָלוציאָנערע טיילן, וועלכע מען
קאָן אָפּזונדערן פון דעם קראַנקן אָרגאַניזם און אויסבילדן צום
קאַמף, וואָס וועט קומען ביי אַ דייטשן אָנגריף. לענין האָט דעמאָלט
ביי דער זיצונג ווייניק צוגעהערט זיך צו קרילענקאָס באַריכט, ער
האָט מיט אַ כיוון נישט צוגעהערט זיך. ווייל בעת קרילענקאָ האָט
געבעטן צו מאַכן פראַקטישע אויספירן פון זיין באַריכט, האָט
לענין אָפּגעשאָקלט זיך דערפון. און אַז קרילענקאָ — אַ ביסל
פאַרשעמט — האָט גענומען מיט ענערגיע פאַרלאַנגען אַ תשובה,
האָט לענין אָן שום צערעמאָניעס אָפּגענומען ביי אים דאָס וואָרט.
קרילענקאָ איז געבליבן זיצן ווי צעמישט: ער איז דאָך דאָ געזעסן
נישט ווי אַ הויפּט-קאָמאַנדירנדער פאַר דעם רעגירונגס-שעף, נאָר
ווי אַ פּאַרטיי-חבר פאַר דעם פּאַרטיי-שעף. אַזעלכע יונגע דבֿרים
ווי קרילענקאָ האָט לענין באַהאַנדלט ווי זיינע תלמידים, פריינט-
לעך און שטרענג-באַלעבאַטיש. לענין האָט
אין יענער צייט נישט געוואָלט לייגן קיין כוחות אויף אויס-
צובויען אַ רעוואָלוציאָנערע פאַרטיידיקונגס-קראַפט. ער האָט מורא
געהאַט, אַז אַזעלכע באַמיונגען וועלן שטערן אָנצושליסן גיך דעם
שלום, וועט שטערן אויסצובויען די מלוכה-מאַכט. פאַר זיין
פּאָליטיק האָט ער געדאַרפט האָבן אַ צעבראָכענע מיליטערישע
קראַפט פון דעם לאַנד, ווייל דאָס וועט זיין שפּעטער ביי אים דער
הויפּט-אַרגומענט פאַר שליסן שלום. קרילענקאָ, דער געטרייער
פּאַרטיי-תלמיד, האָט מסתמא שפּעטער תופס געווען דעם רבינס
נוסח, — און האָט שוין גענומען באַווייזן, אַז די אַרמיי איז
איינגאַנצן צעבראָכן. אַז ער איז איצט דאָ אין טאַורישן
פּאַלאַץ ווידער אַרויסגעטרעטן מיט זיין יאושדיקער אינפאָרמאַציע,
האָט מען זיך צוגעהערט צו אים מיט פאַראַכטונג, און ריאַזאַנאָוו,
דעמאָלט אַן אומאָפּהענגיקער באָלשעוויק, האָט זיך אויף אים אַרויפ-



ל. טראָצקי
לויט דער צייכענונג פון אנענקאָוו



וו. לענין
לויט דער צייכענונג פון אנענקאָוו

געוואָרפן מיט אַ געשריי ווי אויף אַ יינגל. מען איז אַריבער צו די דעבאַטן.

מיט דעם זעלביקן טאָן פון איבערצייגטקייט, מיט די זעלביקע זשעסטן פון פאַרוואונדערונג איבער אונז, ווי דעמאָלט אין דער נאַכט אין סמאָלני, האָט לענין גענומען איצט פון דער טריבונע טענהן. ער האָט אַרויסגערוקט דאָ זיין גאַנצע סאָציאָלאָגישע טעאָריע וועגן דער נויטווענדיקייט פון תּיכּפדיקן שלום. דער קאַמף פון סאָוויעט-רוסלאַנד פאַר שלום — האָט ער געזאָגט — קומט פאָר נישט פאַר זיך אַליין, נאָר אין דער צייט, וואָס עס גייט אָן אין אייראָפּע דער גיגאַנטישער מלחמה-קאַמף פון די צוויי מלוכות-פאַרבאַנדן. ס'איז זייער וויכטיק צו וויסן צי די ביידע קעמפנדיקע אימפּעריאַליזמען האָבן זיך צונויפגערעדט צווישן זיך בנוגע סאָוויעט-רוסלאַנד צי נישט. אויב זיי וואָלטן זיך שוין צונויפגערעדט צו פאַרניכטן די רוסישע סאָציאַלע רעוואָלוציע און דער דייטש וואָלט געווען זייער געמיינזאַמער פאַרטרעטער, דעמאָלט וואָלט אונז קיין שלום-אָפּמאַך נישט געהאָלפן. דעמאָלט וואָלטן מיר געמוזט צונויפנעמען אַלע אונזערע כּוחות צום לעצטן קאַמף, אום צו געווינען אָדער אונטערגיין. ס'איז אָבער זייער מעגלעך, אַז די אימפּעריאַליזמען האָבן זיך צווישן זיך נישט צונויפגערעדט קעגן רוסלאַנד. דעמאָלט איז דער דייטשער אולטימאַטום נישט מער ווי אַ מיטל דורכצוזעצן אַ גזלנישן שלום, וועלכער דאַרף זיין נוצלעך פאַר דייטשלאַנד אַליין. הייסט עס דעמאָלט, אַז די ביידע אימפּעריאַליזמען, וואָס פירן מלחמה, ליגן זיך ווייטער אין די האָר, ראַנגלען זיך ביזן טויט און לאָזן זיך דערווייל אָפּ. דאַרפן מיר טאַקע אין אַזאַ מאָמענט אַרויסכאַפּן זיך פון די ביידע פיינטלעכע גרופּן, אָפּשליסן אַ סעפּאַראַטן שלום, נעמען זיך פאַר אויסבויען דעם סאָציאַליזם אין לאַנד... די דייטשע רעוואָלוציע איז נאָך נישט רייף, איר זעט דאָך אַליין. דעם 10-טן פעברואַר האָבן מיר זיך אָנפאַרטרויט צו דער קראַפט פון דייטשן פּראָלעטאַריאַט. ער האָט אָבער דערווייל נישט אַריינגעמישט זיך, נישט אָפּגעשטעלט די אָפענסיווע... און דער שונא, וואָס גייט קעגן אונז, איז געוואַל-

טיק שטאַרק, איז באַוואָפנט ביז די ציין, ער האָט די מעכטיקסטע טעכניק מיט זיך... אונזער אַרמיי איז צעפאַלן, איר האָט אָקאָרשט בעהערט דעם באַריכט פון קרילענקאָן... איז וואָס איז דאָ צו שעמען זיך פאַר צאָפשליסן שלום? מען איז דאָך נישט קיין קליינבירגערלעכע העלדן, פוילישע פריצימלעך-שליאַכטשיצן, וואָס גייען אַרום אָנגעבלאָזן די ברוסט מיט זייער כבוד... די דייטשן האָבן אַמאָל געמוזט שליסן מיט נאַפּאָלעאָנען דעם טילזיטער שלום, אַ סך ערגער ווי דער איצטיקער. און זיי האָבן אים אין אַ פאָר יאָר אַרום מבטל געמאַכט. מיר מוזן אויך שליסן אַזאַ טילזיטער שלום, דער וועלט-פּראָלעטאַריאַט וועט שפּעטער קומען און אונז העלפן...

לענין איז אַראָפּ. קיינער האָט נישט געפּאַטשט בראַוואָ. מען האָט בכלל דעם אָונט צאָפגעהאַלטן זיך פון אויסערלעכע שטימונג-אַנטפּלעקונגען.

ראַדעק, דער שכלדיקער סקעפּטיקער, דער טיף-געבילדעטער אויסלענדער פון די באָלשעוויקעס, האָט אָוועקגעלייגט אָן אַ זייט זיין שטענדיקע פּיפּקע פון מויל און איז אַרויף אויף דער טריבונע רעדן קעגן לענינען. אין אַ האַלב-פּוילישן רוסיש, אָבער מיט נישט ווייניקער לאָגישקייט ווי לענין, האָט ער גענומען פונאַנדערפּליקן לענינס טעאָריע וועגן די ביידע זיך רייסנדיקע אימפּעריאַליזמען. — איר זאָגט, אַז אַזוי לאַנג ווי זיי רייסן זיך ביידע — האָט ראַדעק בעטענהט — קאָנען מיר זיך אַרויסכאַפּן פון זייערע הענט? דאַכט זיך, פאַרקערט איז דער אויספיר: אַזוי לאַנג ווי זיי זענען ביידע פאַרנומען מיט פאַרניכטן איינער דעם אַנדערן, קאָנען זיי א ו ב ז גאָרנישט טון. הייסט עס, אַז מיר קאָנען בלייבן אָן אַ שיים פון זיי ביידן. אויב מיר שליסן אָבער היינט שלום מיט דייטשלאַנד, בלייבן מיר דאָך נישט אָן אַ זייט, נאָר, פאַרקערט, מיר שטיצן דירעקט איין צד: די דייטשע קאָאַליציע. דאָס קאָן פירן צו איר נצחון אין דעם וועלט-קאַמף, און דעמאָלט זענען מיר דאָך אוודאי פאַרלוירן... איר ווילט — האָט ער זיך געווענדט צו לענינען — אָפּטרעטן די דייטשן אַ ביסל רוים (טעריטאָריע), אום צו געווינען דערוויילע צייט. די פראַגע איז אָבער, צי מיר וועלן

געווינען פאַר זיך צייט... איך זע נישט אין אַזאַ שלום קיין ברעקל שאַנדע אָדער פאַרראַט. אָבער דער חשבון אויף דערויף, אַז דער „פאַרנומענער" דייטש וועט אונז שפּעטער לאָזן צורו, איז נישט קיין ריכטיקער חשבון... אַט לאָזט ער דאָך אונז נישט צורו איצט...

פון אונזער פראַקטיק האָבן געמוזט אַרויסטרעטן ביידע רעדנער ק ע ג ן שלום. ק אַ מ ק אָ וו, דער פירנדיקער קאָפּ פון דער פאַרטיי, וועלכער האָט אַממייסטן אַריינגעזאַפּט אין זיך דעם אינטערנאַציאָנאַלן מהות פון אונזער ריכטונג, איז מיט שווערע טריט אַרויף אויף דער טריבונע. אין זיין גאַנצער יוגנטלעכער הויכער פיגור האָט געציטערט די אויפרעגונג פון דער שעה. „אונזער אויפגאַבע איז [illegible] אַנצופרעגן ביים בעטראַכטער און מאָסקווער פּראָלעטאַריאַט צי זענען זיי גרייט אונטערצוגעבן זיך אָדער זיי וועלן גיין אויף אַלע קרבנות. מיר שפּעקולירן נישט אויף דער צאָל פון קאַנאָנען און געווער, ווייל נישט דורך זיי האָבן מיר ביז איצט באַזיגט די קאָזאַקן. מיר האָבן באַזיגט דערמיט, וואָס מיר פלעגן אַריינטראָגן די אינערלעכע מאָראַליש-פּאָליטישע מבוכה אין זייערע רייען. אַזוי וועט עס זיין אויך מיט דער דייטשער אַרמיי... אין אונזער קאַמף גייען מיר אַרויס דערפון, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג מוז זיך אָנהייבן. מיר האָבן דאָס שוין אַקאָרשט געזעען אין דייטשלאַנד, וואו די באַוועגונג האָט אַרומגעכאַפּט מיליאָנען מאַסן צום ערשטן מאָל. אמת, די באַוועגונג איז צעקלאַפּט, אָבער זי לעבט, זי שאָקלט זיך פונאַנדער. דער פאַקט, וואָס דייטשלאַנד טרעט אַרויס ווי אַ זשאַנדאַרם פון וועלט-קאַפּיטאַל, וועט, ווי מיט אַ האַמער-קלאַפּ דערלאַנגען איבערן קאָפּ דעם אַרבעטער, ווייל דער דייטשער פּראָלעטאַריאַט באַשפּייט נישט פון הוילע קינס... ווי קאָנען מיר אונטערשרייבן שלום-באַדינגונגען, וואָס זענען גאָר קיין באַדינגונגען נישט? קיין איין פּונקט אין זייער דאָקומענט איז דאָך נישט פאָרמולירט. וואָס הייסט ביי זיי „דעמאָביליזאַציע"? מיר זאָלן זיך אַנטוואָפענען? מיר, וואָס האָבן נישט דערלויבט אונז צו אַנטוואָפענען אין קערענסקיס צייט, וועלן דאָס איצט מקיים זיין אין אַ מלוכה-

מאַסשטאַב צוליב די דייטשע אימפּעריאַליסטן ?... מען וועט שעכטן ארבעטער, סאָלדאַטן אין פינלאַנד, אין ליפלאַנד, אין קורלאַנד — און מיר זאָלן שווייגן ? וועט נישט די סאָוויעטן-מאַכט פאַרלירן די רעכט אויף עקזיסטענץ ביי אַזאַ שלום ?..."

אַ ווארעמער ציטער פון זעלישער דערשיטערונג איז אַריין אין די דעבאַטן. נישט נאָר די לאָגיק אַליין האָט געדאַרפט האָבן דאָס וואָרט דאָ היינט אין דער נאַכט. איך האָב געפילט די שפּי מעוודיק-ווארעמע אַטמאָספער פון דער אסיפה בעת איך האָב גענומען רעדן אַנטקעגן דעם שלום... „זאָל מען אונז דאָ ריכטיק פאַרשטיין. מיר קעמפן קעגן שלום נישט ווייל מיר האָבן מורא פאַר „נאַציאָנאַלער שאַנדע". אָדער ווייל מיר שטעלן העכער פאַר אַלץ די „נאַציאָנאַלע זעלבסט-באַשטימונג". ווי לענין וויל אונז איינרעדן. מיר קעמפן קעגן ס אָ צ י אַ ל ע ר מפּלה, וואָס מיר גרייטן צו קעגן אונזער ס אָ צ י אַ ל ן פאַרראַט לגבי די האָרעפּאַשנע פעלקער, וואָס האָבן צונויפגעבונדן זייער גורל מיט אונז. אַזעלכע מאָראַלישע פליכטן זענען נישט נידעריקער פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, זיי זענען אַ טייל פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע גופא... איר האַלט נישט פון מאָראַל, אָבער זי איז אַ געוואַלטיקע קראַפט... פאַרוואָס רעדט איר מיט אַזאַ לייכטקייט וועגן דער דייטשער באַוועגונג ? איר טענהט, אַז זיי האָבן נישט געמאַכט תיכף קיין רעוואָלוציע בעת די דייטשן האָבן גענומען אָנגרייפן. טאַקע לענין פּיי טראָצקי האָבן די זעלבע טענות צום דייטשן ארבעטער. אָבער רעוואָלוציעס קומען דאָך נישט אין טעג, און דווקא אין די טעג, וואָס אונז ווילט זיך... זיי מוזן דאָך אויסרייפן, זיי פאַרלאַנגען דאָך אַ געוואַלטיקע אינערלעכע דערשיטערונג פון די מאַסן... די ערשטע סימנים האָבן מיר דאָך שוין געזען... און דווקא אונזער ווייטערדיקע רעוואָלוציאָנערע פּאָליטיק וועט זיי וועקן ווייטער... נישט אַ שלום, וועלכן מיר וועלן אָנשליסן מיט זייערע אייגענע פייניקער, וועט וועקן זייער מוט, נאָר דווקא אונזער אָ פּ ז אָ ג פון אַזאַ שלום. זיי זענען היינט אָפּגעשיידט פון אונז דורך דער צענזור, אָבער זיי וועלן זיך געפינען אין רעבעלישער אויפרעגונג, הערנדיק וועגן אונזער אָפּזאָג פון שלום, בפרט

נאָך, אַז זייערע חיילות וועלן זיך רוקן ווייטער פון לאַנד... אוודאי וועט אונז זיין די ערשטע צייט ביטער... אָבער מיר האָבן וואו אָפּצוטרעטן... איר זאָגט, אַז זיי באַדראָען פּעטראָגראַד? אָבער ס'איז דאָ מאָסקווע, ס'איז דאָ די וואָלגע, ס'איז דאָ דער אוראַל... אומעטום וועלן מיר זיין אַרומגערינגלט פון די סימפּאַטיעס פון פאָלק... אונזערע זאַמדן און וואַסערן וועלן דערשטיקן דעם סאָציאַלן נאַפּאָלעאָן, ווי זיי האָבן אַמאָל דערשטיקט דעם נאַציאָנאַלן נאַפּאָלעאָן אין רוסלאַנד... דאָס ערגסטע אין דעם שלום זענען נישט זיינע איינצלנע תּנאים, נאָר דער גייסט זיינער. ער וויל די רעוואָלוציע אַזעקשטעלן אויף די קני. מען וועט זיך צוגעוואוינען צו סאָציאַלער בזיונות, צו קלאַסן-הכנעה... אַ כּך שיכּטן וועלן נישט וועלן פירן דעם קאַמף? זאָלן טאַקע אַלע, וואָס זענען שוואַך אין גייסט, וואָס שמאַכטן נאָך אָפּרו, נאָך פרידלעכער אַרבעט בלייבן דערהייל אָן אַ זייט... עס וועלן בלייבן גענוג מוטיקע כּוחות"...

צום סוף פון דער רעדע האָב איך דערמאַנט דאָס, וואָס האָט אונז דעמאָלט גענומען שאַרף ברענען אין הארץ. „און לאָמיר זיין דאָ, וואו מיר זענען אויף אויג צווישן זיך, אויפריכטיק צואיינאַנדער. מיר האָבן מיט אייך, באָלשעוויקעס, נישט ווייניק חלוקי דעות... איז ווייסט דאָס... אָבער ס'איז ביז איצט געווען צווישן אונז אַן ענגער צוזאַמענבונד בנוגע איין גרויסער פראַגע. אין אונזער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק, אין קאַמף פאַרן וועלט-שלום און אינטערנאַציאָנאַל, זענען מיר געווען טיף-סאָלידאַריש. דאָס האָט אונז צוזאַמען אויך אָפּגעשיידט פון די רעכטע סאָציאַליסטן. וועט מען איצט אונטערשרייבן דעם שלום, וועט פונאַנדערפאַלן דער זעלישער בונד פון אונזערעביידע פּאַרטייען. דאָס איז שוין אַ געפאַר פאַר דער רעוואָלוציע אין גאַנצן... זאָלן מיר נישט פאַרלירן איינער צום אַנדערן די אַכטונג, די סאָלידאַריטעט..."

אין אַ טיף שווייגן אַרום בין איך אַוועק אויף מיין אָרט. אַ ריי באָלשעוויקעס האָבן מיט אָפענער סימפּאַטיע געקוקט אויף אונז. איך האָב דערזען אַ צערדיקן אויסדרוק אויפן געזיכט פון

דער פייערדיקער באָלשעוויסטין קאָלאָנטאַי, אין אירע אויגן האָבן געשימערט אַזוי ווי טרערן. זי איז די ערשטע און כמעט די איינציקע צוגעשטאַנען צו לענינען, בעת ער איז אין דער פעברואַר-רעוואָלוציע אַרויסגעטרעטן מיט זיינע פּלענער. און זי האָט זיך איצט שאַרף אָפּגעשיידט פון לענינס פּאָזיציע. די באָלשעוויקעס האָבן אויך פאַרשטאַנען, אַז דער שלום מיט דייטשלאַנד פירט צו אַ נייער מחלוקה אין די סאָוויעטישע רייען גופא. דער שאָטן פון אַ שפּאַלטונג האָט זיך אויף אַ ווײַלע דורכגעטראָגן איבערן זאַל. און דאָס האָט קיינער נישט געוואָלט. מיר זענען דאָ געזעסן אין ברידערלעכער משפּחה. לענין איז געווען אין כעס אויף דער געשאַפענער שטימונג. (נאָך דער פאַרזאַמלונג האָט ער אין אַן אַרטיקל אָנגעשריבן וועגן דער געפאַר פון „שטיינבערגס פראַזע“.)

מען האָט נישט איבערצייגט איינער דעם אַנדערן. די זיצונג האָט זיך געשלאָסן און — ביז די אָפיציעלע זיצונג פון דער גאַנצער סאָוויעט-עקזעקוטיווע האָט זיך געעפנט — זענען די פירנדיקע מענטשן נאָך אַמאָל אויף אַ רגע צונויפגעקומען זיך ביים פאָרזיצער פון דער עקזעקוטיווע, סווערדלאָוון. ס'איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט, און מען האָט זיך דורכגערעדט וועגן די פאָרמעלע פראַגן. דזערזשינסקי איז געזעסן שווייגנדיק, ווי אַ שטומער, אָבער ער — דער דיסציפּלינירטער שווייגער פון זיין פּאַרטיי — האָט מיט סימפּאַטיע און פאַרוואונדערונג געקוקט אויף אונז (אין די פראַגן פון דער אינערלעכער פּאָליטיק, בפרט רעפּרעסיע, זענען מיר ביידע דאָך געווען שטענדיקע און שאַרפע קעגנער !). סווערדלאָוו איז, ווי דער הויפּט-מחותּן אויף דער חתונה, געווען פאַרנומען מיט אַרבעט. לענין האָט מיט אַ ביסל אומרויקן, אָבער סאַרקאַסטישן בליק אַרומגעשפּרייזט איבערן צימער. ער האָט נישט געוואוסט איצטער גענוי צי וועט ער האָבן די נייטיקע מערהייט אין דער לעצטער אינסטאַנץ.

דריי אַ זייגער ביינאַכט האָט זיך געעפנט די אָפיציעלע זיצונג פון דער עקזעקוטיווע, ביי וועלכער ס'האָבן אָנטיילגענומען אויך די פראַקציעס פון די רעכטע סאָציאַליסטן. ס'איז געבליבן

גאָר ווייניק צייט ביזן טערמין פון דייטשן אולטימאַטום. האָט מען באַגרעניצט די צייט פאַר די רעדנער. לענין האָט אין נאָמען פון דער רעגירונג גערעדט 15 מינוט, קאַמקאָוו און אַנדערע פון די פראַקציעס — צו צען מינוט. מען איז צוגעטרעטן צום אָפּשטימען. מען וועט אָפּשטימען, אָנרופנדיק יעדן ביים נאָמען. מיט אויפרעגונג, אין די פאַרשידנסטע אינטאָנאַציעס האָבן די דעפּוטירטע אָפּגעגעבן זייער שטים, אַריינלייגנדיק אין זייער „יאָ" אָדער „ניין" דעם גאַנצן שטורעם פון די נשמות. די, וואָס זאָגן „ניין", האָבן אויסגערופן זייער באַשלוס מיט שטאַרקייט, מיט העזה, מיט אַ נצחון-געפיל קעגן דעם אומזיכטבאַרן שונא. פאַר אונטערשרייבן די דייטשע באַדינגונגען האָבן זיך ענדלעך אַרויסגעזאָגט 116 שטימען, קעגן — 85, אָפּגעהאַלטן האָבן זיך 28 (דערונטער באָלשעוויקעס פון פוילן און ליטע). אַ מאָמענט האָט געהערשט אַ שטילקייט, דערנאָך האָבן עפּעס אויף אַ באַנק אויסגעבראָכן פאַטשערייען פון אַ לעניניסט. איינער פון אונזערע, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טריבונע, האָט זיך צו אים אַ וואָרף געטון: „צי שעמט איר זיך נישט צו פאַטשן?" — עס איז שוין געווען האַלב פינף ביינאַכט.

מיט דריי שטימען איינגעלעך, אָבער דאָך אַ מ ע ר ה י י ט האָט לענין געקריגן. די רעגירונג האָט זיך תיכף פאַרזאַמלט אין אַ קליין צימער הינטער דער טריבונע. לענין האָט אונז פאָרגעלייענט דעם קורצן נוסח: „לויטן באַשלוס פון דער צענטראַלער סאָוויעט-עקזעקוטיווע, באַשליסט דער קאָמיסאַרן-ראַט: די שלום-באַדינגונגען פון דער דייטשער רעגירונג אָנצונעמען און אַרויסצושיקן קיין ברעסט-ליטאָווסק אַ דעלעגאַציע". מען האָט גענומען התמענען זיך אויפן דעקרעט. אַז ס'איז געקומען די ריי צו אונז, די לינקע עס-ערן, האָבן מיר זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבן. — „סטייטש, — האָט מיט אַ בייזן בליק געפרעגט לענין — דאָס איז דאָך דער באַשלוס פון דער עקזעקוטיווע!" — „מיר וועלן נאָך קעמפן קעגן דעם! ביז דער ראַטיפיקאַציע איז צוויי וואָכן!" — האָבן מיר געענטפערט. מען האָט געדאַרפט צונויפשטעלן איצט די דעלעגאַציע קיין ברעסט. טראָצקי האָט זיך שוין

לאַנג אָפּגעזאָגט. ער האָט דאָך געהאַלטן, אַז „דער שלום וועט
זיין אַ פּאַרראַט אין פולן זין פון וואָרט". (כאָטש ער איז עפּנט-
לעך מער נישט אויפגעטרעטן אין דער פראַגע.) יאָפּע האָט זיך
אויך אָפּגעזאָגט צו טראָגן „יעדע פּאָליטישע פאַראַנטוואָרטלעכ-
קייט" ביי דער איצטיקער נסיעה קיין ברעסט. מען האָט געפונען
אַנדערע מענטשן: טשיטשערין, סאָקאָלניקאָוו, קאַראַכאַן. און מען
איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען. זיבן אַ זייגער פאַרטאָג איז די טע-
לעגראַמע אַוועק...

8.

די קענער פון דעם געשעענעם באַשלוס האָבן זיך אָבער
נישט אָפּגעזאָגט פון קאַמף. שוין אויף מאָרגן, דעם 24-סטן, האָט
ע' אויפגעפלאַמט מיט ליידנשאַפט. פיר מיטגלידער פון באָלשע-
וויסטישן צענטראַל-קאָמיטעט, בוכאַרין בתוכם, זענען אַרויסגעטרעטן
פון קאָמיטעט. דער מאָסקווער קאָמיטעט פון די באָלשעוויקעס האָט
אויסגעדריקט זיין אומצוטרוי צום צענטראַל-קאָמיטעט און אָפּגע-
זאָגט זיך „דורכצופירן אין לעבן די באַדינגונגען פון דעם שלום-
אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד". דער צענטראַל-קאָמיטעט פון די לינקע
עס-ערן האָט „אָפּגעוואָרפן די באַדינגונגען פון דער דייטשער
בורזשואַזיע און אויפגערופן די אַרבעטער, סאָלדאַטן און פויערים
צום באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן דעם אָנגריף פון דעם אויסלענ-
דישן קאַפּיטאַל... צי מען וועט אונטערשרייבן די באַדינגונגען צי
נישט — דער קאַמף איז נישט צו פאַרמיידן!" די דאָזיקע פּראָטעסט-
באַוועגונג האָט אָבער פּלוצלינג געקריגן נאָך אין דעם זעלביקן
טאָג אַ טראַגישע באַשטעטיקונג. זיבן אַ זייגער אינדערפרי האָט
מען ערשט אָפּגעשיקט די הכנעה-טעלעגראַמע. און פיר אַ זייגער
ביי טאָג האָבן די דייטשן איינגענומען די שטאָט פּ ס ק אָ וו.
פּסקאָוו אָבער געפינט זיך נישט ווייטער ווי אַכט שעה מהלך פון
פּעטראָגראַד! די ידיעה איז אָנגעקומען שפּעט אינאָוונט. ס'האָט
זיך געשאַפן דער איינדרוק, אַז די חיילות, אפשר קליינע, באַוועגן

זיך אין דער ריכטונג אויף דער הויפּטשטאָט. און אַ געוואַלטיקער
אומרו האָט מיט אַ העליש פייער אַרומגעכאַפּט דעם סמאָלני. די
לעניניסטן האָבן אויך פאַרשטאַנען די סכנה. מיט איין מאָל האָט
זיך ווידער אָנגעצונדן יענער ענטוזיאַזם, מיט וועלכן עס האָט
געלעבט און געאָטעמט די אָקטאָבער-רעוואָלוציע אין אירע בעסטע
צייטן. ס'איז פאַרשוואונדן דער ברודער-קריג. 12 אין דער נאַכט
האָט דער „פאַרטיידיקונגס-קאָמיטעט" אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף:
„דערקלערט תיכּף די אַלגעמיינע מאָביליזאַציע פון אַלע אַרבעטער
און אַרבעטערינס, וואָס שטייען פאַר די סאָוויעטן! שיקט אַלעמען
אין סמאָלני אַריין! קלויבט צוזאַמען לאָפּעטעס און גראָבאייזנס
אויף צו גראָבן טראַנשעיען! די טראַמווייען זאָלן גיין די גאַנצע
נאַכט! רעקווירירט אַלע אויטאָס און שיקט זיי אין סמאָלני.
חברים, נעמט זיך צו דער אַרבעט. די רעוואָלוציע שטייט אין
געפאַר!"

אַלע פאַבריקן און באַטריבן פון שטאָט האָבן תּיכּף גענו-
מען הודען און פייפן און בלאָזן דורך זייערע טרובעס. די גאַנ-
צע נאַכט האָט זיך געטראָגן דאָס צעצויגענע, דראָענדיקע שופר-
בלאָזן איבער דער שטילקייט פון דער שטאָט, צונויפרופנדיק די
אַרבעטער. דער גאַנצער גאַרניזאָן איז טעלעפאָניש אויפגעפאָדערט
געוואָרן צו בילדן פרייוויליקע פאָרמאַציעס. פון די טראַמוויי-
פּאַרקן האָט מען אַרויסגערופן אַלע טראַמווייען. וואָס זענען פי-
בערהאַפט אַרומגעלאָפן איבער דער שטאָט די גאַנצע נאַכט.
ס'האָבן זיך אָנגעצונדן פייערלעך אין די פינסטערע גאַסן.
טויזנטער מענטשן האָבן זיך געגרייט אין וועג. איינס ביינאַכט
האָט מען אַרויסגערופן אין סמאָלני אַלע מיטגלידער פון דער
סאָוויעט-עקזעקוטיווע, יעדער האָט געקריגן צוגעטיילט זיין
אַרבעט. צוויי ביינאַכט האָבן דורך די אויפגעלעבטע גאַסן פון
אַלע עקן שטאָט מיט שטיל אויפגערעגטן גערויש גענומען גיסן
זיך צום סמאָלני-צו אַרבעטער, מאַטראָסן, סאָלדאַטן. מענער זע-
נען באַגלייט געווען פון פרויען, אָפטמאָל פון קינדער. רויט-
גוואַרדיסטן זענען געקומען אין פולער באַוואָפנונג מיט די ראַנ-
צעס אויף די פּלייצעס. דער סמאָלני גופא, דער שטראַלנדיקער

ביגאַנט מיט די הונדערטער ליכטיקע פענסטער, האָט אַריינגענומען אין זיך די אויפגעברויזטע כוואַליעס פון מענטשן. אינעווייניק האָט געהערשט אַ מונטערע אויפרעגונג. מען האָט געשלעפּט קוילנוואַרפער און גראַנאַטן, מען האָט אויפגעשטעלט קאַראַולן, מען האָט פאָרמירט באַטאַליאָנען. קוריערן זענען אַלע מינוט געפלויגן פון און אין אַלע עקן שטאָט און לאַנד. דריי אַ זייגער ביינאַכט זענען דערשינען שוין אָרגאַניזירטע דעלעגאַציעס פון פאַבריקן: זייערע אַרבעטער אַלע ביז איינעם האָבן זיך דערקלערט גרייט צו גיין אין קאַמף. דער קאָמיסאַר פון גרענאַדיר-רעגימענט איז דערשינען: דער גאַנצער רעגימענט מאַרשירט צום סמאָלני און וואַרט אויף באַפעלן. דאָקטוירים און סאַניטאַר-שוועסטער האָבן דאָ אויפן אָרט צונויפגעשטעלט זייערע פאָרמאַציעס צו באַגלייטן די קעמפער. אין משך פון איין נאַכט — נאָך די טראַגישע רוף-סיגנאַלן פון די פאַבריקן — האָט זיך אַזוי פאַרמירט אַן אַרבעטער-אַרמיי פון ז ע כ צ י ק ט ו י ז נ ט מענטשן.

דער פרימאָרגן האָט נישט אָפּגעקילט די התלהבות. עס עס האָבן זיך געגאָסן און געשטורעמט נייע און נייע טויזנטער. ס׳האָט נישט געקלעקט אויפן אָרט פאַר זיי קיין געווער און קיין טראַנספּאָרט-מיטלען. די גרייטשאַפט צו מסירת נפש האָט געפלאַקערט אין די מאַסן. מען האָט געוואָלט איבערשטייגן איינער דעם אַנדערן אין מסירת נפש. גאַנצע פאַבריקן מיט זייערע פאַבריקס-קאָמיטעטן בראש האָבן זיך מאָביליזירט פרייוויליק. דאָס האָט געדראָט שוין אָפּצושטעלן די פּראָדוקציע. האָט מען געווענדעט זיך צו לעבנס-וויכטיקע באַטריבן, ווי צו דער פּוטילאָווער פאַבריק, מיט אַ בקשה צו טיילן די אייגענע כוחות אויף ביידע פראָנטן: קאַמף און פּראָדוקציע. די, וואָס זענען געבליבן ביי דער אַרבעט, האָבן באַשלאָסן צו אַרבעטן מער שעהן, אַזוי פיל שעה, וויפיל עס וועט זיין נייטיק פאַר דער פאַרטיידיקונג. דער דאַזיקער פלאַם פון באַגייסטערונג האָט צוגעצויגן צו זיך די סאָלדאַטן. די קלאַנגען פון שטורעם-גלאָק האָבן זיך געטראָגן שוין איבערן גאַנצן לאַנד. מיט מוזיק און געזאַנג האָבן זיך אין פּעטראָגראַד געשלענגלט צום

וואַרשעווער באַן-הויף די פּאַרטיזאַנישע גרופּן, וואָס זענען באַשטימט געוואָרן אין דער ריכטונג צו פּסקאָוו. אין די טעג האָט זיך פאַרמירט, מיט דיבענקאָן בראש, אַ מאַטראָסן-פאָרמאַציע פון 1600 מענטשן. זייער שטימונג האָבן אויסגעדרוקט הונדערטער טעלעגראַמען, וואָס האָבן זיך געגאָסן צום סמאָלני. „מיר, מאַטראָסן פון די מינען-שיפן, האַלטן פאַר נייטיק — אין דער שווערער שעה פון דער רעוואָלוציע — צו שטעלן זיך אויף איר וואַך, צו בילדן אַן אייגענע קאַמפּס-גרופּירונג און צו שלאָגן זיך פאַרן סאָציאַליזם ביזן לעצטן טראָפּן בלוט". דעם 25-סטן איז געפאַלן אין די פיינטלעכע הענט די הערלישע שטאָט ר ע װ ע ל. און דער צאָרן פון אַרבעטער-פאָלק האָט זיך אויפגעהויבן ביז צום הימל.

## 9.

אין דידאָזיקע בהלה-טעג האָבן זיך שאַרף אַרויסגעשליפן די הויפּט-פּאָזיציעס פון אַלע ריכטונגען אין לאַנד. דריי פון די ריכטונגען זענען געווען קלאָר. די פּאַטריאָטישע (רעכטע) סאָציאַליסטן און אַ טייל בירגערלעכע קרייזן האָבן פאַרלאַנגט מען זאָל פירן מלחמה „מיטן דייטש". נישט באַשיצונג פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע, נישט חשבונות פון דער וועלט-רעוואָלוציע האָבן געמאַטערט זיי, נאָר טעמים פון נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר ווירדע און נ אַ צ י אָ נ אַ ל ן קיום פון רוסלאַנד. זיי האָבן פאַרלאַנגט דערפאַר מען זאָל ווידער צונויפבינדן זיך מיט די אַנטאַנט-מלוכות. צוליב אַנדערע סיבות און מיט אייגענע פניות (זיי האָבן פאַרלאַנגט דעם צונויפרוף פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג), האָבן זיי אָבער דאָך איצט געהאָלפן דעם רעוואָלוציאָנערן אויפברויז פון לאַנד. די נישט לעניניסטישע באָלשעוויקעס (זיי האָבן זיך גערופן לינקע) האָבן מיט כעס און מיט פעסטקייט גערופן זייערע חברים און די מאַסן צום קאַמף קעגן דעם אימפּעריאַליזם, וואָס באַדראָט דעם ס אָ צ י אַ ל ן קיום פון לאַנד. זיי וואָלטן

אויפגעכרעטן נאָך פעסטער, ווען זיי וואָלטן נישט געהאַט אין רוקן די קאָנטער-אַגיטאַציע פון לענינען, און זיי האָבן זיך נישט געקאָנט לייכט אַנטשליסן אָפּצושיידן זיך פון אים. די לעצטע טעג אָבער, דער ווייטערדיקער אָנגריף פון די דייטשן שוין נאָכן חתמענען דעם שלום, האָט זיי געמאַכט זיכערער און זיי האָבן גענומען צוגרייטן אַ „רעוואָלוציאָנערן קריג". — די לינקע עס-ערן זענען געווען די דריטע ריכטונג, וועלכע האָט דעמאָלט מיט דער גרעסטער התלהבות אַרייַנגעוואָרפן זיך אין צוגרייטן דעם „באַוואָפנטן אויפשטאַנד". א ו י פ ש ט אַ נ ד — נ י ש ט ק ר י ג ! דאָס איז געווען דער קאַמפּס-לאָזונג פון די לינקע עס-ערן... פאַרוואָס?

אַ טיפער, פּאָליטישער און טעכנישער אונטערשיד איז געווען צווישן דידאָזיקעביידע קאַמפּס-פאָרמען. קריג איז קאַמף פאַר „רוסלאַנד", פאַר דער מלוכה און דער נאַציע. אויפשטאַנד איז קאַמף פאַר די אַרבעטער-קלאַסן, פאַר סאָציאַליסטישע צילן, פאַרן אינטערנאַציאָנאַל. אין אַ קריג טרעט אַרויס די רוסישע נאַציע קעגן אַנדערע נאַציעס. קריג איז אַ המשך פון יענער אימפּעריאַליסטישער שיטה. קריג צעטרייסלט נישט די אידעאָלאָגיע פון די פעלקער, וואָס שטייען נאָך אין דער וועלט-מלחמה. אויפשטאַנד פירט אָבער אַרויס האָרעפּאַשנע ק ל אַ ס ן קעגן די אויסבויטער קלאַסן. אויפשטאַנד, הייסט עס, קעמפט נישט פאַר איין לאַנד, נאָר צוגלייך אין נאָמען פון און פאַר אַ ל ע סאָציאַל-אונטערדריקטע פון דער וועלט. אין אויפשטאַנד באַשיצט דער אַרבעטער אויך „גרענעצן". אָבער די גרענעצן מוזן צוגלייך זיין אויך יענע סאָציאַלע ליניע, וואָס טיילט אָפּ די ביידע וועלטן: די אַלטע און די נייע וועלט. אויפשטאַנד צעטרייסלט דערפאַר די נשמה פון די אין נאַציאָנאַלע קריגן פאַרשקלאַפטע פעלקער. — און ס'איז דאָ נאָך אַן אונטערשיד. אין קריג זענען דאָ אַ ר מ יי ע ן, סיסטעמאַטיש באַוואָפנטע, טעכניש-אויסגעבויטע און מאַטעריעל-פאַרזאָרגטע; אַרמייען, וואָס זענען אויפגעבויט דורך צוואַנג, זענען אָפּגעטיילט פון דעם מאַסן-לעבן אַרום, זענען צענטראַליזירט אין די הענט פון דעם שטאַט. אין אויפשטאַנד קעמפן נישט אַרמייען, נאָר פּ אַ ר ט י-

ז אַ נ ע ן, די לעבעדיקע מאַסן אַליין, וואָס קומען פרייוויליק און באַגייסטערט, וואָס זענען צעשפּרייט אויפן שטח פון גאַנצן קאַמפּס-לאַנד. נישט אַזוי פיל מיט געווער און טעכניק, ווי מיט זייער גלויבן און סאָציאַלן אימפּעט באַקעמפן פּאַרטיזאַנען דעם שונא. זיי קעמפן נישט נאָר לויט מיליטערישע רעגעלן. פון הינטער אַלע ווינקעלעך, אין קליינע פאָרמאַציעס און אין גרויסע שלאַכטן, פירן זיי אַ קאַמף פאַר יעדער שטאָט, יעדן דאָרף, יעדער גאַס, יעדער פאַבריק. באַוואָפנט מיט עלעמענטאַר געווער, מיט לייכטע קאַנאָנען, צונויפגעוואַקסן מיט דער גאַנצער באַפעלקערונג, פּעיקע פלוצלינג אַרויסצופאַלן פון אַ זייט, צו פאַרניכטן און אויפרייסן די באַנען, די בריקן, די מאַטעריאַלן, פּונקט אַזוי שנעל צו פאַרשווינדן, זענען די פאַרטיזאַנען פון קלאַסן-אויפשטאַנד אַ טויטלעכע געפאַר פאַר אַרמייען. דער דאָזיקער טעכנישער אונטערשיד פון אויפשטאַנד און קריג פליסט אַרויס אין אַ גרויסער מאָס פון דעם טיפן פּאָליטישן אונטערשיד צווישן זיי. די לינקע עס-ערן האָבן געפאָדערט דערפאַר דעם אויפשטאַנד. די רוסישע אַרבעטער און פויערים — האָבן זיי געטענהט — ווייסן איצט דעם טעם פון דעם שלום. די קלאַסן-נאַטור פון דעם אָנגריף איז נאַקעט און בולט. יעדער שריט פאָרויס פון די דייטשע חיילות איז אַ קלאַפּ פאַר די סאָציאַלע דערגרייכענישן פון דער רעוואָלוציע. און יעדער שריט זייערער איז ממלא אַן אויפרוף צום פרייוויליקן, קרבנותפולן קאַמף פון די מאַסן. אויך די דייטשישע באַנדעס וועלן ווערן אויסגעמאַטערט פון אַזאַ קאַמף, וואָס נישט שלום און נישט קריג, וואו מ'איז תמיד אַרומגערינגלט מיט געפאַר און מיט שרעקן, מיט פאַראַכטונג און שנאה. דאָס איז נאָך נישט אַלץ: נישט נאָר פאַראַכטונג און שנאה וועט זיי אַרומנעמען. אויף וויפיל די דייטשע פאָרמאַציעס אַנטהאַלטן אין זיך אַרבעטער און סאָציאַליסטן, וועט די רוסישע רעוואָלוציע באַקעמפן זיי ג יי ס ט י ק, דורך איר אומאויפהערלעכער פּראָפּאַגאַנדע, דורך דעם אידעישן אויפרייס-מאַטעריאַל. די ערד פון סאָוויעט-רוסלאַנד ברענט מיט אַ סאָציאַליסטיש פייער אונטער די פיס פון די פרעמדע; זיי וועלן מוזן אַרונטערפאַלן אונטער איר צויבער און ווערן אויס פרעמדע. דער רעוואָלוציאָ-

בערער צויבער פון רוסלאַנד וועט — וואָס ווייטער דער קאַמף — אַריבערכאַפּן זיך אויך צו די דייטשע האַרעפּאַשניקעס אין זייער אייגן לאַנד. זאָלן די דייטשן נאָר גיין ווייטער, זאָלן זיי דעראָבערן גאַנץ רוסלאַנד; „זיי וועלן דעראָבערן זיך נאָר אַ הונדערט מיליאָן נייע רעבעלן"*).

ס'איז געווען אַ פּרינציפּיעלער חילוק צווישן די לינקע באָלשעוויקעס און די לינקע עס-ערן. אָבער איצט, אין די הייסע טעג פון אָנטשלוסן, האָט דער חילוק נישט געשפּילט קיין ראָלע. זיי האָבן געקאָנט אַרבעטן פּאַראַלעל. זייער אַקטיווע‚ פּונקט ווי דער אַקטיוויטעט פון אַלעמען, איז אָבער געווען פּאַראַליזירט דורך אַ פּערטער ריכטונג. דאָס איז די ריכטונג פון לענינען. די טעג האָט די ריכטונג געשפּרונגען ווי אין אַ שדים-טאַנץ. לענין האָט פּאַרשטייט זיך, אָנטיילגענומען אין דעם סטיכישן אויפשטורם פון דער נאַכט צום 25-סטן פעברואַר, אין דער צוגרייטונג פון קאַמף. אָבער בעת די מאַטראָסן און אַרבעטער זענען געגאַנגען צום פראָנט, בעת די סאָוויעט-עקזעקוטיווע האָט דערקלערט: „אַלע ידיעות וועגן פּאַרלאָזן פּעטראָגראַד זענען פאַלש; די רעגירונג בלייבט דאָ און גרייט צו די סאַמע ענערגישע פּאַרטיידיקונג פון פּעטראָגראַד", — אין דער זעלביקער צייט האָט לענין זיך צו-געהערט מיטביידע אויערן ווי אונזערע דיפּלאָמאַטישע קוריערן לויפן קיין ברעסט-ליטאָווסק. און ער האָט גלייכצייטיק גענומען פירן אין דער פּרעסע אַן אָפן געפעכט פאַר זיין טאַקטישער ליניע. דעם 24-סטן האָט ער אָפּגעדרוקט זיינע טעזיסן פון 7-טן יאַנואַר. אין אַ ריי אַרטיקלען האָט ער מיט די שאַרפסטע ווערטער אויס-געלאַכט די פּאָליטיק פון „רעוואָלוציאָנערער פראַזע"; האָט מיט קאַזויסטישע ראיות אָפּגעשלאָגן די אַרגומענטן פון קעגנער. ער האָט אומצייליקע מאָל אונטערגעשטריכן די שוואַכקייט פון לאַנד, די שטאַרקייט פון שונא. פון דעם ערשט-קלאַסיק-באַוואָפנטן, גרויס-

---

*) דאָס האָט בעזאָנט אַמאָל דער אַנטימיליטאַריסט ע ר וו ע בנוגע דער געפאַר פון דייטשלאַנד קעגן פראַנקרייך.

אַרטיק אויסגעבויטן גיגאַנט. ער האָט — ווי בוכאַרין האָט דערקלערט אויפן צוזאַמענפאָר פון די באָלשעוויקעס — „דעמאָביליזירט די מאַסן", געגאָסן אין זיי יאוש, נישט מוט*). די גאַנצע אָפיציעלע ליניע פון דער פאַרטיי און פון דער רעגירונג האָט זיך פאַרדרייט. די אָפיציעלע צייטונג פון דער רעגירונג האָט געשריבן: „מוט, מוט און נאָכאַמאָל מוט! ביז דער דייטשער אַרבעטער וועט אָנפאַלן אויף זיינע פייניקער פון הינטן, לאָמיר זיי אַטאַקירן פון פראָנט און באַווייזן, אַז ס'לעבט נאָך די נשמה פון רוסישן אַרבעטס-פאָלק". און לענין האָט בעת מעשה געשריבן: „אין דער וועלט-געשיכטע איז שוין געווען, אַז מען פלעגט אונטערשרייבן נאָך ערגערע שלום-אָפּמאַכן ווי דער ברעסטער, און דאָס פלעגט נישט פירן צו פאַרניכטונג פון פאָלק אָדער רעגירונג". נאָך לענינס אַרויסטריט אין דער פרעסע קעגן אונז האָבן מיר אויך, די פאָלקס-קאָמיסאַרן, וואָס האָבן ביז איצט אויפגעטרעטן סאָלידאַריש, געהאַלטן זיך פאַר פריי רעדן קלאָרע דבורים. די לינקע באָלשעוויקעס האָבן געגרינדעט אַן אייגענע צייטונג אין פעטראָגראַד: „דער קאָמוניסט". מיר האָבן געפירט קעגן אים אַ שאַרפע אַטאַקע. איך האָב אָנגעשריבן דעמאָלט אַן אַרטיקל: מכוח מאַיעסטעטישע געדאַנקען**). „ווי נישט שווער איז דאָס צו טון איצט, אונטער די פוסטריט פון די דייטשע פערד, אָבער מען טאָר נישט לאָזן אָן ענטפערן דעם אומאויפהערלעכן שטראָם פון ווערטער, וועלכער גיסט זיך די טעג פון לענינען. וועגן וואָס גייט אָן דער שטרייט צווישן אונז? וועגן די מעלות פון „הייליקן קריג"? חס ושלום. קיין איין פאַרנינפטיקן מענטש פאַלט דאָס נישט אַריין אין קאָפּ. צי מיר שטרייטן וועגן דעם, אַז אונ-

---

*) אין אַ סך יאָרן אַרום האָט מען בוכאַרינען דערמאָנט, אַז אין יענער צייט האָט ער זיך בעקליבן, און האָט עס פאָרגעשלאָגן די לינקע עס-ערן, צו פאַרעסטירן לענינען און בילדן אַ נייע רעגירונג.

**) אין אונזער פאַרטיי-בלאַט „זנאַמיאַ טרודאַ" פון 27-סטן יאַנואַר 1918.

טערצושרייבן אַן אימפּעריאַליסטישן שלום איז מיאוס, איז אַ שאַנד און ערנלאָז? חס ושלום! נישט וועגן מאָראַל אַליין האַנדלט זיך אין קריטישע מאָמענטן פון דער געשיכטע. דער שטרייט קומט פאַר וועגן גאָר אַנדערש: צי וועט די סאָוויעט־רעגירונג קאָנען נישט נאָר אַנטוויקלען זיך, נאָר אפילו דערהאַלטן ווערן אין דער שכנות פון דעם זיגרייכן פּרייסישן אָדלער. לעניןַ האַלט, אַז ער וועט דורכשלעפּן אפילו ביי אַזאַ שכנות דעם סאָציאַליזם. און מיר האַלטן, אַז עס קאָ:ען נישט שטיין נעבנאייננאַנדער דער סמאָלני אינסטיטוט און די דייטשע באָטשאַפט. אַז די באָטשאַפט וועט ווערן ממילא אַ שטאַב פון דער רוסלענדישער און דער אויסלענדישער קאָנטר־רעוואָלוציע, וועט נישט בלייבן אין רוסלאַנד קיין אָרט פאַר דער סאָציאַליזאַציע פון ערד, פאַר דער קאָנטראָל פון אַרבעטער איבער פאַבריקן, פאַר אַנולירונג פון אויסלענדישע הלוואות, פאַר מאָנאָפּאָליזירן דעם האַנדל מיט אויסלאַנד... יאָ, מיר קוקן זיכער אין דער נאָענטער צוקונפט און מיר לאָזן זיך נישט פאַרשיכורן מיט דער פראַזע וועגן אויפהאַלטן די סאָוויעט־רעגירונג. אפשר — אגב אורחא — דערפאַר, ווייל מיר מישן נישט צונויף די סאָוויעט־ר עפּובליק מיט דער סאָוויעט־ר עגירונג. וועט מען אָננעמען די דייטשע באַדינגונגען, וועט זיך אפשר נאָך האַלטן אַ קורצע צייט די רעגירונג. אָבער פון דעם זין, פון פּראָגראַם פון דער רעפּובליק וועט נישט בלייבן קיין זכר. עס וועלן בלייבן רעשטלעך פון עפּעס אַ נאַציאָנאַלן סאָוויעטיזם. ס'וועט גאָרנישט אָבער בלייבן פון אינטערנאַציאָנאַלן גייסט און השפּעה פון די סאָוויעטן... לאָמיר נישט וואַרפן פון אַ געזונטן קאָפּ אויף אַ קראַנקן. לאָמיר פאַרשטיין: עס מאַכט זיך, אַז סאָוויעטישע פירער גייען זיך פונאַנדער מיט די מאַסן. אויף דער אַרענע פון דער וועלט־געשיכטע זענען שוין אָבער אַרויס די מאַסן און זיי וועלן זיין וויכטיקער ווי די פירער. דעמאָלט וועט מען זען — ווער האָט גערעדט די פראַזע פון מוט און ווער — די פראַזע פון פּאַניק".

איך רעכן, אַז ס'איז נישט קיין צופאַל, וואָס אין דעם

אַרטיקל מײַנעם האָב איך דערמאָנט, אַז לענין „מישט צונויף סאָוויעט־רעפּובליק און סאָוויעט־רעגירונג". מיר האָבן שוין דעמאָלט גענומען פילן, אַז אין דעם קאַמף פאַרן שלום אַנטפּלעקט זיך בײַ לענינען אַ נײַער צוג, וואָס איז געווען פריער פאַרשטעלט דורך דער מעכטיקער סמיכיע פון רעוואָלוציע. לענין האָט אַזוי פאַנאַטיש געקעמפט פאַרן שלום, ווײַל ער האָט געוואָלט ראשית כל באַוואָרענען די מלוכה־מאַכט, די מאַכט פון די סאָוויעטן אָדער פון פּראָלעטאַריאַט אָדער פון זײַן פּאַרטיי. האָט ער דאָך דערקלערט אין זײַן צענטראַל־קאָמיטעט דעם 18־טן פעברואַר: „וואָלטן די דײַטשן געזאָגט, אַז זיי פאָדערן אָראָפּצוואַרפן די באָלשעוויסטישע מאַכט, דעמאָלט וואָלט מען אוודאי געמוזט פירן מלחמה". צוליב די אינטערעסן פון דער מאַכט־באַהאַלטונג איז ער געווען גרייט צו אָפּפערן אידעאַלן פון דער רעוואָלוציע. דעמדאָזיקן געפערלעכן צוג האָבן דעמאָלט די לינקע עס־ערן פאַרשפּירט. דערפאַר האָבן זיי — אויפן באָדן פון די שלום־פאַרהאַנדלונגען — געפירט אַ קאַמף מער ווי פאַרן שלום. זיי האָבן געשטרעבט צו באַוואָרענען די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע לגבי דער הוילער פּאָציאַליסטישער מאַכט.

10.

אָט אַזוי — אין אינערלעכע און דרויסנדיקע קאַמפן — האָבן זיך געגאָסן טראָפּנווײַז די טעג פון 25־סטן, 26־סטן, 27־סטן פעברואַר. דעם 28־סטן איז געקומען אַ „שׂמחה": מען איז דערגאַנגען, אַז די רוסישע דעלעגאַציע, מיט קאַראַכאַנען בראש, איז הינטער פּסקאָוו, אויפן וועג קיין ברעסט. די דײַטשע חיילות האָבן זיך די טעג גערוקט טיפער אין לאַנד. קיין דערקלערונגען האָבן זיי אין ערגעץ נישט געגעבן. אַ וואָפן־שטילשטאַנד צו דערקלערן האָט גענעראַל האָפמאַן אָפּגעזאָגט... דעם 1־טן מערץ אין אָוונט האָט אַ דונער אַרײַנגעשלאָגן אין שטאָט. פון קאַראַכאַנען

איז אָנגעקומען אַ קורצע פּאַרוואָרענע טעלעגראַמע: „שיקט אונז אַרויס לעבן פּסקאָוו אַ צוג מיט אַ גענוגנדער שוץ". לענין האָט תיכּף פונאַנדערגעשיקט פון זיך אין גאַנצן לאַנד אַ טעלעגראַמע מיט אַלע סימנים פון פּאַניק. די ידיעה פון קאַראַכאַנען באַדייט מסתּמא, אַז די שלום-פאַרהאַנדלונגען זענען איבערגעריסן פון די דייטשן; מען מוז זיין גרייט צו אַ תּיכּפדיקער אָפּענסיווע פון די דייטשן אויף פּעטראָגראַד און בכלל אויף אַלע פראָנטן: „אומבאַדינגט שטעלן צו לעמען אויף די פיס און אָננעמען מיטלען צו פאַרטיידיקונג". מען קאָן זיך פאָרשטעלן וואָס ס'האָט זיך געטון אין דער נשמה פון לענינען, בעת ער האָט האַסטיק אָנגעוואָרפן דידאָזיקע ווערטער צום לאַנד. אָבער אָביעקטיוו האָבן זיי דעמאָלט אין דער זודיקער לופט פון די מאַסן נישט געקאָנט האָבן קיין גרויסן באַדייט. פאַר די וועלכע האָבן זיך שוין סיי ווי געגרייט צום קאַמף, איז די טעלעגראַמע געווען נאָר אַ איבעריקע באַשטעטיקונג. און פאַר די, וואָס האָבן ביז איצט לעניניסטיש געהאָפט אויף אַ שלום, איז די פלוצלינגדיקע תּיכּפדיקע צוגרייטונג צום קאַמף געווען שווער פּסיכאָלאָגיש, נאָכדעם ווי מען האָט זיי פריער סיסטעמאַטיש אַנטמוטיקט. דער טאָג פון 2-טן מערץ איז געווען אַ פאַרווירנדיקער שדים-טאָג נאָכמער ווי די פריערדיקע. אָבער אין אָוונט דעם טאָג איז געקומען די „דערלייזונג". אַ נייע טעלעגראַמע אין סמאָלני פון טשיטשערינען און סאָקאָלניקאָוון פון ברעסט: ד ע ר ש ל ו ם א י ז ד אָ!

„נעכטן האָט אונזער דעלעגאַציע — איז דאָ געשטאַנען — דערקלערט, אַז זי זאָגט זיך לחלוטין אָפּ צו באַטראַכטן די פאַרגעשלאָגענע שלום-באַדינגונגען, ווייל די מיליטערישע אָפּעראַציעס קעגן רוסלאַנד גייען ווייטער. אונזער פאַרלאַנג מען זאָל אָפּשטעלן די אָפּענסיווע האָט מען אָפּגעוואָרפן. אין אַזאַ לאַגע איז דער גאַנצער שלום-אָפּמאַך נישט מער ווי אַן אולטימאַטום אונטערגעשטיצט דורך הוילער געוואַלט. די רוסישע דעלעגאַציע שרייבט אונטער די אויפגעצוואונגענע באַדינגונגען אָ ן צ ו ב א ט ר אַ כ ט ן ז י י און האַלט פאַר איר חוב מיטצוטיילן וועגן דעם די אַרבעטער און פויערים פון רוסלאַנד און פון דער גאַנצער וועלט". קאַראַכאַן האָט מוסיף געווען באַזונדער, אַז די באַדינגונגען זענען נאָך ערגער איידער די פון דעם לעצטן אולטימאַטום. „מיר האָבן באַשלאָסן

ניש צו באטראכטן זיי, אונטערצושרייבן און ארויספארן. דערפאר האב איך נעכטן עקסטרע געבעטן ארויסצושיקן אונז א צוג אנט־קעגן". אט ווי עס האט זיך גאר אויפגעקלערט די געהיימנישפולע טעלעגראמע פון קאראכאנען! די פאניק איז געווען גאר אומזיסט!

לענין האט זיך בארויקט. דעם 3־טן מערץ האט מען דארטן אינטערגעשריבן דעם „שלום". די בשורה וועגן דעם איז אויף נאגן פונאנדערגעשיקט געווארן אין לאנד. ראטיפיצירן דעם שלום האט געדארפט די העכסטע מאכט אין דער רעוואלוציע — דער קאנגרעס פון אלע סאוויעטן — אין צוויי וואכן ארום, דעם 17־טן. אויפן 12־טן מערץ ווערט פארזאמלט אין מאסקווע דער קאנגרעס.

ס'איז שווער געווען ארויסצוזאגן, ווי ער וועט באשליסן. שוין דעם 24־סטן פעברואר, גלייך נאך דעם באשלוס פון דער סאוויעט־עקזעקוטיווע, וואס איז דורך מיט אזא קליינער מערהייט, האבן מיר פארלאנגט, אז מען זאל טעלעגראפיש אנפרעגן וועגן זייער מיינונג אלע גרעסערע סאוויעטן. זייערע תשובות זענען טאג־טעגלעך געלאפן אין סמאלני. בעת די סאוויעטן פון די גרויסע שטעט — כארקאוו, קאלוגא, צאריצין, קאזאן, דער אוראל האבן אפגעווארפן, האבן אנדערע — קליין־שטעטלדיקע און אפט פויערישע סאוויעטן — אנגענומען דעם שלום. אין די לעצטע צען טעג האבן נאכאמאל די ביידע פאזיציעס עקשנותדיק געקעמפט פאר נצחון. דעם 15־טן מערץ איז דער קאמף אפיציעל געווארן געלייזט. מיט 700 שטימען קעגן 300 האט דער ראטן־קאנגרעס די שלום־באדינגונגען ראטיפיצירט. עס האט געזיגט די שטים פון „סאלדאטן, וואס האבן זיך אויסגעמאטערט, בענקענדיק נאך שלום", פון נישט באוואוסטזיניקע פויערים פון פארווארפענע העקן, וואס האבן מער געטראכט וועגן זייער דארף איידער דער רעפובליק, פון אלע שוואכע אין גייסט, וואס האבן נישט געגלייבט מער אין דער רעוואלוציע". לענין האט אויסגעפאכטן דאס ערשטע גרויסע געפעכט אין די רייען פון דער רעוואלוציע גופא.

אויסגעפאכטן דאס געפעכט? אבער נייע וואלקנס האבן זיך תיכף באוויזן אויפן סאוויעטישן הימל. נאכן באשלוס פון קאנגרעס זענען די עס-ערן אריס פון דער צענטראלער סאוויעטן-רעגירונג. זיי האבן נישט געוואלט מיט זייערע הענט דורכפירן אן אפמאך, וואס האט געדארפט שטיקן די רעוואלוציע. זיי האבן זיך אפגעזאגט פון דער מלוכה-מאכט, אום פרייער און פאראנטווארטלעכער צו באווארענען דעם סאציאליזם. זיי האבן פון די הויכן ווידער זיך אראפגענידערט צו די מאסן, אום אין דער מיט פון זייערע רייען צו פירן דעם קאמף, וועלכער וועט איצט נישט אויפהערן, נאר אננעמען נייע און שווערערע פארמען... די שיידונג פון דיביידע סאוויעטישע פארטייען האט שפעטער געבראכט צו דער פאטאלער שיידונג פון שטאט און רעוואלוציאנערן דארף, צו דער פארטיי-דיקטאטור, צום בלוטיקן טעראר... דער שלום איז געווען געחתמעט, און גלייך נאך דעם האט די דייטשע ארמיי אין טייכן בלוט פארטרונקען די רעוואלוציע אין פינלאנד, גלייך נאך דעם האט דאס עסטרייכישע מיליטער גענומען ווערגן די אוקראינישע, דעם נאטירלעכן שותף פון דער רעוואלוציע, באלד נאך דעם האט אויסגעבראכן אויף דער וואלגע דער אויפשטאנד פון די טשעכאסלאוואקישע סאלדאטן. די אקטאבער-רעוואלוציע איז פון פייער פון דער מלחמה ארייגעשפרונגען אין א נאך מער העליש פייער פון „שלום"...*).

* * *

אין פיר חדשים ארום —ביים אטענטאט אויף מירבאך אין מאסקווע — האבן זיך באוויזן די ערשטע אנזאגן פון דער דייטשער רעוואלוציע. די האפנונגען פון די לינקע רעוואלוציאנערן זענען באשטעטיקט געווארן פון דער רעגירונג.

*) מיר קענען זיך דא נישט אפשטעלן אויף דער פראגע: צי האט דער ברעסט-ער פרידן סוף-כל-סוף געהאלפן דער אקטאבער-רעוואלוציע צי נישט? אין אן אנדער ארבעט („דאס העראישע יאר 1917—18") זוכן מיר צו באווייזן, אז ער האט איר געבראכט נאר שאדן, טראץ דער איבערפלעכלעכער טעכנישער דערלייכטערונג פון די ערשטע וואכן, אז ער האט אין א גרויסער מאס ארויפגעלייגט זיין פארדערבלעכן שטעמפל אויף איר גאנצן ווייטערדיקן גאנג.

# ביאָגראַפישע ידיעות וועגן איינצלנע פּערזענלעכקייטן

## מ אַ ר י אַ   ס פּ י ר י ד אָ נ אָ װ אַ

מאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ ספּירידאָנאָוואַ האָט אין יאָר 1906, זייענדיק אַלט 18 יאָר, אויסגעפירט אַן אַטענטאַט אויף דעם גענעראַל לוזשענאָווסקי אין טאַמבאָוו, לויט דעם באַשלוס פון דער פּאַרטיי פון די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן. פון דעם מאָמענט אָן, ווען אָט דער גענעראַל האָט בעת די אַגראַרישע אומרוען געהייסן שמייסן די פּויערים, האָט ספּירידאָנאָוואַ נישט געקאָנט מער געפינען פאַר זיך קיין זעלישע רו. זי האָט אים נאָכגעפאָלגט אומעטום ווי אַ שאָטן. אויף דער סטאַציע באָריסאָ-גלעבסק, ווו ער האָט זיך באַוויזן אויף אַ מינוט, אַרומגע-רינגלט פון זיינע קאָזאַקן, האָט זי אויסגעשאָסן אין אים איינציקע מאָל. אין דער אַלגעמיינער מהומה וואָלט איר קליינע פיגור קוים באַמערקט געוואָרן, ווען ספּירידאָנאָוואַ וואָלט פּלוצים נישט אויסגעשריגן: „דערשיסט מיך!” זי האָט געפּרוווט צוטראָגן דעם רעוואָלווער צו איר אייגענעם שלייף, אָבער זי איז דורך די קלעפּ פון די קאָזאַקן אַנידערגעוואָרפן געוואָרן אויף דער ערד. פון דער רגע אָן האָט זיך אָנגעהויבן איר מאַרטירער-לעבן, וואָס דויערט עד-היום. אַ באַנדע קרעפּטיקע באַוואָפנטע מאַנסבילן האָט זי געשלאָגן, געפּייניקט, פאַרוווּנדעט. „פאַרוואָס שלאָגט איר מיך? שטעלט מיך אוועק פאַר אַ געריכט, דער-

שיסט מיך, אָבער פייניקט נישט!" — האָט זי קוים געקאָנט אַרויסריידן. אַ געחלשטע, אַ פאַרגאָסענע מיט בלוט האָט מען זי געבראַכט אין דער פּאָליציי. דאָ האָט מען איר אָנגעטאָן די שרעקלעכסטע ענוים, מען האָט זי געהאַלטן נאַקעטערהייט אין אַ קאַלטן צימער, מען האָט אויסגעלאָשן ברענענדיקע פּאַפּיראָסן אויף איר לייב. צוועלף שעה לאַנג האָט געדויערט אַזאַ „אונטערזוכונג". ספּירידאָנאָוואַ האָט נישט אַרויסגעגעבן פון זיך קיין איין וואָרט, קיין איין זיפץ. אָבער דאָס שרעקלעכסטע האָט זי געמוזט איבערלעבן אין דעם וואַגאָן, אין וועלכן מען האָט זי ביינאַכט געפירט אונטער דער אויפזיכט פון קאָזאַקן-אָפיצירן קיין טאַמבאָוו. ערשט אין געפענגעניש האָט זי געפונען איר „רו", מער נישט ווי דער טובערקולאָז האָט געצייכנט רויטע בלומען אויף אירע באַקן און שוואַרץ-בלויע רענדער האָבן זיך אַריינגעשניטן אין געזיכט אונטער אירע אויגן.

דאָס לאַנד וואָלט גאָרנישט געוווּסט פון דידאָזיקע איבערמענטשלעכע ליידן, ווען אירס אַ בריוו וואָלט נישט דורך אַ צופאַל באַקאַנט געוואָרן דער עפנטלעכקייט. דער בריוו האָט דערשיטערט אַלע הערצער. מיט איינמאָל איז מאַריאַ ספּירידאָנאָוואַ געוואָרן די „מאַרוסיאַ", דאָס געליבטע קינד און דער סימבאָל פון דעם אונטערדריקטן רוסלאַנד. — פאַר דעם קריגס-געריכט האָט זי דערקלערט: „פאַר דעם טויט האָב איך נישט מורא. איר קאָנט מיך טויטן, אָבער איר קאָנט נישט טויטן מיין גלויבן אין דעם, אַז עס דערנענטערט זיך די צייט פון פאָלקס-גליק, בעת ס'וועלן הערשן אמת און גערעכטיקייט, בעת פרייהייט און ברידערלעכקייט וועלן נישט זיין קיין פּוסטע ווערטער. אָ, ס'איז באמת נישט קיין שאָד אָפּצוגעבן דערפאַר דאָס לעבן. מער האָב איך נישט וואָס צו זאָגן". מען האָט זי פאַרמשפּט צום טויט. די באַשטעטיקונג פון אורטייל האָט זיך פאַרצויגן. דערווייל האָט זיך אַ שטורעם פון כעס און פּראָטעסט גענומען טראָגן איבערן לאַנד. דער פּראָטעסט האָט זיך אַריבערגעגאָסן אויך אין אויסלאַנד. מענטשן און גרופּן אין

אייראָפּע, וועלכע זענען נאָר געווען פּראָגרעסיוו און הומאַן, האָבן געלאָזט דעמאָלט הערן זייער וואָרנענדיקע פּראָטעסט־שטים. טויזנטער מענטשן האָבן געפאָדערט, מען זאָל לאָזן ספּירידאָנאָוואַ ביים לעבן. דער צאַריזם האָט זיך געוואַקלט.

דערווייל האָט מען מאַרוסיאַן געבראַכט אין דער קאַטאָרגע־טורמע אין מאָסקווע, ווו עס זענען שוין געווען קאָנצענטרירט פאַר זייער אַריבערפירן קיין סיביר די אַנדערע באַרימטע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן גערשוני, סאַזאָנאָוו, סיקאָרסקי און אַנדערע. אָט די רעוואָלוציאָנערן האָבן דאָ צוגעשיקט צו ספּירידאָנאָוואַ אַ בריוו, פול מיט ליבע און יראת־הכבוד. זיי האָבן געשריבן: „מיר ווייסן, מאַרוסיאַ, אַז איר וועט אַרויפגיין אויף דעם עשאַפאָט אָן מורא, פּונקט אַזוי ווי איר האָט ביז איצט דורכגעלעבט אייער לעבן. מיר האָבן אָבער מורא, אַז אויב מען וועט אייך באַגנעדיקן צו לעבנסלענגלעכער קאַטאָרגע, וועט איר נאָך דער גאַנצער דורכגעלעבטער פּיין מער נישט געפינען די קראַפט צו לעבן ווייטער. מיר באַשווערן אייך, מאַרוסיאַ, צו באַגעגענען דאָס לעבן פּונקט אַזוי ווי דעם טויט, מיט דעם מוט, וועלכער צייכנט אייך אויס"!... און ספּירידאָנאָוואַ, דאָס 18־יעריקע מיידל, אַרומגערינגלט מיט די שאָטנס פון טויט, האָט זיי געענטפערט: „האָט נישט קיין מורא פאַר מיר. צי ווייסט איר דען נישט, אַז איך געהער צו יענע, וועלכע לאַכן געפינענדיק זיך אַפילו אויפן קרייץ? איך וועל אויך אין דער קאַטאָרגע לאַכן. אונזערע אידייען זענען אַזוי גרויס און הערלעך, אַז אַלע פּערזענלעכע געפילן פאַרבלאַסן לגבי זיי. אויף ווידערזען אין לאַנד פון דער פרייהייט".

מען האָט איר באַגנעדיקט. איר לאַנגע רייזע קיין סיביר אין דעם אַרעסטאַנטן־וואַגאָן האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ טריאומף־צוג. דאָס אַרבעטס־פאָלק, די ליבעראַלע שיכטן האָבן זי פאַרשאָטן מיט באַגריסונגען, בלומען, מתנות... ביז די אייזערנע טויערן פון קאַטאָרגע האָבן זיך פאַרשלאָסן הינטער איר. עלף יאָר לאַנג, פון 1906 ביז 1917, איז ספּירידאָנאָוואַ געזעסן הינטער אָט די טויערן. פאַר דיזאָזיקע יאָרן האָט זי, נישט

געקוקט אויף איר קראַנקהייט, געלערנט שפּראַכן און פאַרשיידע-נע וויסנשאַפטן. זי איז געוואָרן אַ מאָראַלישער צענטער, אַ קוואַל פון באַגייסטערונג, פון מוט און פון סאָלידאַריטעט פאַר די הונדערטער געפאַנגענע, וועלכע האָבן געלעבט אין יסורים אין דעם גיהנום פון דער קאַטאָרגע.

די רעוואָלוציע פון 1917 האָט געבראַכט די דערלייזונג. ספּירידאָנאָוואַ איז אויפגענומען געוואָרן דורך דער באַפעלקערונג פון דער שטאָט טשיטאַ, ווו זי איז צוערשט פאַרבליבן, מיט גרויסן טריאומף און איז דאָרטן אויסגעוויילט געוואָרן אַלס בירגערמייסטער. איר ערשטער באַפעל איז געווען אויפצורייסן אין די שטעט טשיטאַ און נערצינסק אין דער לופט אַלע קאַ-טאָרגע-טורמעס. באַלד קערט זי זיך אום קיין פּעטראָגראַד, אין דער הויפּטשטאָט פון דער רעוואָלוציע. עס האָט זיך אָבער אומגעקערט שוין נישט מער דאָס צאַרטע יונגע מיידל מאַרו-סיאַ; אויף דער אַרענע איז אַרויסגעטרעטן די רעוואָלוציאָנער-דערפאַרענע, ווייט-בליקנדיקע פרוי מ א ר י א א ל ע ק ס א נ-ד ר אָ ו נ אַ ספּירידאָנאָוואַ. מיט אַ זעלטענער ענערגיע, מענטשן-קענטעניש און רעדנער-קראַפט האָט זי זיך אַריינגעוואָרפן אין דעם היסטאָרישן קאַמף פון דעם יאָר 1917: קעגן דעם וועלט-קריג, קעגן דער קערענסקי-רעגירונג, פאַרן איבערגיין צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. אַלס איינע פון די פירער פון דער ניי-געגרינדעטער פּאַרטיי פון די לינקע סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן האָט זי — צוזאַמען מיט קאַמקאָוו, נאַטאַנ-סאָנען, מאַיאָראָוו, טרוטאָווסקין, איזמאַאילאָוויטש, קאַכאָווסקאַיאַ און אַנדערע — צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער סאָוויעט-רעוואָ-לוציע. אירע וועגן זענען געלאָפן פּאַראַלעל מיט די וועגן פון די באָלשעוויקעס, אָבער זיי האָבן זיך נישט צונויפגעגאָסן מיט זיי.

די אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט זי אַוועקגעשטעלט אין דער שפּיץ פון דער פּויערים-באַוועגונג. זי ווערט די שטענדי-קע פאַרזיצערין פון די פּויערים-קאָנגרעסן, זי ווידמעט איר קראַפט צו פאַרווירקלעכן די גרויסע פּראָגראַם פון סאָציאַלי-

זירן די ערד. דעם ערשטן רעוואָלוציאָנערן קאָנגרעס פון די פויערים פירט זי אין אַ טריאומף-ציוג דורך די גאַסן פון פעטראָגראַד, כדי אים צו פאַרבינדן מיט דעם אַלרוסישן אַרבעטער-ראַט, מיט דעם פּראָלעטאַריאַט. אָט אַזוי האָבן לענין און ספּירידאָנאָוואַ צוזאַמען געשאַפן די ברייטע סאָציאַלע באַזע פאַר דער גרויסער רעוואָלוציע. די אַגראַר-פּראָגראַם איז אָבער פאַר ספּירידאָנאָוואַ אַ סך מער איידער נאָר אַ טיפערווירטשאַפטלעכער איבערקער. אין אַ רעדע, וועלכע זי האָט דעמאָלט געהאַלטן צו אירע חברים, האָט זי דאָס שאַרף אויסגעדריקט: „איר וועט איצט נעמען פאַרווירקלעכן די סאָציאַליזירונג פון דער ערד, אָבער איר מוזט דערביי שטענדיק געדענקען, אַז איר זייט סאָציאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן. איר מוזט אַריינטראָגן אין אייער אַרבעט די זוכעניש נאָך דעם מאָראַלישן אמת; דעמאָלט וועט אונז געלינגען אַריינצוגיסן אין דערדאָזיקער סטיכישער באַוועגונג יענעם לעבעדיקן שטראָם פון רעליגיעזער התלהבות, מיט וועלכן די רעוואָלוציע אָטעמט". אין אָט דעם גייסט האָט זי געהאַלטן הונדערטער פלאַמענדיקע רעדעס, האָט זי פאַנאַנדערגעשיקט אומצייליקע בריוו, אַרטיקלען, אינסטרוקציעס אין אַלע עקן פון דעם ריזן-לאַנד, ביז...

ביז אין יולי 1918 איז געקומען דער ריס צווישן איר פאַרטיי און די באָלשעוויקעס. ספּירידאָנאָוואַ איז געוואָרן די שאַרפסטע קעגנערין פון דער זיך-בילדנדיקער מלוכה פון פאַרטיי-דיקטאַטור. זי האָט דערפילט, אַז די מאָראַלישע פּרינציפּן פון דער רעוואָלוציע שטייען אונטער אַ סכנה. „ווייל — האָט זי געזאָגט — די הויפּט-קראַפט פון אַ רעוואָלוציע באַשטייט אין איר גייסטיקער הויך, אין איר זיטלעכער טיפקייט, און יעדער שאָדן פון דערדאָזיקער זייט איז אַ סך געפערלעכער איידער דער פאַרלוסט פון כמותדיקע רעוואָלוציאָנערע כוחות, ווייל ער פירט צו דער זעלבסטפאַרניכטונג פון דער רעוואָלוציע".
זינט דעם ריס מיט לענינען און מיט די באָלשעוויקעס האָט זיך אָנגעהויבן איר צווייט מאַרטירער-לעבן. נאָך קוים דרייסיק יאָר אַלט, ווערט זי אַרעסטירט, געהאַלטן פאַרשפאַרט אין

קרעמעל, נאכדעם פריגעלאזן, באלד ווידער ארעסטירט, געשטעלט פארן טריבונאל, פארמשפט. פון איר געפענגעניש אין קרעמעל שיקט זי ארויס איר בארימטן, שפעטער אלס בראשור דערשינענעם „אפענעם בריוו צו דעם צענטראל-קאמיטעט פון די באלשעוויקעס". זי רעדט איבער דעם רויט-ארמייער פון דער טשעקא, וועלכער באוואכט זי, און אנטלויפט מיט אים צוזאמען פון קרעמעל. א יאר אומלעגאלע טעטיקייט אין מאסקווע. אין דער שטאט, ווו זי איז נאך אקארשט געווען באקאנט און געליבט פון טויזנטער מענטשן, וואנדערט זי ארום אונטער א פאלשן נאמען... ביז זי ווערט אין יאר 1920 אנטגילטיק ארעסטירט בעת זי ליגט קראנק אויף טיפוס אין בעט. פון יענער צייט אן געפינט זי זיך אין דער געפאנגענשאפט.

היינט איז ספירידאנאווא אלט 43 יאר. זי האט קוים געלעבט אנדערטהאלבן יאר אין פרייהייט און עס האט זיך שוין פאר איר ווידער אנגעהויבן דאס גרויסע אייזיקע שווייגן. און דאך איז זי דערזעלבער סימבאל ווי פריער, א סימבאל פון דער שטרענגסטער מאראלישער פליכט, פון דער אומגאכגעביקייט לגבי אלע נסיונות. גלייכצייטיק לעבט אין איר עד היום די זעלישע לעבנס-פרייד און גלויבן אין מענטשן, אזוי אז אין דער שטרענגער מאריא אלעקסאנדראוונא שיינט שטענדיק ארויס דיזעלביקע יוגנטלעכע מארוסיא, ווי מיט 25 יאר צוריק.

## אירינא קאכאווסקאיא

אן אייניקל פונם „דעקאבריסט" קאכאווסקי, וועלכער האט אין יאר 1825 מורד געווען קעגן ניקאלאי I, איז זי אין יאר 1907 פארמשפט געווארן צו פופצן יאר קאטארגע. באפרייט דורך דער רעוואלוציע 1917, איז זי אריינגעטרעטן אין דער פארטיי פון די לינקע סאציאל-רעוואלוציאנערן, וואו זי האט אלס רעדנערין און קעמפערין פארנומען גאר א באדייטנדיק ארט. נאכדעם ווי מען האט אונטערדריקט דעם קראנשטאטער אויפשטאנד

אין מערץ 1921, איז זי ארעסטירט געוואָרן דורך די באָלשעוויקעס און ביז איצט האָט מען זי נאָך נישט באפרייט*).

## באָריס קאַמקאָוו

א לאַנגיעריקער מיטגליד פון דער סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערער פאַרטיי, האָט ער אונטערן צאַריזם געמוזט איבערקומען צוויי שווערע שטראָפן. זינט דער רעוואָלוציע פון 1917 איז ער איינער פון די הויפּטפירער פון דער פאַרטיי לינקע סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן. זינט 1919 געפינט ער זיך אָדער ביי דער אומלעגאַלער אַרבעט פון זיין פאַרטיי, אָדער אין תפיסה און פאַרשיקונג.

## ק. ברעשקאָ-ברעשקאָווסקאַיאַ

זי איז איצט אַלט פינפאונאַכציק יאָר, מען רופט זי — די באָבע פון דער רוסישער רעוואָלוציע. זינט זעכציק יאָר שטייט זי אין רוסלאַנדס רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. איינע פון די אָנפירנ-דיקע פערזאָנען פון דער סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערער פאַרטיי, איז זי אין דער רעוואָלוציע פון 1917 געוואָרן א פאַרטרעטערין פון קאָנ-סערוואַטיוון פליגל פון דערדאָזיקער פאַרטיי.

## ג. גערשוני

איינער פון די גרינדער פון דער סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערער פאַרטיי און פירער פון טעראָריסטישן קאַמף פון דערדאָזיקער פאַרטיי קעגן צאַריזם. פאַראורטיילט צום טויט, איז ער שפּעטער באַגנעדיקט געוואָרן צו לעבנסלענגלעכער קאַטאָרגע. פון דער קאַ-טאָרגע איז אים געלונגען צו אַנטלויפן און פירן נאָך עטלעכע יאָר דעם קאַמף קעגן צאַריזם, ביז ער איז געשטאָרבן פון זיין

---

*) אין יידיש זענען דאָ אירינאַ קאַכאָווסקאַיאַס דערינערונגען אונטערן נאָמען „אין שטורעם פון דער רוסישער רעוואָלוציע", „פאַרלאַג בושאַזאַ".

קראַנקהייט. גערשוני איז אַריינגעגאַנגען אין דער רוסישער געשיכטע אַלס העלדישער סימבאָל פון אַנטיצאַריסטישן טעראָר.

### א. גאָץ

צוריקגעקערט פון קאַטאָרגע, איז ער געוואָרן דער פּאָליטישער פירער פון דער סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. בעת דער אָקטאָבער-איבערקערעניש, איז ער אַרויסגעטרעטן אַלס פּאַרטיידיקער פון דער קערענסקי-רעגירונג. אין פּראָצעס קעגן דער סאָציאַל-רעוואָלוציאָנער פּאַרטיי אין יאָר 1922 איז ער פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט און שפּעטער האָט מען אים באַגנעדיקט צו אַ לאַנגער תפיסה-שטראָף.

### ח. טשערנאָוו

וויקטאָר טשערנאָוו איז געווען דער פירנדיקער טעאָרעטישער קאָפּ פון דער סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. נאָך דער שפּאַלטונג פון דערדאָזיקער פּאַרטיי אין דער רעוואָלוציע פון 1917 יאָר איז ער געבליבן, אַלס פאַרשטייער פון דער מיטעלליניע, ביים רעכטן פליגל פון דערדאָזיקער פּאַרטיי. זינט 1920 לעבט ער אין דער עמיגראַציע.

### פ. דאַן

איינער פון די הויפּטפירער פון די רוסישע מענשעוויקעס. בעת דער רעוואָלוציע פון 1917 איז ער געשטאַנען אין דער שפּיץ פון די רעכט-סאָציאַליסטישע קרייזן, וועלכע זענען געווען פאַר קערענסקיס קאָאַליציע-רעגירונג און פאַר ווייטער-פירן דעם קריג.

### י. צערעטעלי

פירער פון די גרוזינישע און רוסישע מענשעוויקעס. צוריקגעקערט פון קאַטאָרגע, איז ער געוואָרן דער באַקאַנטסטער וואָרט-

פירער פון די רעכט-סאָציאַליסטישע קרייזן און דער השפּעה־רייכסטער פּאַרטיידיקער פון קערענסקיס קאָאַליציע-רעגירונג.

### פּ. קאָקאָשקין און אַ. שינגאַריאָף

אָנגעזעענע פירער פון דער ליבעראַלער קאַדעטישער פּאַר־טיי. קאָקאָשקין איז געווען פּראָפעסאָר פון מלוכה-רעכט אין דעם מאָסקווער אוניווערזיטעט, שינגאַריאָף — לאַנדווירטשאַפטס-מי־ניסטער אין דער ערשטער קאָאַליציע-רעגירונג פון דער רעוואָלוציע.

### אַנטאָנאָוו-אָווסעיענקאָ

אַלס באָלשעוויק האָט ער גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אָקטאָבער-איבערקערעניש. נאָכן באַזעצן דעם ווינטער-פּאַלאַץ האָט ער אַרעסטירט די קערענסקי-רעגירונג. בעת דעם ערשטן בירגערקריג אין דער אוקראַינע איז ער געשטאַנען אין דער שפּיץ פון די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען פון די רויטע. איצט ראַטן-אַמבאַסאַדאָר אין טשעכאָסלאָוואַקיע.

### פּ. דזערזשינסקי

לאַנגיעריקער מיטגליד פון דער פּוילישער סאָציאַלדעמאָ־קראַטיע, וואָס איז געשטאַנען נאָענט צו דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. בעת דער רעוואָלוציע פון 1917 האָט ער זיך צוריקגע־קערט פון קאַטאָרגע און איז אַריינגעטרעטן אין דער באָלשעוויס־טישער פּאַרטיי. נאָך דער אָקטאָבער-איבערקערעניש איז ער געווען פּאַרזיצנדער פון דער טשעקאַ און איינער פון די אָנפירנדיקע מיט־גלידער פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי.

### ג. זינאָוויעוו

איינער פון די גרינדער פון דערבאָלשעוויסטישער פּאַרטיי. טרייסטער אָנהענגער פון לעניגען און אַקטיווער אָנטיילנעמער אין אַלע באָלשעוויסטישע אַקציעס. אין דער רעוואָלוציע פון 1917 איז ער פון אָנהייב געווען אַ קעגנער פון דער אָקטאָבער-איבערקערע־

ביש, אָבער שפּעטער האָט ער אַנטיילגענומען אין איר. ער איז געווען דער פאָרזיצער פון פעטראָגראַדער ראַט און פון דער עקזעקוטיוו פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, פּאָסטנס, וועלכע ער האָט פאַרלוירן בעת די אָנגעהויבענע פּאַרטיי־קאַמפן.

## א. ריקאָוו

אַן אַלטער באָלשעוויק, וועלכער האָט אין אומלעגאַלער אַרבעט געהאָלפן אויסבויען די פּאַרטיי. אין אָנהייב פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז ער געווען אַ קעגנער פון דער לענינישער טאַקטיק, שפּעטער איז ער געוואָרן פאָרזיצער פון דער ראַטןרעגירונג, איצט האָט ער פאַרלוירן זיין פּאָסטן.

# באַמערקטע דרוק־פעלערן.

| זייט | שורה | אַנשטאָט | דאַרף זיין |
|---|---|---|---|
| 17 | 8 | הונדערט | הונדערטער |
| 40 | 12 | רעפאָרמערישער | רעוואָלוציאָנערער |
| „ | 15–14 | חשבונות | תשובות |
| 42 | 27 | אוטשרעזשדיטעלנאָיע | אוטשרעדיטעלנאָיע |
| 43 | 1 | „ | „ |
| 47 | 14–13 | סאלאָנען | קאָלאָנעס |
| 55 | 5 | בירגערלעכן | ברידערלעכן |
| 59 | 29 | וועלן | ווילן |
| 63 | 30 | ריח | כח |
| 66 | 7 | גארדא צשעווסקאיא | גאָרדאטשעווסקאיא |
| 77 | 22 | צו באהאנדלען | אָן דעבאטן |
| 83 | 29 | ס. ד. | ס. ר. |
| 85 | 16 | האָט | היט |
| 91 | 28 | פאַר | קעגן |
| 96 | 3 | אין | פון |
| 104 | 30 | געווען | געוואָרן |
| 115 | 27 | קאָנפערענציעלן | קאָנפידענציעלן |
| 121 | 1 | 6־טן | 26־טן |
| 127 | 14–13 | איינריכטונג | אינסטיטוציע |
| 132 | 32 | קערענסקיס | קערענסקיס, |
| 135 | 18 | קאלעגינען | קאלינינען |
| 136 | 2 | קאָמאַנדיר | קאָמיסאַר |
| 137 | 8 | וואו | וואָס |
| 143 | 13 | רודפן | שטעלן |
| 153 | 3 | שקלאַפן | קלאסן |
| „ | 5 | זיך | זיי |
| 160 | 3 | איר | אירע |
| 172 | 29 | צו | פון |

| זייט | שורה | אָנשטאָט | דאַרף זיין |
|---|---|---|---|
| 137 | 14 | אין | פון |
| 177 | 3 | שטעט ווינדן | שטאָט ווענדן |
| 183 | 25 | סמיגלא | סמילגא |
| 185 | 20 | זיכער צונויפרופן | זוכן צונויפצורופן |
| 188 | 14 | וואָגנס | וואגאָנעס |
| 190 | 1 | ווילן | וועלן |
| 209 | 25 | זיך | אונז |
| 213 | 20 | איז | איך |